STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03516

BILDER UN MEMUAREN

Pincus Puchkoff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בילדער און מעמוארען

פון דער אלטער היים און פון מיין אייגען לעבען

פון

פנחס פושקאף

פרייז $2.50

דער גאנצער פראפיט פון דיזען בוך געהט פאר די ליידענדע פון מיין געבורטס-שטאדט טאלנע. — א געגויער קאמיטע-רעפארט מיט א רעכענונג וועט פארעפענטליכט ווערען אין צייט.

ארויסגעגעבען פון פארפאסער

P. Puchkoff, 1317 E. 31st St., Brooklyn, N. Y.

1928

Copyright, 1928, by P. Puchkoff

200 UP-TO-DATE PRINTING CO., INC.

אינהאַלט:

אַ מתנה צו מיין ליבער פרוי — 5
אַ פּאָר ווערטער צו „מיינע לעזער" — 7

1. בילדער.

ומי באש — 11
דער מושלם — 16
דער נסיון — 22
צוויי מציאות — 29
דער בעל תשובה — 34
ענטוישט — 40
גרשון־ליב — 46
ליב־געגנים — 53
צוויי חברים — 61
דרייסיג יאָהר (בילד) — 69
פאַראייניגט — 75

2. מעמוארען.

ארבע אמהות — 83
מיין ערשטע מאַמע — 85
מיין צווייטע מאַמע — 88
מיין דריטע מאַמע — 95
מיין פיערטע מאַמע — 100
הערקולעס — 105
דריי לא־זו־הדרך׳ס — 112
לא־זו־הדרך נומער איינס — 114
לא־זו־הדרך נומער צוויי — 121
לא־זו־הדרך נומער דריי — 130
דער אָנפאַנג און דער סוף פון מיין מוזיקאַלישער קאַריערע — 137
מיין שיר השירים (בילד) — 146
פון דער תפיסה צום טראָן — 156
מיין ערשטער אייגענער אָנבייסען — 163
אַ באַשערטער קוש — 170

3. ארץ ישראל.

לבי־במזרח — — — — — — — — — — — — — — — — 179
אַ רובעל מיט נייִנצעהן — — — — — — — — — — — — — 184
אברהם לייב דער גלעזער — — — — — — — — — — — — 190
ציוניזם און דער ערשטער קאָנגרעס (בילד) — — — — — — — 000
צוואָנציג יאָהר מדבר — — — — — — — — — — — — — — 196
מיין חלום ווערט פאַרווירקליכט — — — — — — — — — — 201
אהל־תם — — — — — — — — — — — — — — — — — — 205
תורה־לשמה — — — — — — — — — — — — — — — — — — 212
פערזלאך — — — — — — — — — — — — — — — — — — 219

א מתנה

צו מיין ליבער פרוי

ב ר י י נ ה ׳ ל ע

צו דער פערציגסטער עניווערסערי
פון אונזער גליקליכער פאר׳קנס׳ונג.

ל ז כ ר ו ן ע ו ל ם
צו אונזער
„וארשתיך לי לעולם״!
פון דיין מאן און אייביגען חבר

פ נ ח ס

חמשה־עשר בשבט, תרפ״ט.

אַ פּאָר ווערטער צו „מיינע לעזער"

איך רוף אייך „מיינע לעזער", ווייל איהר אַלע, צו וועלכע איך שיק מיינע שריפטען און וועלכע קויפען און לעזען מיינע שריפטען, זיינט מיינע פריינד, אַלע מיינע פּערזענליכע פריינד. די גרויסע פרעמדע וועלט קען מיך ניט, און ניט זי קויפט מיינע ביכער און ניט זי לייענט זיי...

דארום, מיינע ליבע פריינד, בעט איך אייך, האָט מיט מיר איינזעהעניש...

רעכענט זיך מיט מיר ווי מיט אַן אייגענעם מענשען...

„סוואָי טשעלאָוועק!"...

אַז איהר וועט לייענען מיין בוך, פאַרגעסט ניט, איך בעט אייך, אַז איך בין ניט קיין מענדעלי מוכר ספרים, ניט קיין שלום עליכם, ניט קיין י. ל. פּרץ וכדומה, נייערט אַ איד מכל־השנה, כלומר: אַ „נאַש־בראַט", וואָס ליידט נעבאָך אויף „שרייבאַ־מאַניע"... (ערשט אויף די עלטערע יאָהרען דאָס באַקומען... אפשר האָט עס אַ שייכות צו רומאַטיזם?...).

מילא, וואָס טוט מען ניט צוליב פריינדשאַפט? נעמט זשע טאַקע צו מיין בוך בסבר פנים יפות און דאַנקט דעם רבש"ע וואָס ער האָט א י י ך פאַרהיט פון אַזאַ מיחוש...

אגב, פאַרגעסט אויך ניט, אַז קויפענדיג מיין בוך און אויך פאַרשפּרייטענדיג איהם צווישען אייערע פריינד, ברענגט איהר הילף צו אונזערע ליידענדע ברידער אויף יענער זייט ים, ווייל ד ע ר ג אַ נ צ ע ר פּ ר אָ פ י ט פון דיזען בוך געהט דאָך פאַר דעם דאָזיגען צוועק.

מיט גרוס אַכטונג און פריינדשאַפט,

אייער,

פּנחס פּושקאָף.

בילדער

ומי באש.

ס'איז שוין געווען דער לעצטער אווענט פאר ראש־השנה ווען אברהם דער חזן האָט זיך געזעצט מיט זיינע משוררים צו דער לעצטער רעפּעטיציע.

אין שטוב האָט געמוזט ווערען פאָלקאָם שטיל.

חנה די חזנ'טע, א מאָגער ווייבעל מיט דינע ליפּען און א פּאררויסען נעזעל, האָט פאַרנומען די קינדער און זיי באַלייגט שלאָפען. באַלד איז זי אריין אין קיך און פאַרזאָגט דער גויאישער דינסט אויף האַלב אידיש און האַלב גויאיש:

„זאַווטרא ראַנאָ זאַקנייטאַיש שמאַטאַך טייג, בו מני טרעבאַ זרובעטא געשלאָגענעם לעקעך דליא אבריימעל"... דאָס האָט געהייסען: מאָרגען אין דער פריה זאָלסטו פאַרקנעטען א שטיקעל טייג, ווייל איך דאַרף מאַכען א געשלאָגענעם לעקעך פאַר אברהמ'לען.

די חזנ'טע האָט אויך אַכטונג געגעבען צי ס'איז דאָ א פולער לאָמפּ מיט קעראָסין, ווייל זי האָט געוואוסט, אז איהר „אבריי־מעל" וועט שוין היינט זיצען א גאַנצע נאַכט מיט די משוררים.

א קלייניגקייט? די לעצטע רעפּעטיציע!

און זי איז באַלד אויך אוועק שלאָפען.

אברהם דער חזן, א איד מיט א רויט שפּיציג בערדעל, מיט רויטע האָר און קליינע אויגעלאַך, וואָס קוקען אביסעל אין א זייט, האָט באַלד א קלאַפּ געטאָן אויפ'ן טיש מיט זיין אייזער־נעם שטעקעלע פון אַן אלטען רעגען־שירים — מיט דעם שטעקעל

דיריזשירט ער שוין זייט פילע יאָהרען — און א קאָמאַנדעווע געטאָן צו דער חברה משוררים:

„ונתנה תוקף!"

„וואָס איך האָב ניט אריינגעלייגט אין מיין „ונתנה תוקף", פלעגט זיך שטענדיג דער חזן באריהמען.

גרויסע מנגנים האָבען מיר צוגעגעבען, אז נאָר אין גיסן בלומענטהאל'ס סידור אָדער אין בצלאל'ס האָבען זיי באגעגענט אזעלכע טיפע געדאנקען און שעהנע איבערגאנגען.

ארום א גרויסען טיש זיינען געזעסען די משוררים, די אלטען מיט די סאפּראַנען פון ביידע זייטען דעם חזן און ווייטער די טענאָרען מיט די באַסען.

אויפ'ן טיש אין מיטען איז געשטאַנען א גרויסער בליטש־לאָמפּ פול מיט קעראָסין און ביי די זייטען ארום זיינען געווען צולעייגט די נאָטען.

דער חזן האָט א מאך געטהאָן מיט'ן שטעקעל און מען האָט אָנגעפאנגען צו זינגען.

דער גאַנצער „ונתנה־תוקף" ביז'ן „בראש השנה" איז דורכ־געגאנגען כמעט גוט, נאָר די סאָפּראַנען האָבען אביסעל „ארויפ־געצויגען".

דער חזן האָט א קלאַפּ געטהאָן מיט'ן אייזערנעם שטעקעל איבער'ן טיש ס'זאָל ווערען שטיל, האָט א פּרוב געטהאָן דעם קאמערטאָן.

יאָ, א גאַנצען „האַלבען טאָן" ארויפגעצויגען!...

— פון אָנפאנג! — האָט דער חזן א קאָמאַנדעווע געטהאָן. מען האָט נאָך אמאָל איבערגעזונגען דעם „ונתנה תוקף" ביז „בראש השנה" און דאָס מאָל איז שוין געווען פיעל בעסער.

דער חזן, שמייכלענדיג פון צופרידענהייט, האָט ארויס־גענומען דאָס פּושקעלע, פאַרוויקעלט א ציגאַר און זיך פאַרטיפט אין די נאָטען.

די משוררים האָבען דערווייל מיט די אויגען זיך איבער־

געוואונקען וועגען דער שעהנער רחל'ע, דעם חזן'ס טאָכטער, וואָס איז אין יענער מינוט אריין אין הויז מיט אַ בוך אין האַנט, זיך פאַרזאַמט אַ פּאָר מינוטען און באַלד אַוועק.

רחל'ע איז די טעג געווען שטאַרק פאַרנומען. ס'איז געקומען אַ גאַסט אין שטאָדט, דער סטודענט ווינאַקור. ער איז שוין געווען פאַרשפּאַרט צוויי מאָל אין טורמע, און יעצט איז ער ווידער פריי — איז דאָ אַרבייט גאַנצענע טעג מיט די „טאָוואַרישטשעס" אין וואַלד ביים רויטען בריקעלע און ביים באַסיין. — — —

דער חזן האָט זי באַגלייט מיט די אויגען און טיעף אַ זיפץ טועדיג, האָט ער געזאָגט צו זיך:

„קיין גוטער סוף וועט שוין פון איהר ניט זיין — הלואי זאָל איך ליגען זאָגען"...

און אַ פּרוב טוענדיג דעם קאַמערטאָן, צי מען האָט ניט פאַרלוירען דעם טאָן, האָט ער אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן שטעקעלע — בראש־השנה!...

מיכעלע דער „אַלט" האָט אָפּגעזונגען זיין סאָלאָ „בראש־השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמון" ביז „מי במים ומי באש" מיט אַלע קנייטשעלעך, מיט אַלע קרעבצעלעך, אַלעס ווי דער חזן האָט פאַרלאַנגט. דער עולם אין דרויסען, כמעט אַ האַלבע שטאָדט מענשען, ניט קוקענדיג וואָס מאָרגען איז ערב ראש־השנה און מען דאַרף אויפשטעהן פאַרטאָג צו „זכור־ברית", איז געשטאַנען צעגויפגעטיסנעט איינער צום צווייטען ביי די פענסטער און האָט זיך געשמאָלצען אוים הנאה פון מיכעלע'ס סאָלאָ...

„אי מיכעלע, אי מיכעלע. אַ געזונט אין זיין פּיסקעלע. אי זאָגט ער, אי זאָגט ער..."

נאָך אַ קליינער פּויזע האָט דער חזן אַ וויש געטהאָן דעם שטערען, שטאַרקער אַ נעהם געטהאָן דאָס אייזערנע שטעקעלע אין האַנד, דערביי איז איהם אריין די פּאַרב אין געזיכט און

עס נאָך רויטער געמאַכט ווי אימער, און פון זיינע אויגען האָט געשפּריצט ווי מיט פייער...

— „בראש־השנה“ אוניסאָן — האָט ער אַ באַפעהל געגעבען צו די משוררים. אַלע צוזאַמען זאָגט די פּרימאַ! — און זינגט ווי איך האָב אייך געלערענט, איהר זאָלט מיר ניט נעהמען קיינע ווייכע טאָנען ביז „מי במים“, דאַן זאָל דער טאָן זיין וואָס ווייכער און וואָס וואַסערדיגער... איהר זאָלט ציהען דעם „ומי במים“ וואָס מעהר לאַנגזאַם און באַוועגענד. דער טאָן זאָל זיך גיסען אַט אַזוי:

ומי במ — — — — י ם ם ם . . .

נאָך דעם תיכף זאָלט איהר אַלע צוזאַמען מיט אַמאָל און מיט אַ שטאַרקען פייער אַ זעץ געבען:

— ומי ב א ש ש ש ! .

מען האָט געגעבען אַ זינג־איבער דעם „בראש השנה“ אַלע צוזאַמען און מען האָט געענדיגט מיט'ן „ומי ב א ש ש ש !

— קיין ברעקעל אַנפעקט! (עפעקט).

— נאָך אַמאָל! — האָט דער חזן, שוין האַלב־ברוגז, אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן שטעקעלע איבער'ן טיש:

— מי במ — ים, ומי ב א ש ש ש * . . .

דאָס מאָל איז דער בראש־השנה דורכגעגאַנגען זעהר גוט. דער „ומי במים“ איז אַרויס אויסגעצייכענט, פּונקט ווי דער חזן האָט געוואָלט, אָבער דער „ומי באש“ איז געווען זעהר קאַלט, כמעט אָהן אַ ברעקעל פייער...

— נאָך אַמאָל! — האָט דער חזן שוין מיט גרויס כעס אַ געשריי געגעבען.

מען האָט נאָך אַמאָל איבערגעזונגען דעם בראש־השנה ביז צום ומי באש“....

אָבער דאָס מאָל איז געווען פיעל ערגער ווי בעפאָר. די אַלטע האָבען גאַר פאַרלוירען דעם טאַקט און זיינען אָנגעקומען צום „ומי באש“ פריהער פאַר אַלע.

דאָ איז דער חזן געוואָרען רויט ווי א בוריק, האָט געגעבען א שטאַרקען קלאַפּ מיט'ן אייזערנעם שטעקעל איבער'ן טיש און געגעבען אַ געשריי: אָט אַזוי לאָזט אוים!

— ומי ב א ש ש ש !...

און טררראַצ!... פּלוצים האָט געגעבען אַ זעץ אַ שטאַרקער פלאַם מיט אַ רויך...

דאָס אייזערנע שטעקעל האָט געטראָפען דעם לאָמפּ און איהם צובראָכען. דער ברענענדער קעראָסין האָט זיך אויסגעגאָסען איבער'ן טיש אויף די נאָטען און זיך צושפּרייט מיט אַ גרויסען העלען פלאַם...

אַלע זיינען דערשראָקענע אַרוים אין גאַס. די גויע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון'ם שלאָף און געשריען, צלם'ענדיג זיך: „באָזשע מיע"! חנה די חזנ'טע איז אַרוים אין נאַכט־העמד, האָט געבראָכען מיט די הענט און זיך צוגעהאַלטען אַלעמאָל ביים האַרצען...

אין דרויסען איז געוואָרען אַ טומעל מיט אַ געלאַף. מען איז אַרוים פון אַלע הייזער. אייניגע פרעגען מיט שרעק: וואו ברענט דאָס!

אַנדערע לויפען שוין צוריק און ענטפערען: „גאָט איז מיט אייך. ס'איז גאָרניט, ס'איז גאָרניט.

דער חזן אַליין איז געשטאַנען ביים הויז אַ צוטומעלטער, האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט. לעבען איהם זיינען געשטאַנען אַלע משוררים און וועלוועל דער באַס, אַ ווערטעל־זאָגען פון אימער, האָט זיי געגעבען צו פאַרשטעהן אַז דאָס איז דער ריכטיגער „אַנפעקט" וואָס דער חזן האָט געמאַכט און געוואָלט פון זיי ביי „ומי באש".

דער „מושלם".

דאָס איז געווען אין א חנוכה־נאַכט ווען די בחורים און יונגע לייט פון דער „סקווערער קלויז" האָבען באַשלאָסען צווישען זיך, אז איצט איז געקומען די צייט וואָס זיי מוזען איין מאָל פאַר אלע מאָל זיך אָפּרעכענען מיט'ן „מושלם". דאָס איז דאָס נייע איידעמ'ל, עפּעס א ליוועראַנט'ס א זונ'דל, וואָס איז ניט לאַנג אָנגעקומען צו שיינדעל נפתלי'ס, ר. איצי מיכעלע'ס טאָכטער, פאַר אַן איידים, און ווי ער איז נאָר דאָס ערשטע מאָל אריין אין קלויז האָט ער אַלעמען געלאָזט וויסען אז ער איז א גרויסער קענער און א מושלם.

יעדער האָט געוואוסט, אז אין דער „סקווערער קלויז" געפינען זיך די בעסטע לערנערס און די גרעסטע משכילים פון שטאָדט, אָבער זינט דער מושלם איז אָנגעקומען אין קלויז לאָזט ער קיינעם קיין קאָפּ ניט אויפהויבען.

כאָטש אין אמת האָבען אלע גלייך אויסגעפונען, אז ער איז א געגאַרטער מענש, אז ער האָט זעהר ווייניג געלערענט און קען ווייניגער אפילו פונ'ם זעירא דמן חבריא, — פונ'ם קלענסטען אין קלויז.

אין אָפּלערנען א שאַרפען בלאַט גמרא מיט „תוספות" און „מהרם־שיף", אָדער אזוי בקיאות אין ש"ס, שמועסט מען ניט, אז ניט נאָר לייב־געגנים אָדער משה'לע נחומ'ס, די צוויי שאַרפסטע גמרא־קעפּ אין קלויז, נאָר אפילו א קלענערער פון זיי האָט איהם אויך געקענט פאַרשטעקען אין גאַרטעל. אלא, וואָס־דען, תנ"ך, דקדוק מיט השכלה ביכלעך — איז ער אין דעם אויך געווען א

גענאַרטער יונג. חברה האָבען גלייך אויסגעפונען, אַז ער האָט זעהר, זעהר וויינינ געלעזען העברעאישע שרייבער און משוררים און אַז ער איז איינפאַך א ליידיגע כלי...

— דער — פלעגט ער זאָגען, איז צו א קליינער קאָפּ; יענער — איז א גראָבער יונג, ווייסט ניט מאי דקאמרי רעבעציין.. נאָר ער איז דער קאָפּ־מענש, דער תלמודיסט, דער בעל־תנ"ך און דער משכיל. מיט איין וואָרט — א „מושלם"...

דער „מושלם" האָט זיך אפילו די עלטערע אידען אין קלויז אויך צוגעגעסען מיט זיין חוצפה. פלעגען, למשל, משה הירש בער'ס מיט וועלוועל וואָלינעץ זיך אָפּשטעלען נאָך מעריב ביי דער גרויסער גמילות־חסדים שאפע און א שמועס טאָן עפּעס וועגען פּאָליטיק, פון ביסמארק'ן, פון ענגלאנד אָדער פון'ם טערק'ס דארדאנעלען, פלעגען זיך צוזאמענקומען נאָך אידען און יונגע־לייט פון דער קלויז, אלע זיינען געשטאַנען מיט דרך־ארץ, האָבען געשוויגען און זיך גוט צוגעהערט צו זייערע שמועסען, ווייל אלע האָבען געוואוסט אז משה און וועלוועל לעזען דעם „הצפירה", און עס איז א סברא, אז צו וועלוועל'ן אין הויז אריין קומט נאָר אָן א רוסישער בלאַט אויך, איז שוין קיין חידוש ניט אַז זיי ווייסען וואָס זיי ריידען, און נאָר דער „מושלם" פלעגט האָבען די חוצפא זיך דאָ אויך אריינמישען און וועלען צייגען דעם עולם אַז אין פּאָליטיק איז ער אויך א ידען...

האָט זיך געמאַכט מען האָט פארצווייגען אין קלויז א שמועס פון נגינה און מאָטעל שליאמע'ס האָט דערציילט מעשה'לאך פון'ם ווילנער בעל־הבית'ל, פון פּיצין, באַכמאַנ'ען און געזונגען א שטיקעלע „אהבת עולם" פון ניסי בעלזער און „השכיבנו" פון ירוחם'ן און אלע אין קלויז האָבען גאָר אָנגעקוואָלען, ממש געלעקט די פינגער, ווארים מאָטעל האָט טאַקע געהאַט א שעהן קול־נגינה און האָט אמאָל, זאָגט מען, גאָר געזונגען א שטיק צייט ביי אַן אָדעסער חזן און אויף נאָטען, האָט זיך דאָ אויך דער „מושלם" באַלד אריינגעמישט און געפונען חסרונות אין זיין

זינגען. ער האָט געזאָגט, אז דער „אהבת עולם" זינגט זיך גאָר ניט אזוי, נאָר אנדערש, און באלד ארייננעזאָגט זיין מבינות אויף די גרויסע חזנים, ווער עס איז דער גרעסטער חזן און ווער עס איז דער גרעסטער קאָמפּאָזיטאָר.

דאָס האָט יעדען שטאַרק פאַרדראָסען, וואָרים אַלע האָבען געוואוסט, אז ער איז אזא מבין אויף נגינה ווי א שטייגער זיין טאַטע, דער ליוועראַנט, אויף א שטיקעל „אורח חיים"...

און טאַקע באמת, ווי קומט צו איהם מבינות אויף נגינה מיט חזנות? האָט ער דאָס געזעהן אָדער געהערט ביי זיין טאַטען דעם פערד־הענדלער? ...

חברה פלעגען טאַקע איהם אמאָל דערמאָנען דעם טאַטען'ס סוסים'לעך, אָבער עס פלעגט העלפען ווי א טויטען באנקעס. זיין חוצפּה אין קלויז איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג און עס איז געווען שוין פּשוט ניט אויסצושטעהן פון אים.

אפילו דעם אלטען בערל'ן איז ער אויך געלעגען אין די ביינער: „בערל זעלצער", ווי מען פלעגט איהם רופען, האָבען אַלע אין קלויז ליב געהאַט, ווייל ער איז געווען זעהר א שעהנער, ציכטיגער איד, מיט א לאַנגע ווייסע באָרד, זעהר א גוטער בטבע, צו יעדען זיך צוגעלאָזט, מיט א שטענדיג שמייכעלע אויף די ליפּען און ביי יעדער זאך האָט ער געהאַט צו דערצעהלען א גמרא־ווערטעל מיט א מעשה'לע. האָט איינער געהאַט יאָהרצייט און געגעבען תקון, האָט דער אלטער בערל אזוי אויסגעטיילט דעם בראַנפען אז יעדער איז געווען צופרידען און עס איז נאָך גע־בליבען פאַר'ן שמש א פּאָר גלעזלעך אהיים צו נעהמען צו האָבען שבת אויף קידוש מאַכען.

האָט מען אויסגערופען א „בן זכר" פרייטאָג צו נאַכט'ס אין קלויז, האָט דאָס געמענט זיין ערגיץ אין עק שטאָדט, האָט דער אלטער בערל געמוזט דאָרטען זיין. און אז ער איז געקומען איז שוין דאָרטען געווען פרעהליך. אידען האָבען געגעסען אר־

בעם, געטרונקען ווייַן און אונטערגעכאַפּט מיט אַ זמר'ל און אַ ריקוד'ל ביז שפּעט אין דער נאַכט.

און אַז דער אַלטער בערל פלעגט שבת אין דער פריה איַנ'ם טלית מיט דער עטרה זיך אוועקשטעלען לייענען אין דער תורה פלעגט ממש די שכינה שייַנען אויף איהם. ער פלעגט אויסציהען נאָך דער ברכה אויף דער תורה דעם אָמן... און אויסגעשריען דעם „ואלה שמות בני ישראל", איז זיך דאָס צוגאַנגען אין יעדען אבר און יעדער איז געווען העכסט צופרידען פון'ם אַלטען בערל'ס קריאה — נאָר דעם „מושלם" איז ער ניט געפעהלען. ער לייענט איהם ניט עפ"י דקדוק. איהר הערט אַ חוצפּה? פון אַזאַ אַלטען אידען וויַיל ער גאָר עברי מיט דקדוק, אַנדערש איז ער ביי זייַן טאַטען מיט די גנב'ישע סוסים'לאַך ניט געווען געוואוינט.

אָט אַזוי פלעגט זיך דער „מושלם" ליב האָבען איַינעסען יעדען אין די ביינער, און דערפאַר האָט איהם יעדער פייַנט גע־האַט און מען האָט איהם געוואָלט אַרויס'פּטר'ן פון דער קלויז.

די מאָס פון'ם „מושלם'ס" חוצפּה איז איבערפילט געוואָרען ווען ער האָט זיך פאַרמאָסטען נעגען ר' אברהמ'על סופר אין שאַך שפּילען. ר' אברהמ'על סופר, אָדער ווי מען פלעגט איהם רופען „אברהמ'ל גרשון'ס", דער גרויסער למדן, די גאונישע קאָפּ, וואָס רבנים פלעגען שיקען צו איהם שאלות־ותשובות, און אויסער דעם אַ גרויסער קענער אין חכמת הטבע און אַלגעבראַ און ועל כולם אַ שאַך־שפּילער אַ באַריהמטער אין דער גאַנצער געגענט אַרום — קומט אַזאַ שנעק און האָט די העזה צו זאָגען אַז ער וועט מנצח זייַן ר' אברהמ'על סופר אין שאַך שפּילען! ...

ר' אברהמ'על סופר האָט פון אָנפאַנג, נאַטירליך, גאָר ניט געוואָלט הערען וועגען שפּילען מיט אַזאַ באַריהמער אין אַ שאַך, נאָר חברה איז צוגעשטאַנען צו איהם, אַז היינט, סיי ווי חנוכה, וואָס איז אַ מנהג שפּילען אין קוויטלעך, טערקישען דאַם, אָדער שאַך, זאָל ר' אברהמ'על סופר שפּילען כאָטש איין שאַך מיט אָט

דעם עם הארץ וואס באַרימט זיך אַז ער איז אַ מושלם, און איהם ציינגען איין מאָל פאַר אַלע מאָל וועד ער איז.

און ווען ר׳ אברהמ׳על סופר, שפּילענדיג ווייס, האָט געמאַכט די ערשטע עטליכע ציגע אויפ׳ן שאַך־ברעט איז ער שוין כמעט געווען פאַרטיג מיט דעם יונגאַטש. די שוואַרצע קעניגען איז גע־שטאַנען אין אַ גרויס געפאַהר און געווען ווי פאַרלאָרען, ווייל ר׳ אברהמ׳על סופר׳ס צוויי ווייסע פערד זיינען געשטאַנען שטאָלץ פון ביידע זייטען און האָבען פאַרשטעלט דער שוואַרצער קעניגען דעם וועג.

אונזער „מושלם״ איז געזעסען מיט׳ן קאָפּ איינגעגראָבען אין שאַך, געביסען שטאַרק די אויבערשטע ליפּ און געטראַכט און געטראַכט...

ר׳ אברהמ׳על סופר איז זיך געזעסען פריי, אָפּגערוקט ווייט־ליך פון׳ם שאַך־ברעט, האָט שמייכלענדיג געדרייכערט אַ פּאַפּי־ראָסל און געבלאָזען רינגעלעך רויך.

חברה אַרום האָבען זיך געהאַלטען רוהיג, זיך נאָר איבער־ווינקענדיג מיט די אויגען און ערוואַרטענדיג דעם בייזען סוף פון׳ם אַלעמען פאַרהאַסטען „מושלם״.

איבער דער גאַנצער טונקעל באַלויכטענער קלויז איז אַלעם געווען שטיל, נאָר צייטענווייז האָט זיך די שטילקייט איבערגע־ריסען דורכ׳ן כראָפּען פון׳ם אַלטען יאָסל וואָס האָט זיך געטראָגען פון דער ווייבערשער שוהל.

פּלוצים האָט מען דערזען ווי ר׳ אברהמ׳על סופר איז מיט אַמאָל געוואָרען בלייך ווי די וואַנט, זיין געזיכט איז פאַרענדערט געוואָרען, די הענט האָבען איהם אָנגעהויבען ציטערען, דער עולם אַרום האָט גאָר ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך, וואָס איז דאָ געוואָרען, וואָס איז דאָ געשעהן מיט ר׳ אברהמ׳ל סופר?

און מיט אַמאָל האָט זיך ר׳ אברהמ׳ל סופר אויפגעשטעלט און אַ געשריי געטאָן צום „מושלם״:

— וואָס איז דאָס, דו שייגעץ וואו איז אַהינגעקומען נאָך

א ווייס פערד? עס זיינען דאָך געשטאַנען דאָ מיינע צוויי ווייסע פערד? — אויב אזוי ביזטו טאקע א פערד גנב, ניט קיין מושלם! ... חברה האָבען באלד אויפגעהויבען א גרויס געלעכטער מיט א געפילדער — „געכאפט א גנב"! „געכאפט א גנב"! דער זוהן אזוי ווי דער טאטע...

אונזער „מושלם", דערזעהענדיג אז מען האָט איהם געכאפט ביי דער האנט, איז א פארשעמטער, מיט ארונטערגעלאָזטע אויגען אוועק פון קלויז און באלד גלעם געווארען פון שטאָדט.

א קורצע צייט שפעטער האָט שיינדעל נפתלי'ם געקראָגען אן אנדער איידעם אויף זיין אָרט, שוין ניט קיין מושלם, אָבער אויך ניט קיין פערד־גנב.

דער נסיון

די בערעליכע איז יענעם פרייטאָג געקומען אהיים פון דער קלייט זעהר שפּעט, זי איז געקומען זעהר צוטראָגען און גע־ערגערט: סטייטש, סטייטש, אזא מארק־טאָג, פאר ריזלעך, און דאָך גאָר קיין געלט ניט געלייזט; די גאַל ווערט שיער ניט צופּי־קעט צוצוזעהן ווי ביי צירעל'ן, א קלייט געגען א קלייט, און דאָרטען איז אזא שפע, אלע גוים און גויעס ווען זיי געהען נאָך פארביי די טיר איהרע, אזוי שלעפּט עס זיי אריין אהין, און עס איז דאָרטען שטענדיג א פולע קלייט מיט קונים. עס איז ממש קיין הענט ניטאָ, אזוי פיל געלט לייזט זי דאָרטען, און דאָ, אימשטיינס געזאגט, זיצסטו א גאנצבען טאָג פארלעגט די הענט אויפ'ן פייער־טאָפּ און האָסט נאָר א צופוילטע הארץ, רחמנא לצלן, קיין משוגענער הונט וויל די שוועל ניט אריבערטרעטען.

זי האָט געוואוסט, די בערעליכע, אז היינט איז א גרויסער מארק טאָג, פאר חגא, איז זי אויפגעשטאַנען צוויי שעה פארטאָג, האָט אויף גיך פארקנעטען די חלה, אויסגעפּלאָכטען לכבוד שבת די קוילעטשען, אפּגעקאָכט דעם ראָסעל־פלייש און נאָך אָפּגע־באַקען פאר איהר ליאָווטשיק'ען א גרויסען פיד־פּאלעק, באשמירט מיט שמאַלץ און מיט גריוועלעך, איהם מיטצוגעבען אין חדר אריין, זאָל ער נאָר טאקע עסען געזונדערהייט, גאָטעניו, קארג מוטשעט ער איהם נעבעך אוים דאָרטען דער מלמד זיינער, דער קוילער.

און אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען שאריען אויף טאָג, איז די בערעליכע שוין געווען פארטיג מיט איהר ארבייט, האָט אָפּגע־

דאווענט, אויסגעטרונקען אויף גיך א גלאָז ציקאָריע און אוועק אין קלייט אריין, און פון דאן אָן, כאור הבוקר, ביז איצט, שוין נאָך האַלבען טאָג איז זי געזעסען, שונאי ציון, אין געהאַקטע וואונדען און צוגעזעהען ווי צו צירעל'ן, עפּעס גלייך אַזוי ווי איהר אויף צוזעצעניש, געהען קונים אָהן א שיעור, אריין און ארויס, און די שפּע דאָרטען איז גאר ניט אפּצושאַצען.

און ווען די בערעליכע איז אריין אין הויז מיט א הארץ פול מיט ערגערניש און פּארדרוס האָט זי גאָר ניט געוואוסט אויף וואָסער א וועלט זי איז. און דאָ איז שוין אַזוי שפּעט, כמעט פאר ליכט בענטשען, איהר בערעל דארף שוין באַלד קומען פונ'ם מרחץ און זי האָט נאָך אזוי פיל ארבייט: די פיש זיינען נאָך ניט געפילט, דער צימעס ניט געמאַכט, די פּעציא ניט צוגעגרייט אויף מאָרגען און דער קוגעל — צום קוגעל האָט זי זיך נאָך אפילו גאָר ניט צוגערירט...

וואָס טוט מען? וואָס הויבט מען אָן צו טאָן?

וואָלט איהר דער קאָפּ ניט געווען אזוי דער'הרג'עט און פאַר־יסורים'ט, מאַכט שוין ביי איהר דוקא אַזא זאַך ניט אויס. זי וואָלט נאָך געקענט צוויי מאָל שבת מאַכען ביז נאַכט, אָבער געה טו עפּעס, אז עס פאַלט דיר אַלץ פון די הענט.

באַלד אָבער איז דער בערעליכע אריין א געדאַנק אין קאָפּ: זי מוז היינט געהאָלפען ווערען, זי וועט דאָס געוויס ביי איהם פועל'ן... ער איז דאָך אַזא גוטער בטבע און א גוטער מאַן צו איהר אודאי...

בכן דארף מען זיך דוקא א נעם טאָן מיט חשק צו דער ארבייט און צוגרייטען א שבת כיד המלך, אַזוי ווי איהר בערל האָט ליב... מיט א העלדזיל אינ'ם קוגעל, צווייערליי צימעסען, און ארבעס א סך אויף נאָכ'ן עסען — און טאַקע נאָך היינט אויף דער נאַכט, ווען — ווייסט זי נאָך ניט, צי באַלד נאָכ'ן עסען, נאָךביים טיש, אָדער ערשט העט שפּעטער... מוז זי זיך גוט אויסווייגען פאַר איהר בערל'ען און אָנטפּלעקען פאַר איהם

איהר האַרץ מיט איהרע צרות וואָס זי האָט אויסצושטהען פון דער צירעל די מרשעת, ווי אַזוי יענע האָט צוגענומען ביי איהר די גאַנצע שפע און אַז זי קען שוין מעהר ניט אויסהאַלטען פון איהר. און נאָר ער, איהר אייגענער געטרייער מאַן, מוז איהר העלפען מאַכען אַ סוף צו איהרע צרות און פאַרדרוס...

און אַז ער, איהר בערל, קען דאָס טאָן איז קיין פראַגע ניט... ווייל ווער ווייסט נאָך ווי זי אַז איהר מאַן, ר׳ בערל זעלצער, איז זעהר אַ פרומע, אַ ירא־שמים און באמת אַ גרויסער צדיק. ער דאַרף איהר נאָר צוזאָגען, אַז מאָרגען צו ראש־חודש בענטשען וועט ער דאָס אין זינען האָבען אין זיינע כוונות ביי „ולפרנסה טובה״... דאַן איז זי שוין זיכער, אַז באַלד נאָך שבת וועט שוין צירל ניט זיין אַזאַ מיוחסת... אַ קליינינגקייט, דער גרויסער יחוס איהרער... ר׳ דוד דעם יתום׳ס ווייב. ווער קען איהם ניט פון וואַנען ער שטאַמט. זיך געוואַלגערט אַ יתום אַלע זיינע יאָהרען און אַפילו איצט, אַז ער איז שוין אַ נאַמן אין דער טאַקסע, אָבער יעדער אין קלויז האָט איהם דאָך פיינט, ווייל ער איז אַ צבועק, אַ קאַרגער און אַ שלעכטער מענש... וועהרענד איהר מאַן, ר׳ בערל זעלצער, איז טאַקע דער גרויסער בעל יחוס, באמת פרום, גאָטס־פאָרכטיג און גיט אוועק דאָס לעצטע אויף צדקה, און דערפאַר טאַקע האָט ער דעם גרעסטען כבוד אין קלויז, די שעהנסטע עליה צו דער תורה, דעם שעהנסטען אתרוג און דעם שעהנסטען לולב, אויף די רייכסטע ברית־מילה׳ס גיט מען איהם סנדיק. הײנט זיין קריאת־התורה און מגלה־לייענען!... און איבערהויפט זיין „יחדשהו״ צו ראש־חודש בענטשען, מיט זיינע האַרציגע קרעכצען און גרויסע כוונות ווי פון אַ צדיק גמור...

און אַזוי טראַכטענדיג און ריידענדיג צו זיך אַליין איז ביי דער בערעליכע געלאָפען די אַרבייט פלייסיג און געשווינד אַזוי אַז ווען איהר בערעל איז געקומען פונ׳ם מרחץ איז שוין לאַנג געוועזען פאַררוקט טשאָלענט, דער פריפעטשיק ריין אָפּגעטינקעוועט מיט קלאָר ווייסע ליים, די פאָדלאָגע אין שטוב אָפּגעוואַשען און

באשאָטען מיט געלע זאמד, אויפ'ן טיש פארשפּרייט מיט אַ ריין ווייסען טישטוך זיינען אויף איין עק געשטאַנען אפּגעריבענע מיט גלאנץ זילבערנע לייכטער מיט די בענטש־ליכט איינגעשטעקט און אויפ'ן צווייטען עק זיינען געלעגען די שבת'דיגע חלות צוגע־דעקט מיט אַ סאַמעטענעם מענטעלע, אין מיטען אויסגענעהט אַ מגן דוד... אין שטוב איז געווען שטיל און רוהיג. דער סאַמאָוואַר האָט שטילערהייט געזאָטען און געזשומעט... ליאָוטישק איז שוין געווען אָנגעטאָן אין שבת'דיגען גארניטורעל און מיט'ן סידור'ל אין האנט האָט ער געוואַרט אויפ'ן טאַטען צו געהן אין קלויז דאַוונען; אפילו די שעהנע טעכטערל, חוה'לע, די אריסטאָ־קראַטקע, וואָס זיצט שטענדיג פון וויטענס, פארדוקט אין אַ ווינקעל מיט אַ רוסישען בוך אין האנט, איז איצט שוין אויך געווען אָנגעטאָן שבת'דיג און די האָר פארפלאָכטען מיט אַ שעהן סטענגעלע. אַלעס, אַלעס אַרום איז געווען שבת־קודש'דיג... די בערעליכע איז היינט לענגער ווי אַלע מאָל, מיט פארלייגטע הענט איבער די אויגען, געשטאַנען ביי ליכט בענטשען, זי האָט געהאַט גענוג, גענוג וואָס צו בעטען ביי גאָט...

און ווען ר' בער מיט'ן זוהנעלע זיינען אוועק דאַוונען האָט די בערעליכע אויך גענומען איהר קרבן־מנחה און זיך געזעצט מקבל שבת זיין.

אָבער דאָס הארץ איז איהר געווען זעהר שווער... און דער קאָפּ, דער קאָפּ איהרער אזוי ווי טויזענט שטיינער...

אַ קליינינגקייט, מאָרגען דער ראש־חודש בענטשען... און צירל'ס פּסק...

אָבער ווי אַזוי טוט מען דאָס? ווי אזוי הויבט מען דאָס אָן צו דערצעהלען איהר גוטען, עהרליכען און פרומען בערל'ען אזא זאך... און וואָס וועט ער זאָגען צו דעם?...

ווייסט זי דען ניט פון דעם „קו־הישר" און אנדערע ספרים קדושים וואָס עס הייסט „עינה רעה בשל אחרים", צו האָבען אַ שלעכט אויג פאר אנדערע? ...

איז דאָס דען ניט אַ שווערע זינד צו נעמען אויף זיך?...
געהן אַנטקעגען גאָט׳ס געבאָט... אויב ער, זיין ליבער נאָמען צו דערמאָנען, הייסט דוקא אזוי און ניט אנדערש?...

אָבער טאַקע, ניין! עס איז דאָך ניט אזוי!...

אונזערע חכמים זאָגען דאָך פּאָרט, אז גאָט ברוך הוא איז גוזר און דער צדיק איז מבטל...

אזוי איז געזעסען די בערעליכע פּארטיפט אין איהרע געדאַנ־קען ביז ר׳ בער איז אריינגעקומען מיט׳ן „גוט שבת" און גלייך אָנגעהויבען זינגען „שלום עליכם"...

וויפיל די בערעליכע איז ניט געווען פארצאָרנט און פאר־זאָרגט, ווען אָבער איהר ליבער, פרומער בערל האָט, ארומשפּא־צירענדיג איבער דער שטוב מיט דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און דעם ברייטען שניי־ווייסען קאָלנער, געזונגען „אשת חיל מי ימצא", ווארפענדיג אויף איהר אלע מאָל א בליק מיט א ליב־ליכען שמייכעל, האָט זי אויף א ווײלע פארגעסען כמעט אָן אלע איהרע צרות. מיט א באזונדער פלייסיגקייט האָט זי דערלאַנגט צום טיש די שבת׳דיגע מאכלים איינס נאָכ׳ן צווייטען, וועלכע איהר בערל האָט געגעסען מיט גרוים הנאה, ווייל זי האָט גע־וואוסט אז עס וועט זיין פיל בעסער און גרינגער מיט איהם צו ריידען ווען ער וועט אוועקגעהן פון טיש א צופרידענער. און כך־הוה, זייענדיג אין אלקיר שוין פאר׳ן שלאָף האָט זיך ר׳ בערל זעהר, זעהר גוט צוגעהערט צו אלע איהרע רייד און טענות צום רבונו של עולם כביכול...

לאַנג, לאַנג האָט זי גערעדט און אויסגעגאָסען איהר הארץ פאַר איהר גוטען געטרייען מאַן, וועלכער האָט אויך הארציג, זעהר הארציג פארנומען איהר בקשה... ביז.. ביז דער מלאך פון שלאָף האָט פארשפּרייט איבער זיי זיינע פליגעל און האָט זיי ארונטער־געשיקט א הייליגע שבת׳דיגע רוהיגקייט...

ווען די בערעליכע האָט זיך אין דער פריה אויפגעכאַפּט פון

שלאָף און אויף איהר געזיכט איז נאָך געלעגען דאָס צופרידענע שמייכעלע פון דער נאכט האָט זי גלייך דערהערט דעם זיסען תהילים ניגון מיט וועלכען ר׳ בער, שוין האָבענדיג געוועזן אין וואסער און האלטענדיג שוין איצט אין די ווייטע קאפּיטלעך, האָט אזוי הארציג פרום פארענדיגט דעם „אשרי כל חוסי בו״! ... אז וואויל איז די וואָס באַשיצען זיך נאָר מיט איהם! ...

דער בערעליכע זיינען די ווערטער אריין טיף, טיף אין הארצען...

מען טאָר זיך אליין ניט נעמען... מען דאַרף האָבען בטחון נאָר אין איהם ברוך־הוא... ועמען מיר זיינען ניט ווערטה זיין נאָמען צו דערמאָנען.

די בערעליכע איז אויפגעשטאַנען זעהר צוטראָגען. זי האָט אליין ניט געוואוסט, וואָס זאָל היינט זיין ביי ראש־חודש בענ־טשען... עס איז איהר געוועזן שלעכט אזוי און שלעכט אנדערש... זי האָט געפיהלט אז זי ווערט איצט געפּרואווט מיט א גרויסען נסיון...

א הייליגע שבת׳דיגע שטילקייט האָט גערוהט אין הויז. די קינדער זיינען נאָך געשלאָפען, די זון האָט שמייכלענדיג אריינ־געקוקט אין פענסטער, אויף וועלכען עס איז געלעגען די אויסגע־פּאשעטע הויז־קאַץ און זיך געוואַרימט. ר׳ בער אָנגעטאָן מיט׳ן טלית אויף דער אטלעסענער קאַפּאָטע און אויבען דער פוטערנער טולופּ האָט זיך שוין געקליבען געהן דאַוונען.

די בערעליכע, אָפּזאָגענדיג מודה אני האָט מיט א באַזונדער האַרץ און כוונה געזאָגט דעם „יהי רצון שתצילני מיצר הרע״ — זאָלסט מיך מציל זיין, גאָטעניו, פון א שלעכטען געדאַנק, „ואל תביאני לידי נסיון״ און זאָלסט מיך ניט ברענגען צו קיין נסיון...

ביי דיזע ווערטער איז זי פּלוצים אויפגעשפּרונגען, גיך צו־

געלאָפּען צו דער טיר, וואו זי האָט פארכאפּט ר׳ בער׳ן ארויסגע־הענדיג און איהם געבעטען און פארזאָגט למען השם, אז ער זאָל אין ראש חדש בענטשען פארגעסען, פארגעסען אין גאנצען וואָס זיי האָבען גערעדט נעכטען... ר׳ בער האָט מיט א שמייכעלע פאר־לאָזט דאָס הויז. באלד נאָך איהם איז די בערעליכע אויך אוועק דאווגען. זי האָט געפיהלט, ווי עס איז איהר אראפּ א שטיין פון הארצען, אז זי איז בייגעשטאַנען א גרויסען נסיון.

צוויי מציאות.

נחמה ליפּעס פלעגט שטענדיג זיך באַקלאָגען אויף דעם ביטער מזל, וואָס זי האָט, אַליין מוז זי מפרנס זיין די גאַנצע הויז־געזינד, און די קינדער און דעם מאַן איהרען, ווייל איהר מאַן, אברהם, איז אַ גרויסער טויגעניכטס, ער האָט קיינמאָל ניט געפּרוּאווט און האָט גאָר ניט געוואוסט ווי אַזוי צו פאַר־דינען אַ רובעל. נחמה האָט קיינמאָל קיין נוצען געהאַט פון איהר מאַן, אפילו נאָר אויף אַרויסהעלפען איהר, האָט ער אויך ניט געטויגט. אַליין פלעגט זי זיך מוזען טראָגען מיט איהר „שטעלכעל“ מיט סחורה אין מארק אריין, אַליין האָט זי געמוזט אין רעגען און קעלט שטעהן פארקויפען די סחורה און דערצו נאָך צולויפען אַלע ווײַלע צו וועלוועל־קאַפּעל׳ס דעם האַרטאָוונִיק נאָך אַביסעל זאַפּאַלאַטש, באַוועל אָדער אַנדערע מינים צעלניק סחורה, וואָס פלעגט איהר פעהלען. עס האָט געמעגט זיין דער גרעסטער פאַר־חגא מאַרק־טאָג, איז איהר אברהם געזעסען אין קלויז איבער אַ ספר און געדרעמעלט...

אפילו אין הויז־ארבייט פלעגט ער אויך קיימאָל ניט אַרויס־העלפען, פּשוט דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ לא יוצלח.

מילא, פון קויפען זאַכען פאַר׳ן הויז איז אָפּגערעדט, אַז נחמה האָט אַלעס געמוזט אַליין, למשל, שטרוי אויסצוהייצען ווינטער די שטוב, אָדער פּאָלאָווע פאַר דער קוה — דאָס האָט זי אַליין געמוזט ברענגען, נאָר אפילו פארמישען פאַר דער קוה אַ צעבער פון פּאָלאָווע מיט אַ ביסעלע קלייען אָדער מאַליאַס,

אַפילו דערצו האָט ער אויך ניט געטויגט, אַט אַזאַ שלים־מזל'ניק איז דאָס געווען איהר מאַן אברהם.

וויפיעל נחמה פלעגט מיט איהם ניט טענה'ן מיט גוטען און מיט בייזען, און איהם געבען צו פארשטעהן אז די קוה מוז מען גוט אָפּהיטען מיט'ן עסען, ווייל אחוץ וואָס זי ברענגט אַ האַלבע פרנסה אין הויז אריין מיט איהר מילך, קעז און פוטער, בלייבט נאָך אין שטוב פאַר די קינדער אביסעל זויערמילך, מאַסלינקע אָדער גאָר אַמאָל אביסעלע קאַלטעטוכע פאַר שלש־סעודות.

אָבער אברהם'ס קאָפּ איז ניט געווען דערביי און האָט עס ניט געקענט פאַרשטעהן.

האָט זיך געמאַכט, אַז ער פלעגט שוין יאָ אַמאָל געבען דער בהמה עסען, איז דאָס עסען געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג און די קוה האָט זיך אָפּילו ניט געוואָלט צוריהרען צו דעם, ווייל זי איז געוואוינט געווען צו נחמה'ס עסען געבען, ניט אויף זיינעם, וואָס האָט געטויגט צו גאָרניט. און ווען אברהם האָט געפּרואווט צורוקען צו דער קוה נעהענטער דאָס עסען, פלעגט די בהמה מיט פאַראַכטונג אוועקדרעהען פון איהם דעם קאָפּ, אָדער פלעגט אַמאָל גאָר גוטמוטיג אַ קוק טהאָן אויף איהם מיט אַ בהמה'שען שמייכעלע אין איהרע פייכטע אויגען, אַזוי ווי זי וואָלט איהם געזאָגט: דוכט מיר, אברהם'ניו אז דו ביזט גאָר די בהמה, ניט איך... אַזאַ צעבער בין איך דיר מוחל. איך וועל בעסער וואַר־טען ביז נחמה וועט קומען...

דערפאַר, ווען נחמה פלעגט קומען פאַרנאַכט אין הויז אַ מידע, אַ פאַרפרוירענע, פלעגט זי אויסלאָזען צו זיין קאָפּ אַלעס וואָס איז געווען ביי איהר אויפ'ן הארצען. פיעל מאָל פלעגט נחמה'ן וועה טהאָן דאָס הארץ פאַר וואָס זי באַגעהט זיך אַזוי שלעכט מיט איהר אברהם'ען, וואָס זי דערגעהט איהם אַזוי די יאָהרען מיט איהרע קללות און געשרייען אויף איהם... ווייל, צוריק גערעדט, איז ער דאָך פאָרט ר'ליפּע, דעם חזן'ס זוהן,

און דעם גרויסען ריזשענער׳ס און איינציקער... ער איז דאָך עפּעס ניט אַבי ווער... האָט זי דען ניט קיין גרויסען כבוד דורך איהם שבת אין קלויז, ווען עס טראָגט זיך צו דער ווייבערשער שוהל זיין שעהן און האַרציגער שחרית פון עמוד?...

און אַפילו אין מאַרק ווייסט דאָך אויך יעדער, אַז זי איז ניט ווי די אַנדערע מאַרק־זיצערינס, ווי די פּאַרטיגאַליכע אָדער די בייגעלמאַכערין...

יעדער ווייסט, אַז זי איז ר׳ אברהם ליפּעס ווייב...

מאַנכע מאָל פלעגט זי זיך זאָגאַר פּיהלען שולדיג געגען איהם... וואָס האָט זי צו איהם? אַ תלמיד־חכם איז ער, אַ בן־טובים אויך, אַ ירא־שמים אודאי, און כבוד האָט זי דורך איהם אַ סך... טאָ וואָס־זשע נאָך וויל זי פון איהם?... אַזעלכע געדאַנקען און געפיהלען פלעגען איהר דאָס רוב אַרויפקומען פרייטאָג צו נאַכטס, ווען אַלעס אין שטוב איז געווען שבת׳דיג און איהר אברהם איז אַריין אין הויז מיט׳ן ברייטען „גוט־שבת“, אָפּגעזונגען דעם „שלום עליכם“, אָפּגעמאַכט קידוש מיט אַ זיס האַרציגען קול און צוגעטראָגען איהר דעם זילבערנעם בעכער מיט וויין צו מאַכען אַ ברכה און טועם זיין. נאָכהער זיין וואַשען זיך די הענט צו המוציא איבער די חלות, פאַרמאַכענדיג די אויגען, ווי אַן אמת׳ער ירא־שמים... און דאַן זיין זמירות זינגען. פּונקט ווי דער סקווערער זכרונו לברכה... דאַמאָלס פלעגט נחמה פאַרגעסען און פאַרגעבען איהר אברהם׳ען אַלעס וואָס זי האָט געפיהלט געגען איהם, ווייל גאָר איין אַנדער אברהם׳ען האָט זי געזעהן דאַן פאַר איהרע אויגען.

דאָס איז שוין ניט געווען דער דערשראָקענער, צונויפגעקאָרטשעטער שלים־מזל׳ניק, נאָר אַ שררא, אַ פּרינץ איז געזעסען ביים טיש... און נחמה פלעגט זיך פּלוצים דערפיהלען קליין קעגען איהם, און מיט געפיהל פון דרך־ארץ און איבער־געבענהייט פלעגט זי אונטעררוקען איהר אברהם׳ען דעם שענסטען און גרעסטען שטיק פיש, און פון איבעריגע שבת׳דיגע

מאכלים אויך דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע. און אַ גאַנצען אָווענט האָט זי צוגעזעהען עס זאָל איהר אברהם'ען גאָרניט פעהלען און איהם צופרידענגעשטעלט מיט אַלעם...

פלעגט אָבער נאָר דער שבת אַוועק און די וואָך איז געקומען, און נחמה האָט ווידער דערפיהלט דעם שווערען יאָך פון פרנסה, פלעגט זי ווידער זיך אָנהויבען באַגעהן מיט איהר אברהם'ען ווי אימער, אַזוי ווי עס איז איהר געווען אויפ'ן האַרצען, מיט קללות און חרמות אָהן אַ שיעור...

איינמאָל, אין אַ פּראָסטען דינסטאג, נאָכ'ן יאריד, איז צוגעקומען צו נחמה'ן אַ גויה, טאָקע איהרע אַ באַקאַנטע, און איהר פאַרקויפט דריי גרויסע פעטע גענז, פאַר כמעט אַ דריטעל געלד וואָס זיי זיינען ווערטה געווען. זי האָט געכאַפּט די מציאה און איז באַלד אַוועק מיט זיי אַהיים. קומענדיג אַהיים האָט נחמה גענומען די געגז אין האַנט, און אַרומטאַפּענדיג זיי אויף אַלע זייטען, האָט זי ערשט דערזעהן וואָס פאַר אַ גרויסע מציאה זי האָט געכאַפּט... אפשר צעהן פונט שמאַלץ וועט זי האָבען פון זיי אויף פסח... און אַחוץ דעם שמאַלץ — די אַנ־דערע זאַכען איז דאָך גאָר איין אוצר... פון די גריוועןן וועט זי מאַכען גריוועןע־קנישעס, די פיסלאַך וועלען זיין פאַר אַ פּעטשאַ אויף שבת, די פּופּיקלעך מיט די לעבערלאַך וועט זי האָבען די קינדער מיטצוגעבען וואָרימעס אין חדר אריין, און די דריי אָבדירקעס וועט זי פאַרקויפען און וועט אָפּנעמען איהר געלט, וואָס זי האָט באַצאָהלט פאַר די געגז, און אפשר נאָך מיט אַ פאַרדינסט...

און נחמה איז יענעם אָווענט געווען זעהר, זעהר אויפגע־ליינט און פרעהליך. אַ גאַנצען ווינטער האָט איהר, שונאי ציון, געדאַרט דער קאָפּ, וואָס וועט זיין וועגען שמאַלץ אויף פסח?... און דאַ האָט איהר גאָט צוגעשיקט אַזאַ מציאה, זי ווייסט גאָרניט פאַרוואָס זי האָט דאָס אַזוי פאַרדינט ביי איהם.

און אפשר איז דאָס איהר אברהם'ס זכות? צוליב זיינע

מעשים טובים... ער זיצט דאָך פּאַרט שטענדיג על התורה ועל העבודה... אָדער דאַוועגט אָדער לערענט. און דאָ האָט נחמה דערפיהלט אין איהר הארצען אַ חרטה פאר איהרע מעשים געגען איהר אברהם׳ען.. אַזאַ מזג טוב, און אַזוי פרום ווי ער איז... געווים האָט ער זיך דאָס פאַרדינט ביי גאָט, ניט זי...

נחמה האָט דעם גאַנצען אָוועגט מיט אומגעדולד ערוואַר־טעט איהר אברהם זאָל שוין וואָס גיכער קומען פון קלויז אהיים, און זי זאָל איהם דערצעהלען פון׳ם גליק וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט היינט און איהם איבערגעגעבען איהר פרייד און איהר דאַנקבאַרקייט...

אָבער אברהם איז יענעם אָוועגט געקומען פון קלויז זעהר שפּעט, שפּעטער ווי אימער, ווייל איהם האָט אויך גאָט צוגעשיקט אַ מציאה, אויך אַ גרויסע מציאה.

דאָס איז געווען אין קלויז, שפּעט אין אָווענט, אַלע יונגע לייט האָבען זיך שוין געקליבען געהן אהיים, ווען עס איז אריינגעקומען דער שמש און דערצעהלט, אַז מאָרגען וועט זיין אַ ברית־מילה ביי דער אחרון־שמואליכים זוהן, און די יונגע לייט מוזען קויפען די כיבודים, כדי עס זאָל זיין מיט וואָס צו באַ־צאָהלען דער „באָבע״ און נאָך אַנדערע הוצאות...

די רייכע יונגע לייט וואָלטען געווים האָבען אויסגעקויפט אַלע כיבודים, און אברהם וואָלט פּילייכט געווען געבליבען ביי גאָרניט, האָט מען אָבער אָפּגעמאַכט אַז די כבודים זאָלען פאַר־קויפט ווערען ע״פּי גורל און צום גליק איז אברהם׳ען אריינגע־פאַלען דער בעסטער כיבוד פאר גאָר אַ קליינינקייט.

און ווען אברהם איז געקומען אהיים אַ גליקליכער און פרעה־ליכער מיט זיין מציאה, איז איהם נחמה געלאָפען אַנטקעגען נאָך פרעהליכער מיט איהר מציאה...

און אין יענעם אָוועגט איז נחמה געווען צו איהר אברהם׳ען אַזוי גוט, אַזוי צוגעלאָזט, פּונקט ווי אין אַ פריימאָג צו נאַכט׳ס.

דער בעל־תשובה.

יענעם זומער האָט יצחק זיך געהאַלטען ווייט און אָפּגע־זונדערט פון אַלע בחורים אין קלויז. גאַנצע טעג און זאַגאַר נעכט פלעגט ער אָפּזיצען איבער'ן „ראשית־חכמה", צי איבער אַנאַנדער מוסר־ספר, מרה שחורה'דיג און פאַרטראַכט, און קיין פרעהליכע מינע פלעגט מען אויף איהם ניט זעהן. אַלע בחורים פלעגען נאָכ'ן לערנען שטיפען, „איבערקערען די קלויז", יצחק'ען האָט דאָס אָבער ניט באַריהרט. פלעגען די בחורים יעדען נאָכמיטאָג אַראָפּכאַפּען זיך צום „טיקאַטש" אַביסעל זיך אָפּקיהלען און אגב אַריבערשווימען דעם „קעסעל" זיבען מאָל ישר והפוך, אָדער גאָר אַוועק הינטער דער שטאָדט צום „בראָווער", וואו דער טייך איז ברייט און טיעף און דאָרטען לייגען אַ „ריינע פולקע" אָדער געהן „טריט וואַסער". יצחק אָבער איז געבליבען אַליין אין קלויז, דעם קאָפּ איינגעגראָבען אין ספרי־מוסר אָדער זאָגענדיג אַ בלעטעל זוהר צי אַ קאַפּיטעל תהלים.

חברה האָבען ניט פאַרשטאַנען וואָס איז געוואָרען מיט יצחק'ען. מען פלעגט זיך סוד'ען, שושקען און דערצעהלען איינער דעם צווייטען אויפ'ן אויער, פּראָבירענדיג טרעפען וואָרום יצחק איז דאָס אַזוי געוואָרען און פאַר וועלכע חטאות־נעורים ער טהוט דאָס תשובה. און יצחק האָט דאַמאָלס באַקומען ביי דער חברה אַ נאָמען „דער בעל־תשובה".

איינמאָל, אַ דאָנערשטאָג ביינאַכט, זיינען אַלע בחורים און יונגע לייט פון קלויז געוועזען אויף. לערנען, ווי אַלע מאָל, אַ שעור גמרא אָדער יורה־דעה האָט זיך ניט געגלוסט. מען האָט

נאָר „איבערגעקוקט" די סדרה, ווער ס'האָט ליעב געהאַט מיט'ן „אורח־חיים" מיט זיינע רמזים'דיגע פרושים אָדער מיט'ן „אבן־עזרא" ווער עס האָט ליעב געהאַט אַ שטיקעל דקדוק... חברה האָבען זיך געוויזען איינער דעם צווייטען שווערע „ערטער" צו פאַרשטעהן. מען האָט זיך געשפּאַרט, געקריגט און ס'איז געווען פרהליך אין קלויז. די קולות זיינען געוואָרען נאָך גרעסער, די פענסטער האָבען אַזש געציטערט, ווען מען האָט זיך גענומען שפּאַרען אין חכמת החשבון און תשבורת... און יעדער האָט גע־וואָלט איבערצייגען דעם צווייטען אַז ער איז מעהר יודע, מעהר חריף, אָבער לייב גענים האָט זיי געוויזען, אַז ער ווייסט מעהר פון אַלע, ער קען אַפּילו אַלגעבראַ מיט מדידה. ער האָט דאָס געלערנט אין'ם ספר'ל „צפנת־פענח".

באַלד האָבען חברה באַשלאָסען, אַז מען דאַרף אַביסעל אַ לעב טהאָן.

וואָלט עס געווען ווינטער, ברענגט מען קאַרטאָפלעס פון דערהיים, בראָט מען אָפּ די קאַרטאָפעל אין די צוויי גרויסע הרובעס, וואָס זיינען פול מיט זשאַר, און מען עסט און מען קוויקט זיך און ס'איז ליהודים...

עס איז אָבער געווען זומער. באַשליסט מען זיך צונויפ־לייגען צו גריוונעס און קויפען קאַוועגעס.

באַלד זיינען איינשטימיג אויסגעקליבען געוואָרען לייב גענים און משה'לע נחום'ס צו געהן קויפען די קאַוועגעס... לייב גענים — ווייל ער ווייסט ע"פי חכמה המדידה נאָכ'ן וואוקס פון'ם קאַוועז, וועלכער איז גוט און וועלכער ניט... און משה'לען — ווייל ער קען גוי'איש רעדען. ער שטעהט אַלע דינסטאַג צום יאַריד מיט זיין מוטער, די לאַנגע נחום'קע אין קלייט. און גוי'איש דאַרף מען, ווייל די קאַוועגעס דאַרף מען קויפען ביי אַ קאַצאַפּ.

אַ גאַנצע נאַכט געכטיגט ער, דער קאַצאַפּ, לעבען די רינדיר־קעס מיט אַ פולען וואָגען קאַוועגעס. וואָלט שוין זיין גוט,

איז אָבער די צרה וואָס לעבען וואָגען ליגט אַ גרויסער קודלאַטער הונט... דערהערט נאָר דער הונט פון ווייטענס אַ טריט, אַזוי הויבט עס שוין אָן ביי איהם משונה׳דיג צו ברוקען און צו כאַרכלען, אַזש עס כאַפּט אַ גרויל. באַשליסען חברה, אז אַלע זאָלען געהן...

עס דויערט ניט לאַנג און מען ברענגט אין קלויז די קאַ־ווענעס, וועלכע, טאַקע ווידער ליב געניס, צושניידט מיט זיין שטאָלענעם, אמת „זאַוואָילעווער מעסערעל״, אויף גלייכע חלקים אַלץ ע״פּי חכמת המדידה...

און באַלד האָט זיך איבער דער קלויז דערהערט אַ טרעש־טשען און חראָמסקען פון די פייער־רויטע, זאַפטיגע און זיס ווי האָניג באַשטאַנאָווע קאַווענעס... עס גליטשען זיך און שפּרינ־גען פון די מיילער רויטע און ראָזעווע קאַווענע קערענדלאַך.. עס שפּריצט די זיסע זאַפט און רינט איבער די מאָרדעס... און דאָס אַלעס איז באַגלייט מיט אַ זשומעריי, אַ געפּילדער און פרעהליכען געלעכטער, וואָס האָט זיך צושפּרייט און אָפּגעקלונגען אין אַלע ווינקעלאַך פון דער קלויז...

טיעף אין מזרח, פאַררוקט אין אַ ווינקעל, איז יצחק ראַמאָלס געזעסען און אומעטיג שטיל אָפּגעריכט חצות...

די בחורים האָבען געפּרואווט צוגעהן צו איהם מיט אַ חלק קאַווען פאַר איהם, אָבער יצחק, ניט וועלענדיג מפסיק זיין, האָט זיי ניט געענטפערט. ער האָט נאָר געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף „ניין״ און מיט טרעהרען אין די אויגען זיי אָנגעוויזען מיט׳ן פינגער אין ספר, וואו עס שטעהט געשריבען, אַז נאָך האַלבע נאַכט לאָזט די שכינה אַ טרעהר... און אַ בת־קול פון׳ם הימעל רופט אויס: „קעהרט זיך אום פון אייערע שלעכטע וועגען, איהר ווילדע זיהן״... „הערט זיך ניט צו צו די ניגונגען פון אייער הארצען, „און געהט ניט אויף דעם וועג פון די זינדיגע״!... „איהר פאַרלאָזט דאָס אייביגע לעבען און זענט עוסק בחיי־שעה״!...

די בחורים׳ליך האָבען, זיך איבערקוקענדיג איינער מיט׳ן צווייטען, שפּאָטיש אונטערגעשמייכעלט און זיך איבערגעוואָרפען מיט וויצען אויף׳ן חשבון פונ׳ם בעל־תשובה... ווי גרויס זיין זינד קען זיין... און וואָרום, זאָגט זיך, אז לעבען א בעל־תשובה קען קיין צדיק ניט איינשטעהן... און יעדער האָט געגעבען א באזונדער ענטפער דערצו מיט א שפּאַס און א שטעך־וואָרט...

אין די פענסטער האָט אָנגעהויבען בלויען אויף טאָג... די בחורים׳לאך האָבען שטיפעריש און לאַבענדיג אלע פארלאָזט די קלויז.

יצחק האָט ערשט יעצט זיך גענומען צו זיין ארבייט צו טהאָן תפילה, און מיט׳ן תהלים צום הארצען האָט ער זיך גע־בעטען ביים רבונו־של־עולם, ער זאָל איהם מוחל זיין, ווי דוד המלך׳ן זיין שווערע זינד... פון טיפען הארצען האָט זיך ביי איהם ארויסגעריסען דאָס געבעט: אל תשלט בי יצר הרע!... מאַך ניט געוועלטיגען איבער מיר דעם יצר־הרע! שמרני אל — היט מיך, גאָטעניו, פון איהם, דעם שטן, דעם יצר־הרע און פון לילית׳ן...

און מיט א ציטערענדע הארץ האָט ער זיך דערמאָנט אָן יענעם פריהמאָרגען... ווער דער יצר־הרע האָט איהם דאַמאָלס גובר געווען און געשלעפּט אהין... ווי מיט אייזערנע קייטען. ער ווייסט אליין ניט ווי דאָס איז געשעהן, ווען פּלוצים האָט ער זיך געפונען ביי בעני־לייב דעם שניידער אין פארקענדעל... דאַמאָלס האָט רבקה׳לע די ציג געמאָלקען...

ווי א גהינם האָט דאַן געברענט ביי איהם אין הארצען... און ער האָט דאַן רבקה׳לען ארומגענומען... און געשפּילט זיך מיט איהרע הענט, מיט איהרע לאַנגע צעפּ און געקושט זי און געקושט...

יענע גרויסע און שווערע זינד האָט איהם געדריקט און ניט צורוה געלאָזט ביי טאָג און ביינאַכט... ער האָט שוין גע־פּרופט אלערליי סגולות פונ׳ם „ראשית חכמה“ און פון אנדערע

ספרים־קדושים, אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפֿען... ביז ער איז צום צדיק געגאַנגען און אַ תשובה גענומען — זיעבען תעניתים אָפּצופאַסטען, יעדען דאָנערשטאַג אַ תענית, זיבען וואָכען נאָכ־אַנאַנד. אַלע זיבען וואָכען אַ סך מתפּלל זיין, אָפּריכטען חצות און תשובה טהאָן...

און דעם צדיק׳ס באַפעהל האָט יצחק מקיים געווען מיט אַלע פּרטים... מיט תשובה און מיט תפילה און מיט פאַסטען אַלע דאָנערשטאַג....

און היינט איז דאָס געווען ביי איהם דער לעצטער דאָ־נערשטאַג פון די תעניתים, און די לעצטע נאַכט פון זיינע זיבען תשובה וואָכען... און איבער דעם האָט יצחק אַזוי האַר־צענדיג אָפּגערעכט דעם חצות און מיט גרויס כונה געזאָגט דעם תהלים, וויל ער האָט געוואוסט, אַז ווען היינטיגע נאַכט וועט פאַראיבער, וועלען זיינע זינד ווערען ווייס ווי שניי און ער וועט געלייטערט ווערען כקטן שנולד, ווי אַ אינגעלע נאָר וואָס געבוירען. אַזוי האָט דאָך איהם דער צדיק אַליין געזאָגט.

אָבער דאָ איז מיט יצחק׳ען ווידער אַן אומגליק געשעהן... דאָס איז געווען ווען אַלע בחורים זיינען אַוועק אהיים, און ער איז געבליבען איינער אַליין אין קלויז.

אין די פענסטער האָט אָנגעהויבען ווערען ליכטיגער פון׳ם זיך אָנרוקענדיגען טאָג. פון דרויסען האָט אריינגעבלאָזען אַ פריש שמעקעדיג ווינטעלע און עפּעס ווי מיט צוואַנגען ארומ־געכאַפּט יצחק׳ען און איהם אַרויסגענאַרט אין גאַס. דאָרט איז נאָך געווען שטיל, קיין מענשען האָט מען נאָך ניט געזעהן. נאָר טערעשקע׳ס שייגעץ האָט פאַרבייגעפיהרט אהיים אַ הויכע, גלייך מיט די הייזער אָנגעפּאַקטע פוהר מיט היי פון פעלד, וואו ער מיט נאָך שקצים און שיקסעס האָבען גענעכטיגט, כדי די פערד זאָלען זיך קענען פּאַשען אַ גאַנצע נאַכט...

עס האָט זיך אויך שוין אָנגעהויבען הערען דאָס מעריקען פון קיה און מעקען פון די ציגען, וואָס האָבען זיך געבעטען

ביי זייערע בעלי־הבתים אויף זייער לשון, מען זאָל זיי גיך אָפּפאַרטיגען און אוועקפיהרען אין פעלד אויפ'ן גאַנצען טאָג.

יצחק האָט זיך באַלד דערשראָקען פאַר די באַקאַנטע אומ־ריינע געדאַנקען, וואָס האָבען אָנגעהויבען קריכען צו איהם אין קאָפּ אריין. ער האָט גיך אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און שטיל געשעפּטשעט: „ברן יחד ככבי בקר"... ווען די מאָרגענשטערען זינגען צוזאַמען שירה... וועלענדיג דערמיט אָפּשטופּען פון זיך יענע זינדיגע מחשבות... אָבער אַ פאַרבאַר־גענע קראַפט, אַ שטאַרקע קראַפט, האָט איהם מיט אַמאָל אַרומ־געכאַפּט און ווי אַ פאַר'כשופ'טען געשטופּט און פאַרטראָגען אהינצו... צו בעני־לייב דעם שניידער אין פאַרקענדעל...

אין גאַס האָט אָנגעפאַנגען ווערען לעבעדיגער... די זון, די ערשערין פון טאָג, האָט אַרויסגעשיקט שטאַפּעטען, אַז זי קומט... די לבנה האָט זיך שעמעוודיג אַרונטערגעלאָזט הינטער די מערב בערג, אוועקפיהרענדיג מיט זיך די סודות פון דער נאַכט... פון די קוימענס האָבען זיך געצויגען לאַנגע בלויע זיילכלעך רויך, דערצעהלענדיג אַז עס איז היינט פרייטאַג און דערצו אַ מאַרק־טאָג... אין קלויז, אין אַ ווינקעל, לעבען דער ספרים שאַפע איז געזעסען „נאָטע דער סאַלדאַט"—פון די ניקאָלאַיעווסקי, און געגעסען זיין „פּת־שחרית", אַ שטיקעל הערינג מיט שוואַרצען ברויט, און ניט ווייט פון איהם איז געזעסען יצחק ביי אַ סטענדער אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אויף דער האַנט איבער אַן אָפענעם זוהר, מיט אַ נייער שווערער זינד אין האַרצען... ער האָט געדרימעלט און גע'חלום'ט פון'ם צדיק, פון נייע תעניתים און פון אַ לאַנגער, לאַנגער תשובה...

ענטוישט.

גרשון, דעם שניידער'ס זוהנדעל, איז אוועק פון דערהיים און איז צוויי טעג נאָכאַנאַנד ניט געקומען צוריק.

דער פאָטער איז געווען זעהר פארזאָרגט איבער איהם. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס שמעקט שוין מיט נייע יסורים, נייע צרות פאר איהם... און ניט אזוי גיך קען ער פון זיי פטור ווערען... איז ער נאָר איינמאָל פארפיהרט געוואָרען פון דער חברה, און איז אוועק אויף זייער וועג, מיט זייערע פארבאָטענע ביכלאך און געהיימע סחאָדקעס ערגעץ אונטער דער שטאָדט אָדער אין וואלד, וועט שוין קיין ליים פון איהם ניט זיין... ערשט צוריק מיט א מאָנאט איז ער שיעור ניט פארשיקט געוואָרען קיין סיביר אָדער אויף קאטאָרגע, ווען ניט דער היימישער פריסטאוו, וועלכער איז גראדע מיט איהם אזוי באפריינדעט פון אזוי פיל יאָהרען, ווייל זיין שניידער „גערשקא“ איז ביי איהם טייערער פון ווייס איך וואס... פאר קיין זאך אין דער וועלט וועט זיך דער פריסטאוו ניט נייען זיינע מונדירען אָדער מאַנטלען אויסער ביי זיין גערשקאָ'ן... געוויס, ווען ניט דער פריסטאוו זאָל ניט געווען קומען צולויפען מיט איין שטונדע פאר'ן זשאנדארמסקי אָביסק, וועלענדיג פארהיטען זיין גערשקאָ'ן פון אַן אומגליק און איהם גע־וואָרענט גלייך אויסצורייניגען זיין זוהנדעל'ס צימער און פאר־ברענען אַלץ אויפ'ן פייער... ווער ווייסט וואו ער מיט זיין גאנצער הויז־געזינד וואָלטען שוין יעצט אָנגעשפארט... און יעצט? יעצט וויל ער שוין א נייעם אומגליק אריינברענגען אין הויז אריין... און וואו איז ער? וואו קען ער זיין? אפשר דרעהט ער זיך

ערגעץ אַרום מיט ווינאָקור'ען? ס'איז דאָך אַ סברא, אַז ווינאָקור, וואָס איז פאַרמישט אין פאָן־פּלעווע'ס מעשה, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון טורמע און דרעהט זיך שוין ווידער אַרום אין געהיים אין שטעדטעל, אויך אויפ'ן דאָרף, אין דער צוקער־פאַבריק צווישען די פויערים און אַרבייטער. ווער ווייסט, אפשר איז ער דאָס מיט איהם די גאַנצע צייט?... אפשר האָט ער איהם דאָס גענומען צו הילף?... עפּעס אַ קלייניגקייט, ר' גרשון דעם שניידער'ס זוהנדעל...

און דאָ האָט דער פאָטער זיך גוט פאַרטראַכט און די זאַך שטאַרק גענומען אין קאָפּ אַריין, ווי צו באַוואָרענען דאָס ביי זיין פריינד דעם פּריסטאַוו, אום זיך צו פאַרהיטען נאָך אַמאָל פון אַ מעגליכען אומגליק, וואָס קען קומען אויף זיין זוהנדעל, און ממילא אויך אויף איהם און אויף זיין גאַנצער הויז...

גרשון דעם שניידער'ס זוהנדעל, אַ בחור'ל פון אַ יאָהר צוואַנציג, האָט קיינמאָל ניט געוואָלט אַרבייטען לעבען פאָטער, נאָר פלעגט שטענדיג אַרומגעהן אויסגעפּוצט, מיט אַ טוזשורקע ביז אַרויף געשפּילעט, מיט לאַנגע שמאָלע הויזען און אין אַ פוראַזשקע מיט אַ גלאַנצענדיגען קאָזיראָק, און קלעפּען אַרום דער חברה טאָוואַרישצעס... ער פלעגט זיך פאַר יעדען באַריהמען אַז די געהיימע פּאָליציי האָט אויף איהם אַן אויג... און כאָטש ער איז ניט אַזוי געלערנט און געבילדעט ווי די אַנדערע בעלי־הבתישע בחורים'לאך אין שטאָדט, דערפאַר איז ער אָבער אַ גאַנצער מאַכער און מען ווייסט פון איהם אין די הויכע פענסטער...

פאַרדראָסען האָט איהם שטאַרק, וואָס די טאָוואַרישצעס קוקען אויף איהם ווי אויף אַן אומוויסענדען שניידער־אינגעל...

איבערהויפּט, ווען עס פלעגען זיך צונויפקומען צו לייזער גרינבערג די געבילדעטע יוגענד פון שטעטעל... דאָרטען פלעגען זיין די סטודענטען וואָלינעץ, הירש קאהן און אויך די שעהנע פריילינס ירוחמזאָן און וואַכניאַנסקי. עס פאַרפיהרען זיך פאַר־שידענע געשפּרעכען איבער רוסישע שרייבער און קריטיקער, אָדער

איבער פּאָליטישע פראַגען... און מען דערמאָנט אַלעמאָל די פּאַרטייען „עס־ער" און „עס־דע"... דאַן זיצט גרשון דעם שניידער'ס זוהנדעל אין אַ ווינקעל, ניט וואַגענדיג אַ וואָרט אַריינצומישען. ער פלעגט זיך דאַן פיהלען אין די אויגען פון די געבילדעטע יונגע לייט און פריילינס זעהר קליין און אַרונ־טערגעפאַלען...

איבער דעם, ווען עס האָט זיך אַמל געמאַכט אַ צופאַל און די פּאָליציי, פאַרדעכטיגענד איהם, האָט איהם געשיקט רופען און געשטעלט עטליכע פראַגען, האָט ער עס גלייך צופּויקט פאַר אַלעמען און זיך באַריהמט פאַר יעדען, ווי אַזוי ער האָט זיך געהאַלטען בראַוו ביים איספּראַווניק, ווי ער האָט זיך דאָס אויס־גע'טענה'ט מיט איהם... און געזאָגט פאַר איהם אַלעס וואָס ער האָט געוואָלט, אָהן שום פּחד און מורא... אָבער חברה פלעגען חוזק מאַכען פון איהם און אָפּשפּאָטען. זיי האָבען געלייקענט די גאַנצע מעשה, און אַז ער האָט דעם איספּראַווניק אפילו אין די אויגען ניט אָנגעקוקט, אַז קיינער קען איהם ניט, קיינער ווייסט פון איהם ניט... ער קען דאָך רעכט רוסיש ניט ריידען, אפילו אַ פּראָקלאַמאַציע איז דאָך איהם שווער איבערצולייענען...

אָבער גרשון, דעם שניידער'ס זוהנדעל פלעגט ביי זיך ניט אַרונטערפאַלען און פלעגט אַלץ זוכען צו ציינען אין שטעדטעל, אַז ער איז ניט אַבי ווער, ניט אַן איינפאַכער שניידער־איינגעל, נאָר אַז ער איז באַוואוסט ביי דער געהיימער פּאָליציי פאַר אַן ארבייטער אין דער באַוועגונג... און אַז ער טוט אויף זאַכען מעהר פון אַנדערע.

איינמאָל האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע פּריקאַזטשיקלאַך און שניידער־איינגלאַך פון שטעדטעל און זיי אויפגעקלערט, אַז די בעלי־בתים זייערע עקספּלואַטירען זיי... ארבייטען מיט זיי שפּעט ביי דער נאַכט און צאָהלען זיי ווייניג פאַר זייער ארבייט... און אום צו קעמפען מיט זייערע עקספּלואַטאַטאָרס מוזען זיי מאַכען אַ זאַבאַסטאָווקע...

און אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען איז גרשון דעם שניידער'ס זוהנדעל אַרוים צווישען די קליימען, און אויף זיין סיגנאַל זיינען אַלע פּריקאַזטשיקלאַך, מיט די שניידער־אינגלאַך אַרוים פון די קליימען און גלייך אָנגעפאַנגען די זאַבאַסטאָווקע. ער האָט געמאַרשירט פאָראויס און נאָך איהם די אינגלאַך, די זאַבאַס־טאָווּשטשיקעס...

יעצט, האָט ער געדענקט, וועלען געוויס אַלע אין שטאָדט זיך איבערצייגען, אַז ער איז איין אמת'ער רעוואָלוציאָנער, און חברה אינטעליגענטען וועלען שוין געוויס מעהר ניט לאַכען פון איהם... זיי וועלען מיט עהרע איהם פאַררעכענען פאַר אַ טאָ־וואַרישטש... אָבער דערמיט האָט ער נאָך ערגער געמאַכט. דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט געלאַכט פון איהם, און וואו ער איז נאָר געשטאַנען, האָבען איהם באַלד אַרומגערינגעלט רעדלאַך און איהם אויסגעלאַכט מיט זיין זאַבאַסטאָווקע.

מעהר פון אַלע פלעגט איהם דערגיין די יאָהרען שלמה'לע פישער. אימער אַ חוזק־מאַכער, וואָס האָט ליעב געהאַט פון יעדען אָפּצושפּאָטען, פלעגט שלמה'לע פישער, אָדער שלמה'לע מעקלער, זיך צוזאַמענקומען אַלע פאַרנאַכט מיט נאָך מעקלערס, קאָמיסיאָנערען און תבואה־הענדלער לעבען בעני קאָהן'ס הויז, וואו עס איז געווען „די בירזשע" פון'ם שטעדטעל, און וואו עס פלעגען זיך שליסען אַלערליי מסחרים מיט תבואה און באַהן־קוויטאַנציעס, און אויך דערצעהלט ווערען אַלערליי מעשה'לאַך מיט ליצנות'לאַך...

גרשון דעם שניידער'ס זוהנדעל פלעגט זיך היטען פאַר־בייגעהן שלמה'לע פישער, ווי פאַר פייער. קוים האָט איהם נאָר שלמה'לע דערזעהן, פלעגט ער איהם גלייך באַפאַלען מיט אַ געלעכטער: וואָס הערט זיך, גאָספּאָדין זאַבאַסטאָווּשטשיק? האָסט שוין אַרויסגעלאָזט די היהנער פון'ם שטייג?... — און חברה מעקלערס און קאָמיסיאָנערלאַך פלעגען דאָס באַלד אויפ־כאַפּען מיט אַ חוכא־וטלולא און עס איז אַוועק אַ גאַנג... די

רעוואָלוציע געהט!... עס לעבע די פרייהייט!... קורע נאַ סוואָבאָדאַ!...

אָבער די אַלע זאַכען האָבען גרשון דעם שניידער'ס זוהנדעל ניט אָפּגעהאַלטען און איהם נאָך מעהר אריינגעגעבען חשק צייגען דער וועלט אַז ער איז טאַקע אַן אמת'ער רעוואָלוציאָנער, אַז ער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך, אַז ער איז גרייט צו טהאָן אַלעס וואָס מע רופט „פּאָליטישע פארברעכענס", אפילו ארעס־טירט און פארשפּארט צו ווערען איבער דעם אין טורמע...

— אַך, ווי שעהן דאָס קלינגט!... ארעסט... טורמע... אַ „פּאָליטישער פארברעכער"!... מען וואָלט שוין מעהר ניט גע־לאַכט פון איהם אין שטאָדט. אפילו די אינטעליגענטען, די ליידיגגעהער, וואָלטען אויך רעספּעקט באַקומען פאַר איהם... זיי וואָלטען דאַן געזעהן אַז ער איז ניט קיין פּייגלינג... איהם שרעקט טיורמע ניט אָפּ...

אָבער ווי מאַכט מען דאָס? ווי אַזוי קומט מען צו דעם?... עפּעס מוז געטהאָן ווערען...

און גרשון דעם שניידער'ס זוהנדעל איז אוועק אין דאָרף, צו ווינאָקור'ען אויף דער צוקער־פּאַבריק, איהם העלפען טהאָן ארבייט אין פארשפּרייטען פּראָפּאַגאַנדע צווישען די פּויערים און ארבייטער.

גרשון דעם שניידער'ס זוהנדעל האָט זיך געפיהלט זעהר שטאָלץ און גליקליך, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ געלעגענהייט צו ארבייטען צוזאַמען מיט ווינאָקור'ען. אַ קלייניגקייט, ווינאָקור! אַנו, פּרואווט אַ פרעג טהאָן אין דער אָכראַנקע אויף ווינאָקור'ען... ער איז דאָך שוין אין פּעטראָפּאַוולאָווסקי אויך געזעסען...

ער האָט געוואוסט, אַז די געהיימע פּאָליציי האַלט אַן אויג אויף ווינאָקור'ען, און אַז זי שפּירט איהם נאָך און וועט איהם פריהער שפּעטער ארעסטירען און פארפּאַקען אין טורמע, און ער, נאַטירליך, וועט אויך ארעסטירט ווערען צוזאַמען מיט איהם... אָבער ווי פיין, ווי שעהן דאָס וועט זיין!...

ער און ווינאָקור —ביידע אַרעסטירט... פּאָליטישע פאַר־ברעכער... מען וועט זיי פיהרען ביידען איבער דער שטאָדט... געקאָוועטע אין קייטען... פאַראויס און הינטער זיי וועלען געהן זשאַנדאַרמען מיט ענטבלויזטע שווערדען... די גאַנצע שטאָדט וועט דאָס צוזעהען... קליין און גרויס וועלען אַרויס פון די הייזער, פון די קליימען און וועלען טייטלען אויף איהם מיט די פינגער, אַז דאָס פיהרט מען איהם מיט ווינאָקור'ען... צוויי פּאָליטישע פאַרברעכער... געשמידט אין קייטען... פון דער צוקער־פאַבריק, וואו מען האָט זיי געכאַפּט מיט רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע...

ער וועט מיט שטאָלץ און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ מאַרשירען איבער דער שאָסעי־גאַס צוזאַמען מיט ווינאָקור'ען, זיך איבערווינקענדיג מיט אַ שמייכעלע איינער צום אַנדערען...

און דאַן — דאַן וועלען זיי שוין אַלע אַרויסזעהען ווער ער איז... און ווען ער וועט ענדליך באַפרייט ווערען, וועט ער באַגעגענט ווערען אין שטאָדט מיט עהרע און רעספּעקט...

אויף דער צוקער־פאַבריק איז אַרונטערגעקומען פון דער גובערנסקער שטאָדט אַן אָפּטיילונג פון זשאַנדאַרמען אין דער באַגלייטונג פון'ם היימישען פּריסטאַוו. זיי האָבען פאַרכאַפּט דאָרט אַ מאַסע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, און אויך באַלד געכאַפּט און אַרעסטירט ווינאָקור'ען. איינינע האָבען אָנגעוויזען אויף גרשון דעם שניידער'ס זוהנדעל, אַז ער האָט אויך געאַרבייט מיט ווינאָקור'ען, אָבער דער פּריסטאַוו, דעם פּאָטער'ס גוטער פריינד, האָט שוין געוואוסט ווי די זאַך צו באַוואָרענען, און האָט איהם גלייך באַזייטיגט.

און ווען מען האָט דורכגעפיהרט ווינאָקור'ען איבער דער שטאָדט, געשמידט אין קייטען, און אויף ביידע זייטען גאַס זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט מענשען, קליין און גרויס, איז צווישען די צוזעהערס געשטאַנען אויך גרשון דעם שניידער'ס זוהנדעל. אָבער גאָר אַנדערש ווי אַלע... ער איז געשטאַנען אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ אומצופרידענער און אַנטוישטער...

גרשון־לייב.

צווישען אַלע משוגעים, וואָס פלעגען קומען צום צדיק נאָך הילף, איז גרשון־לייב געווען דער באַוואוסטסטער אין שטעדטעל. פון׳ם גרעסטען ביז׳ן קלענסטען האָבען אַלע געקענט גרשון־לייב׳ן דעם משוגענעם. דאָס איז געווען עפּעס אַ מאָדנער, אויסערגעוועהנליכער משוגענער. פון איהם פלעגט מען אויך ניט אַנטלויפען ווי געוויינליך מען אַנטלויפט פון אַנדערע משוגעים, פאַרקעהרט, איהם האָט יעדערער ליעב געהאַט, וואָרום ער איז געווען זעהר אַ גוטער און אַ קלוגער. ער האָט אימער גערעדט צו דער זאַך און מיט פאַרשטאַנד, אַט פונקט ווי אַלע קלאָרע מענשען. עס פלעגט זיין זעהר אינטערעסאַנט זיך צו פאַרשמועסען מיט איהם, צו הערען פון איהם אַלע נייעסען, וואָס ס׳טוט זיך אין שטאָדט, אין די נגיד׳ישע הייזער און ביים רבי׳ן אין הויף. דערביי פלעגט ער דערצעהלען, אימער מיט ווערטלאַך און וויצען, ווי ער איז זיך נוהג מיט די רייכע באַלעבאַטים פון שטאָדט, וואָס ווילען איהם ניט געבען קיין נדבה מיט גוטען, און וואָס פאַר אַ שפּיצלאַך ער טוט זיי אָפּ, אום אַרויסצוקריגען פון זיי אַ רובעל און אַמאָל נאָך מעהר, כדי צו זיין ביכולת מפרנס זיין „זיינע קינדער“, וועלכע זיינען אָפּהענגיג פון איהם, זייער פאַרזאָרגער.

און אַ „מטופל מיט קינדער“ איז גרשון־ליב געווען זעהר אַ גרויסער. אַלע אָרימע לייט, וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דער סקוועדער קלויז, ביי ביידע זייטען הרובעס פון מאַנסבילשער און ווייבערשער שוהל, זיינען געווען „זיינע קינדער“. זעלטען לאָזט ער זיינע קינדער ארבייטען — אַליין ארומגעהן אין די

הייזער נאָך נדבות, — ער אַליין באַזאָרגט זיי שוין מיט אַלעס, מיט שיך, קליידער און מיט עסען שמועסט ניט — כּיד־המלך. און אַז ער קומט צו „זיינע קינדער“ איז שוין זיין גרויסע טאָרבע פול מיט אַל־דאָס־גוטס. אַפילו די גרויסע, טיעף ביז די קנעכעל, קעשענעס, וואָס הענגען אַראָפּ איןביידע פּאָלעס פון דער לאַנגער קאַפּאָטע, זיינען אויך אָנגעשפּיגעוועט מכּל־טוב.

גרשון־לייב'ען פלעגט קיינער ניט אָפּזאָגען, ווען ער איז געקומען נאָך אַ נדבה. איז נישט קיין קאָפּיקע, האָט מען אָפּגעזוכט אַן אַלטען בגד אָדער אַ פּאָר שיך, אַלעס איז געווען פאַר איהם אַ סחורה, אַלעס איז איהם צוניץ געקומען פאַר זיינע קינדער וועגען.

פלעגט אָבער איהם אַמאָל איינער אָפּזאָגען און איהם גאָרניט געבען, וואָס דאָס האָט געטראָפען זעהר זעלטען, האָט שוין יענער געמוזט כאַפּען אַ פּסק. ער פלעגט יענעם שוין אָפּטאָן „אַ שפּיצעל“, וואָס ס'האָט איהם אָפּגעקאָסט פיעל טייערער.

אַזוי האָט ער איינמאָל געהאַט אַן אות אויף אברהם'ען דעם טיינע־שענקער, פאַרוואָס יענער האָט איהם ניט געוואָלט געבען עפּעס פאַר „זיינע קינדערלאַך“; האָט ער זיך געמאַכט ניט וויסענדיג, געמאַכט אַ שוויינ, און אין אַ פּאָר טעג אַרום יאָוועט ער זיך אַריין אין שענקעל, כּלומרשט נעמען אַ טרונק בראַנפען, און גלייך פון דער קאַמאָדע אַ פּאָר מעשענע לייכטער אַרונטער־געלאָזט אין ביידע זייטען קעשענעס. אין אַ האַלבע שטונדע שפּעטער קומט ער צוריק צולויפען מיט די לייכטער, רופט אַרויס אברהם'ען אויף דער הינטערשטער טיר, רוימט איהם איין אַ סוד, און אין'ם טונקעלען הינטער־הייזעל צייגט ער איהם, אַז ער האָט „געפּאַקט“ ערגעץ אַ פּאָר לייכטער און פאַר אַ קליינינקייט גיט ער זיי איהם אוועק... אברהם האָט די מציאה אויסגעכאַפּט פאַר אַ האַלבען רובעל. שפּעטער, דערוויסענדיג זיך אַז דאָס זיינען זיינע אייגענע לייכטער, איז ער געבליבען מיט אַ נאָז... גרשון־

לייב אָבער האָט שוין מיט דעם געלט באַצאָהלט דעם שוסטער פאַר פאַרריכטען „זיינע קינדער'ס" שטיוועל...

אזוי האָט ער אויך אמאָל אָפּגעטאָן דער רייכער אָנגעשטאָפּ־טער, אָבער זעהר קארגער, מרים, מיט א טאָפּ גענזענע שמאַלץ. מרים האָט דאָס געהאַט א צייט צו געדענקען, און זינט יענער געשיכטע מיט'ן טאָפּ שמאַלץ, האָט זי שוין גרשון־לייב'ען קיינמאָל ניט אוועקגעשיקט אָהן א נדבה...

זיין גרעסטע „הכנסה" פלעגט איהם אריינקומען אלע דינ־סטאג, ווען עס איז געווען א יאריד אין שטעדטעל. דאַמאָלס פלעגט ער ארבייטען שווער. ער פלעגט זיך אוועקשטעלען אין מיטען מארק צווישען די פערד און וועגענער און אָקסען, דאָס היטעל פון הינטער וועלכער ס'שטעקט ארויס א פארשמאָלצענע יארמולקע, אָנגערוקט ביז די אויגען, די לאַנגע פּאָלעס פון דער צוריסענער קאַפּאָטע פארשטעקט איןביידע זייטען גארטעל, מיט'ן גראָבען פינגער פון דער רעכטער האַנט אונטערגעשטעקט דאָס קאָלטענעוואטע גרויע בערדעל, וואָס ס'איז געל געוואָרען פון טאַבאַק שמעקען, און פארגלאָצענדיג די אויגען, פלעגט ער איבער־זאָגען אלע ראש־השנה'דיגע תפילות, נאָכמאַכענדיג ווי דער חזן „זאָגט" ונתנה־תוקף קדושת היום, און ווי די משוררים ענטפערען — דער באַס אויפ'ן גראָבען קול און דאָס אינגעלע אויפ'ן קוויטשעקעל: כבקרת רועה עדרו מעעביר צאאאנו תחת שבבבטו... נאכהער פלעגט ער אָנהויבען צו שפּרינגען און צו טאַנצען, ביז עס איז זיך צוזאַמענגעקומען ארום איהם דער גאַנ־צער מארק מיט פויערים און פויערטעס, דאַן פלעגט ער שוין ליידיג פון'ם מארק ניט אוועקגעהן. אמאָל האָט ער געמאַכט מעהר, אמאָל ווייניגער — ווי א יאריד נאָך. אפילו דער אוראַדניק און דער פּריסטאַוו האָבען אויך שוין גוט געקענט „גערשקאָ־לייבא", און אַז זיי פלעגען דורכגעהן אין מארק און איהם זעהן, האָבען זיי איהם קיינמאָל ניט געטשעפּעט. פאַר־קערט, זיי פלעגען איהם נאָך שענקען א פּאָר קאָפּיקעס.

א באזונדער איינקונפט האָט גרשון־לייב אויך געהאַט פון די דאָרפס־אידען, וואָס פלעגען אַראָפּקומען אין שטאָדט אַריין. פלעגט ער שטענדיג האַלטען אויג אויף די רייכע פּאָסעסערס, ווי אַ שטייגער משה פון גליבעטשאָק אָדער משה־אהרון פון דער מיהל. אַט ביי זיי, ווען זיי פלעגען קומען אין שטאָדט אַריין, האָט ער שוין אָפּגעלעקט אַ ביינדעל. משה־אהרון פון דער מיהל, אַ איד מיט אַ גוט הארץ און מיט אַ ברייטער האַנט, וואָס טוט אימער אַ סך צדקה אין שטאָדט, פלעגט שטענדיג ליעב האָבען צו פארברענגען מיט גרשון־לייב׳ען, איהם הערען דערצעהלען זיינע מעשה׳לאך און ווערטעלאך, און דערביי, נאַטירליך, פלעגט ער איהם שוין אריינרוקען אַ מנה יפה „פאר זיינע קינדערלאך ווענען“.

גרשון־לייב פלעגט פאר קיינעם זיך ניט אָפּשטעלען און האָט קיינמאָל קיין מורא ניט געהאַט צו זאָגען יעדען איינעם אין די אויגען אלעמאָל וואָס ער האָט נאָר געוואָלט זאָגען.

האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַז משה־אהרון פון דער מיהל איז אַראָפּגעפאָהרען אין שטאָדט. האָט ער געהייסען דעם קוטשער אָפּשטעלען די דראָזשקע מיט די צוויי קארע פערד אין סאַמע מארק פאר די קלייטען. אלע פערעמאָלטשיקעס זיינען זיך צו־זאַמענגעקומען אַ שמועס טהאָן עפּעס יעדער מכח זיין „טשערע“, דאָס הייסט, ווען זיין אָטשערעד וועט קומען „אויפשיטען“ זיין ווייץ אין מיהל פאר טחינה. משה־אהרון דערצעהלט פאר זיינע פערעמאָלטשיקעס, אַז ער האָט פארקויפט צו אַ דאַנציגער סוחר די גאַנצע קלייען פוןביידע מיהלען, פון בילעמלען און פון דער אדאַיע, וויל ער אַז זיי זאָלען קיינעם קיין קלייען ניט פארקויפען. בעני קאָהען, דער גרעסטער פערעמאָלטשיק אין שטאָדט, דער־צעהלט, אַז ער האָט אוועקגעקויפט ביים גראַף שובאַלאָוו דעם גאַנצען צווייטען סאָרט ווייץ, בעט ער דעריבער ביי משה־אהרונ׳ען אַז ער זאָל איהם וואָס גיכער לאָזען „אויפשיטען“, ווייל ער דאַרף צושטעלען צום טערמין די מעהל קיין ווארשא.

אויסער מסחר האָט מען אַזוי געשמועסט פון וועלט־זאַכען און פון פּאָליטיק. נחום בוטעלקאָף, אַ איד אַ חקרן און משכיל, האָט דערצעהלט פון'ם „הצפירה" וואָס ער האָט געלייענט אין סאָקאָלאָוו'ס דברי־הימים וועגען ענגלאַנד מיט מצרים און וועגען פראַנקרייך מיט מאַראָקאָ. דער שמועס איז געווען זעהר לעבעדיג, מיט אַלערליי חקירות, וויכוחים און שפּאַרעכצען. קומט פּלוצים גרשון־לייב. משה־אהרון צורעדט זיך באַלד מיט איהם, ווי זיין שטייגער איז, און שטופּט איהם אריין זיין געוועהנליכע נדבה. גרשון־לייב אָבער בלייבט שטעהן. ער איז ניט צופרידען. ס'איז שוין דאָנערשטאָג און איהם פעהלט צום שבת נאָך גאַנצע צוויי רובעל, וואָרים אויסער „זיינע קינדער", וואָס ער האַלט אויס אין קלויז, האָט ער נאָך אַ פּאָר באַלעבאַטישע הייזער, פאַרבאָרגענע קבצנים, וואָס נאָר ער אַליין ווייסט פון זיי און העלפט זיי בסתר...

— וואָס ווילסטו נאָך, גרשון־לייב? — פרעגט איהם משה־אהרון מיט זיין ברייטען נגיד'ישען געלעכטער.

— אַז איהר וועט מיר געבען די צוויי רובעל, וואָס איך דאַרף נאָך צום שבת, האָב איך וועגען אייך צו זאָגען אַ גוט־וואָרט, — מאַכט גרשון־לייב צו די אויגען און קראַצט זיך אונטער'ן קאָלטענעוואַטען בערדעל. אַלע זיינען זעהר נייגעריג געוואָרען צו הערען וואָס ער האָט עפּעס אַזעלכעס צו זאָגען אויף משה־אהרונ'ען דעם באַלעבאָס פון צוויי גרויסע מיהלען און דעם גרעסטען נגיד פון שטאָדט.

גרשון־לייב האָט באַלד געקראָגען פון משה־אהרונ'ען די צוויי רובעל און ער האָט איהם גלייך געענטפערט: „דורען דאַיע אַ ראַזומני בערע", ד. ה., אַ נאַר גיט און אַ קלוגער נעמט.

אַלע האָבען אויסגעשאָסען מיט אַ גרויסען געלעכטער, און גרשון־לייב איז אַוועק מיט'ן געלט זיך צוצוגרייטען אויף שבת.

פאַרוואָס ער האָט געהאַט אַ נאָמען „משוגענער", „גרשון־לייב דער משוגענער" האָט קיינער ניט געקענט פאַרשטעהן, וואָרים ער

איז געווען זעהר קלוג, דורכגעטריבען, און האָט אימער געענט־פערט בעסער און קליגער ווי אַנדערע קלאָרע.

חברה, יונגע לייט פון קלויז, האָבען זיך אַמאָל צוגעזעצט צו איהם און געוואָלט אויסחקרען ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט, וואָס פאר אַ משונה׳דיגער מיסטעריעזער מענש דאָס איז, און דער עיקר, פאַרוואָס מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „גרשון־לייב דער משוגענער״.

— וואָס הייסט ווער? — ענטפערט ער באַלד, — טאַקע איך אַליין. איך אַליין רוף זיך „משוגענער״. אָט איהר, למשל, רופט זיך יעדערער מיט׳ן נאָמען פון זיין פרנסה — דער איז אַ קרעמער, יענער איז אַ מוטשניק אָדער אַ פערעמאַלטשיק — און איך בין אַ משוגענער... דאָס איז מיין פרנסה... פון דעם בין איך מפרנס „מיינע קינדער״.

אָט אַזוי איז גרשון־לייב געווען באַוואוסט אין שטעדטעל פון קליין ביז גרויס. יעדערער האָט איהם ליעב געהאַט און איז דאָך פאר יעדען געווען אימער אַ רעטעניש, עפּעס אַ באַ־האַלטענער פאַרשטעלטער מענש.

איינמאָל, אַן ערב פּסח, האָט גרשון־לייב געהאַט זעהר אַ סך ארבייט. זיין משפּחה אין קלויז האָט זיך פאַרגרעסערט, און ער האָט אויך געהאַט מעהר צו פאַרזאָרגען די אָרימע באַלע־באַטישע הייזער, אין וועלכע ער איז געווען אַן אָפּטער בן־בית און פלעגט בסתר אריינברענגען אַהין פון שטאָדט פון׳ם שענסטען און בעסטען. היינט אויף פּסח רעדט מען דאָך ניט, אַז מען דאַרף האָבען פיעל מעהר ווי אין אַ אַנדער צייט פון יאָהר. מעהר פון אַלעם האָט ער אַכטונג געגעבען, אַז אין אברהם ר׳ נחום׳ס שטוב זאָל גאָרניט פעהלען אויף פּסח. פאַרט אַ איד אַ גרויסער בעל־יחסן, פון די טשערנאָבעלער, איז געווען אַמאָל אַ נגיד, און יעצט אַ גרויסער יורד ר״ל. און גרשון־לייב האָט געאַרבייט אויף אַלע כלים, אַזוי אַז ביי אברהם ר׳ נחום׳ס איז שוין אויף פּסח געווען פון אַל־דאָס־גוטס, ניט נאָר מצות און

וויין, פיש און פלייש, נאָר אפילו נים און מאַראַנצען. און ער אליין, גרשון־לייב, מיט זיינע קינדער זיינען געווען „אורחים“ ביי אברהם ר׳ נחום׳ס צום סדר.

דעם סדר האָט אברהם ר. נחום׳ס, מיט זיינע אורחים, גע־פּראַוועט ביז שפּעט אין דער נאַכט. א האַלב שטעדטעל איז געשטאַנען ביי די פענסטער און אַריינגעקוקט אין שטוב. אַן אויסערגעוועהנליכע ליכטיגקייט איז געווען אויסגעגאָסען איבער׳ן טיש מיט די קערות, מצות און וויין. אויף אברהם ר׳ נחום׳ס מיט זיינע אורחים האָט מען געזעהען ווי עס רוהט ממש די שכינה. גרשון־לייב איז געזעסען און זיין פּנים האָט געברענט, אַש להבה, טאַקי נאָר ווי א מלאך... דאַן האָט אברהם ר׳ נחום׳ס זיך אויפגעשטעלט, און הייסענדיג גרשון־לייב׳ען עפענען די טיר פאַר אליהו־הנביא, א געשריי געטהאָן: שפוך־חמותך! גרשון־לייב איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי געעפענט און א זאָג געטהאָן אויפ׳ן קול: ברוך־הבא! און פּלוצים אומגעפאַלען און גע־בליבען טויט...

דעם ערשטען טאָג פּסח איז געווען גרשון־לייב׳ס לויה. כמעט די גאַנצע שטאָדט מענשען האָט איהם מלוה געווען. נעבען דער מטה זיינען נאָכגעגאַנגען „זיינע קינדער“, די יתומים, און האָבען האַרציג געוויינט. א צייט לאַנג האָט מען געהאַט צו דערצעהלען וואונדער־מעשיות וועגען איהם. אָבער עד היום איז פאַר׳ן שטעדטעל גרשון־לייב דער משוגענער פאַרבליבען א רעטעניש.

לייב־גענים.

דאָס שטעדטעל איז שוין לאַנג געווען פאַרזונקען אין טיפען שלאָף. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט פון דער צוקער־פאַבריק די קולות פון די נאַכט־וועכטער, וואָס האָבען אויסגע־שריען פון זייערע פּאָסטענס איינער צום צווייטען מיט אַ לאַנגען אויסגעצויגענעם „סלושאַי"!... (הער!). די אויסגעשרייען, אָנ־שלאָגענדיג זיך אין'ם דערבייאיגען וואַלד, האָבען מיט אַן עכאָ אָפּגעקלונגען און אומעטיג זיך צושפּרייט איבער'ן שטעדטעל. פון די דאָרפישע הייזלעך אויף יענער זייט טייך האָט זיך געהערט אַ הייסער ויכוח צווישען צוויי הינט, וואָס האָט אָנגעהאַלטען אַ שטיק צייט, ביז איינער פון זיי האָט מיט טריאומף פאַר־ענדיגט דעם אויסשמועס מיט אַ שאַרף־בילענדען טיעפען קוויטש...

צייטענווייז האָט זיך אויך געהערט זעליג דעם סטראַזש'ס שטעקען, קלאַפּענדיג אויף די לאָדען פון די קלייטען מיט אימער איינע און דיזעלבע אויסגעמאָסטענע קלעפּ:

טראַך־טראַך־טראַך־טראַך!...

ווען עס הערט זיך פון די קלייטען זעליג דעם סטראַזש'ס שטעקען, שלאָפט זיך אין שטאָדט געשמאַקער...

אַ געדיכטע פינסטערניש האָט אַרומגענומען און באַדעקט דאָס גאַנצע שטעדטעל. נאָר אין איין ווינקעל־געסעל האָט גע־לויכטען אַ ליכט. דאָס איז געווען פון דער סקווערער קלויז. דאָרטען איז געזעסען, ווי זיין שטייגער איז, לייב גענים איבער אַ גמרא און געלערענט.

דריי מאָל אַ וואָך איז ער „אויף" אַ גאַנצע נאַכט און לערנט.

ער איז שוין מעהר קיין איינגעלע ניט. ער איז יעצט אַ חתן־בחור מיט גאָר אַנדערע געדאַנקען... שוין גאָר ניט ווי אַמאָל, ווי אין זיינע קינדער יאָרען, ווען ער פלעגט ביי חברה הייסען מיט אַ צונעמעניש „גענקע“ און פלעגט פאַר די קלויזנער בחורים׳לאַך ליעב האָבען צו צייגען אַלערליי שטיק מיט קונצען, ווי למשל ווי אַזוי צו לערנען מיט אַ ציעג דעם אלף־בית. ער פלעגט אַריינפיהרען אַ ציעג אין קלויז, זי אַוועקשטעלען לעבען אַן אָפענעם סידור און, דרעהענדיג זי ביים עק האָט ער געפרעגט: סגל־מם?... און די ציעג האָט באַלד געענטפערט: „מע!... אָדער ער פלעגט אויספלעכטען פון שטעכיגע בודיקעס רייט־וועגען און איינשפאַנען אין זיי צעהנדליגע פליגען אין איינשפיץ מיט אַ בלעטעלע אויפגעשריבען: „לסוסתי ברכבי פרעה“... אָדער ער פלעגט מיט חברה אַרונטער אויף דער פלעסע אַנקלייבען היישעריקען אין אַ פלאַש און נאָכהער אַוועק מיט זיי צו אַנגער־מאַן דעם אַפּטייקער איהם דאָס פאַרקויפען אויף מאַכען רפואות, ווייל ער אַליין האָט געזעהען אין אַ ספר אַז מען מאַכט פון היישעריקען רפואות... פון דעם זעלבען ספר, „רזיאל המלאך“, האָט ער זיך אויך געלערנט און דאָס געצייגט דער חברה ווי צו זיין אַ „רואה ואינו נראה“... צו קענען יענעם יאָ זעהן און אַליין ניט געזעהען צו ווערען... און נאָך און נאָך אַזעלכע איינגעלשע שטיק, וואָס חברה פלעגען אָנקוועלען פון זיי... באַלד עפּעס פלעגט מען זיך אַרומזעצען אַרום איהם און זיך טשעפּען צו איהם:

גענקע, צייג אונז עפּעס! גענקע, דערציייל אונז עפּעס! און ער פלעגט זיי שטענדיג דערצעהלען מעשה׳לאַך פון הערשעל אָסטראָפּאָליער, משלים פון׳ם דובנער מגיד און פון׳ם אשמדאי מיט לילית׳ן מיט זייער גאַנצער כתה. און ווי גוטע אידען, צדיקים, פאַרטרייבען זיי אין דער שאול תחתיה..

אָפטמאָל פלעגט ער זיי פרעגען רעטענישען אָדער קשיות אויף פסוקים, וועלכע, אונטערשטעלענדיג חברה אַ פיסעל, פלעגט

ער אומיסטנע פארדרעהען און איבערקערען און נאכהער באלד אליין פארענטפערען מיט פאלשע טייטשען און פשט׳לעך, וואס מען פלעגט פון זיי צופלאצט ווערען פאר געלעכטער.

איינמאל איז די גאנצע קלויז געגאנגען חאדראם איבער זיינס א שטיקעל. דאס איז געווען, ווען ער, אין כעס ווערענדיג, איינמאל, אויפ׳ן נגיד׳ס זוהנדעלע, מיכעלע, וואס האט זיך עפעס אומזיסט צו איהם געטשעפעט, האט ער איהם אונטערגעשלאגען אן אויג און געמאכט א וואונד אויפ׳ן שטערען... עס האט געהאל־טען דאמאלס זעהר שמאל סאי פאר איהם סאי פאר אלע קלויז־איינגלאך, און נאך מעהר פאר מיכילע אליין... עפעס א קליי־ניגקייט, מיכעלע דעם נגיד׳ס מיט אזא צו׳הרג׳עט פנים! וואס איז דא? א שענק מיט מארק יונגען? מיט דארפ׳ס שקצים?... אבער דא איז ער טאקע באלד געפאלען אויף אן עצה... אין שלחן־ערוך שטעהט דאך געשריבען, אז אויב מען ריהרט זיך צו פאר „נעגעל וואסער" מיט די טמא׳דיגע הענט צום פנים אדער צו די אויגען, זיינען זיי גלייך אויף דעם ארט מזיק... האט מיכעלע פארגעסען און האט זיך אומגערען צוגעריהרט מיט זיינע טמא הענט צום פנים און איבער דעם איז ער אזוי ניזוק געווארען... חברה האבען ממש אנגעקוואלען אויף זיין טיעפען איינפאל און אלעם האט זיך דאמאלס געענדיגט בשלום...

— יענע אינגעלשע, שטיפערישע יאהרען זיינען שוין אוועק. מעהרערע בחורים׳לאך פון זיינע קלויז־חברים זיינען שוין חתנים געווארען. אנדערע האבען שוין גאר חתונה געהאט און זיינען איידימלעך אין אנדערע שטעדט מיט אלדאס גוטס ביי רייכע שווער און שוויגער...

לייב גראבט אריין טיעפער דעם קאפ אין דער גמרא און פארטראכט זיך:

נו! — און ער? וואס וועט זיין מיט איהם? וועט ער אויך אמאל ארויס פון דאנען? וועט ער אויך אמאל אויפגעריכט ווערען ווי זיינע אנדערע חברים?... רפאל איז שוין היינט נאך

אַמאָל געווען ביים טאַטען. עפּעס האָט ער שטילערהייט איהם דערצעהלט, און נאכהער האָט ער געזאָגט שוין העכער: אם מד׳ יצא הדבר... אויב עס איז פון גאָט וועט אַלעס זיין גוט...

און צו איהם איז ער צוגעגאַנגען, האָט איהם אַ גלעט געטהאָן אין באַק און געזאָגט: לייב, דאַכט מיר אַז דו ביסט מיט דיין גמרא געפעלען געוואָרען... און אַז גאָט וועט הייסען וועסטו אם ירצה השם אריינפאַלען אין זעהר גוטע הענט... זעהר אַ רייכער בעל־הבית, אַ איד אַן עושר... זיי וועלען דיך גליקליך מאַכען... און די כלה, האָט ער זיך צוגעבויגען צום אויער, איז אַ יפת־תואר...

לייב האָט נאָך טיעפער אריינגעגראָבען דעם קאָפּ אין דער גמרא... נאָך צוויי מסכתות און ער וועט פאַרענדיגען גאַנץ ש״ס... ער וואָלט שוין לאַנג געווען פאַרטיג געוואָרען ווען ניט זיין שלאַפקייט. צוויי חדשים איז ער געלעגען אויפ׳ן היציגען שלאַפקייט. הערשקע דער רופא האָט איהם געגעבען פלעשעלעך מיט רעצעפּטען, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז די לונגען זיינען ביי איהם זעהר שוואַך און אַז ער דאַרף האָבען אַ סך לופט. ער דאַרף עסען אַ סך אייער מיט פּוטער און טרינקען ציגענע מילך... און אַז די נאַסע וועגט ביי זיי אין שטוב, מיט דער נאַסער בלאָטיגער ערד זיינען אומגעזונט פאַר איהם און ערגער פון אַלעס איז פאַר איהם דאָס וואָס ער שלאָפט אויפ׳ן אויווען. דאָרטען איז זעהר דושנע און די בלעטלעך טיטון, וואָס דער טאַטע ברענגט פון דער קלייט אַהער דאָ אויסצוטריקענען, אום צו מאַכען פּעקלעך קאָרעשקעס צום פאַרקויפען, פאַרשלאָגען שטאַרק דעם אָטעם, און דאָס, זאָגט הערשקע דער רופא, איז זעהר שעדליך פאַר די לונגען...

פונקט ביים אָנפאַנג פון דיזער מסכתא איז ער פאַרשלאָפט געוואָרען. יעצט איז שוין באַלד אַ וואָך, אַז ער איז שוין ווידער געזונד און האָט שוין באַלד אַ האַלבע מסכתא אָפּגעלערענט. ער איז שוין יעצט אינגאַנצען געזונד. נאָר דער הוסט איז נאָך ניט

אוועק... זעהר א שלעכטער הוסט. און דער הוסט אליין איז נאָך ניט אזוי ווי דאָס שטעכעניש אין דער לינקער זייט און אין פלייצע... אז עס טוט א נעהם אָט דער הוסט קען מען דעם אָטעם ניט כאפּען...

ליב האָט זיך אויפגעהויבען פון׳ם אָרט, האָט אוועקגע־שטעלט איין פוס אויפ׳ן באנק און דעם צווייטען אויפ׳ן דיל, זיך טיפער איבערגעבויגען איבער דער גמרא און מיט חשק זיך גענומען צום לערנען. מיט גרוים התמדה האָט ער געשלונגען שורה נאָך שורה, דף נאָך דף. אויף א ווײַלע האָט ער געמוזט זיך אָפּשטעלען, ווייל דער הוסט האָט צוגעטראָטען און א שוויים איז ארוים ביי איהם אויפ׳ן גאנצען געזיכט. אָבער זיין לאנגע ביינקעניש נאָך דער גמרא און די ווערטער, וואָס רפאל דער שדכן האָט איהם היינט געזאָגט, האָט גובר געווען דעם הוסט...

ליב האָט זיין אומעטיגען גמרא־ניגון נאָך העכער געמאכט און געלערנט ווייטער און ווייטער...

אין קלויז איז געווען א טויטע שטילקייט. פון ערגעץ וואו האָט זיך געהערט ווי א מויז האָט עפּעס געגריזשעט.... אפשר א שטיקעל חלב׳נע ליכט אָדער אפשר אויך אן אלטע דארע שטיקעל ברויט. טונקעלע שאָטענס האָבען איינגעהילט די גאנצע קלויז, ווענט און סטעליע, און האָבען פארדעקט דעם מזרח ווינקעל, וואו ליב איז געשטאנען אָנגעשפּארט איבער׳ן סטענדער ביים פאררויכערטען לאָמפּ, איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין דער גמרא פול מיט ווערטאָגען, אָבער אויך פול מיט האָפ־נונגען... די נאכט האָט שוין אָנגעהויבען באלד זיך ארונטער־צורוקען. פון דרויסען האָט זיך שוין דערהערט דאָס קול פון׳ם „קארלינער“, וואָס געהט ארום אלע פארטאָג וועקען די שטאָדט־לייט „אויפשטעהן צו עבודת הבורא“.. מיט א בעטענדער, טרויעריגער שטימע געהט דער „קארלינער“ מיט זיינע צוויי אינגלעך העלפערליך פון פענסטער צו פענסטער ביי זיינע אָפּגע־שטעלטע בעלי־בתים און זינגט פריהער אליין: „אדם דואג

על איבוד דמיו ואינו דואג על איבוד ימיו" (אַ מענש זאָרגט זיך אויף זיין געלט פאַרלוירען און זאָרגט ניט אויף זיינע טעג פאַרלוירען). נאָכהער ענטפערען די העלפערלאך: „שטעהט אויף, שטעהט אויף צו עבודת־הבורא!..."

באַלד האָט זיך מיט אַ טיעפען קרעכץ געעפענט די טיהר פון דער קלויז, דאָס איז אריינגעקומען לייזער משה דער שמש צוצוגרייטען ליכט ביים עמוד און מאַכען אַלעס פאַרטיג פאַר'ן ערשטען מנין צו דאַווגען. די פענסטער האָבען ביסלאַכווייז אָנגעהויבען בייטען זייער קאָליר פון שוואַרץ אויף בלוי. לייב נענים האָט פאַרמאַכט די גמרא, זיך ארומגעבונדען דעם האַלז מיט זיין וואָלענער שאַלקע, וואָס די שוועסטער האָט פאַר איהם אויסגעאַרבייט און איז אַוועק אַהיים.

אין דרויסען האָט געבלאָזען אַ שאַרף פאַרטאָגעדיג ווינטעל און האָט דורכגענומען לייבען מיט אַ שטאַרקען קאַלטען ציטער. ער איז שטילערהייט אריין אין שטוב, איז אין דער טונקעל ארויפגעקראָכען אויפ'ן אויווען און ציטערענדיג פון קעלט, האָט ער זיך איינגענורעט אין'ם צוריסענעם בורקעלע, מיט וועלכען ער דעקט זיך שטענדיג צו. באַלד אָבער איז איהם געוואָרען שטאַרק היים און עס האָט איהם אריינגעוואָרפען אין אַ קאָשמאַר... יעצט איז מיט אַמאָל איהם עפּעס געוואָרען אַזוי גרינג אויפ'ן הארצען, אַזוי גוט אויף דער נשמה...

און לייב דערזעהט זיך פּלוצים אַ שיינענדען אַ גליקליכען... ער איז אָנגעטהאָן פון קאָפּ ביז די פיס אין נייע קליידער, אין אַ גוטער פריוויענער קאַפּאָטע און אין נייער בעלגעיער־שיך.. ער קומט שבת אין קלויז מיט'ן טאַטען און מיט אַלע קרובים, וואָס זיינען געקומען איהם פיהרען אין שול אריין...

דער אַלטער בערל רופט איהם אויף צו דער תורה, אויס־ציקלענדיג הויך די ווערטער: יעמוד... החתן ר. יהודה־לייב בר' משה מפטיר!... נאָך די ברכות טוט דער שמש אַ געשריי: „וויבער, באַוואַרפט דעם חתן!..."

און די מאמע מיט אַלע ווייבער געהען גלייך אַריבער אין דער מאַנסבילשער שול מיט פאַטשיילעס פול מיט טערקישע ניסלעך און פון אַלע זייטען הערט זיך באַלד „מזל־טוב“ מיט דריבנע קלאַנגען פון די געוואָרפענע ניסלאַך אויפ׳ן באַלעמער, אויף די סטענדערס און אויפ׳ן דיל...

און אָט איז שוין דער יום החופה... פאַמעליך פיהרט מען איהם צו, מיט׳ן דעק־טוך איןביידע הענט, צו דער כלה... ער זעהט איהרע שווארצע האָר מיט איהרע גלאַנציג־סאַמעטענע אויגען, וואָס דערלאַנגען איהם טיעף אין הארצען אריין... ער הערט זיך צו ווי ליפּע דער חזן איז מסדר קידושין, אויסשרייענדיג אויף אַ קול די ברכה: „משמח חתן עם הכלה!...“

און אָט זיצט ער שוין ביים שווער אין הויז אין אַ באַ־זונדער אַלקיר מיט אַ זיידען יארמולקעלע אויפ׳ן קאָפּ איבער אַ ש״ס גמרא, פונ׳ם נייעם סלאַוויטער ש״ס, וואָס דער שווער האָט איהם געקויפט אַ מתנה און, זייענדיג פאַרטיפט אין דער גמרא, ערגעץ אין מיטען אַ האַרבער פלוגתא פון די בית־שמאי מיט די בית־הלל... קומט צו איהם אריין זיין ווייבעלע און טראָגט איהם צו אַ זיסע גלאָז טהעע מיט אַן אייער־קיכעלע צו צובייסען... זי זעצט זיך אַוועק זעהר נאָהענט לעבען איהם און בעט איהם אַזוי זיס, אַזוי מחיה׳דיג:

— לייבישעל, עס!... לייבישעל, טרינק!...

ער טוט אַ טרונק אַביסעלע... אָבער ער פאַרכלינעט זיך באַלד און הויבט אָן צו הוסטען...

לייב כאַפּט זיך אויף...

ער פּרובירט זיך אויפזועצען און זיך אויסהוסטען, אָבער ער קען ניט... עס וואַרגט איהם אין האַלז, עס שטיקט איהם אין אָטעם... און באַשלאָגען אין שוויים פאַלט ער אריין אין קאָנוואולסיע...

אין דרויסען איז שוין לאַנג אַרויס אַ גרויסע גאָלדענע זון און האָט מיט התמדה געשמאָלצען דאָס האַלב־פאַרפרוירענע

פון דער נאַכט בלאָטיגע געסעלע און עס געמאַכט בלישטשען מיט אַ גלאַנץ...

לעבען דער שטוב פאַר דער טיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע שכנים פון דער גאַס, אידען און ווייבער און איינער דער־ צעהלט דעם צווייטען, וואָס און ווי אַזוי דאָס איז געשעהן...

און אַז דודי דער וואַסער פיהרער איז צוגעפאָהרען צו דער שטוב מיט זיין פעסעל וואַסער און האָט געוואָלט, ווי אַלעמאָל, אָנצאַפּען אַמאָל וואַסער און אריינטראָגען, האָבען איהם שוין די מענשען אין דרויסען אָפּגעשטעלט ער זאָל דאָס ניט טון... ס'אַנעבירה די וואַסער... מע וועט זי דאַרפען ארויסגיסען... ס'איז דאָ אַ בר־מנן אין הויז...

צוויי חברים.

פייווע און משה, צוויי חברים, האָבען פארלאָזט די סקווערער קלויז, וואו זיי פלעגען, ווי זייערע אַלע אַנדערע קלויז־חברים, לערנען גמרא און יורה־דעה מיט אַלע מפרשים, און האָבען מיט אמאָל זיך גענומען אויפ'ן וועג פון השכלה. זיי האָבען זיך ביידע צונויפגעפּאָרט און צוזאמען זיך גענומען לערנען ביי משה'ן אין דער היים אַלערליי השכלה ביכער. ספרים האָבען זיי געהאַט גענוג. זיי האָבען דאָס געקראָגען ביי משה'ס פאָטער ישראל דעם מוכר־ספרים, וועלכער איז שטילערהייט אויך געווען א האַלבער משכיל און אין זיינע קאַסטענס מיט ספרים האָבען זיך אימער געפונען פיעלע השכלה ביכער.

די צוויי חברים האָבען זיך זעהר רעספּעקטירט איינער דעם צווייטען און געלערענט האָבען זיי זעהר געשמאַק, פלייסיג און מיט דער איינגעבאָרענער אין זיי נאָך פון דער קלויז התמדה, און האָבען אויך שנעל זיך ערוואָרבען ברייטע ידיעות אין העברעאיש, דקדוק, רוסיש מיט דער גראַמאַטיק און אויך ווי־סענשאַפטען ווי מאַטעמאַטיק, פיזיק, געאָגראַפיע און אסטראָ־נאָמיע.

איין איבערשלאָג איז אָבער געווען ביי זיי דאָס, וואָס זייערע כאַראַקטערע זיינען געווען פארשידענע. איינער פונקט דער היפוך פון'ם צווייטען. איינער איז געווען א שטילער, צו שטיל, זעהר קאַלט צו אַלעם. אין יעדער זאַך געזוכט לאָגיק און אַלעם געטהאָן מיט מאַטעמאַטישער אויסגערעכענטקייט — דאָס איז געווען משה. דאַגעגען, זיין חבר פייווע, איז שוין געווען א

רעדעוודיגער, אַ היציגער, אַ פאַנטאַזיאָר, אימער פול מיט איר־לוזיעס און שטענדיג נאָר געלאָכט און געזונגען.

ביים לערנען האָט זיך אָפט געמאַכט, אַז זיי פלעגען אין מיטען דערינען זיך צוהאַמפּערען. פייווע׳ן פלעגט זיך פאַר־גלוסטען באַווייזען זיינע שטיק. מען האָט געמעגט האַלטען אין מיטען דער אַלגעברא אָדער געאָמעטריע, האָט ער געקענט פלוצים ארויסכאַפּען אַ ביכעל שירים פון יהודה־לייב גאָרדאָן און זיך צודעקלאַמירען אויף אַ קול, אָדער גאָר מיט צונומענע הענט און מיט פארגלאָצטע אויגען זיך צוזינגען פרוג׳ס אַ רוסישע ליד. דאַמאָלס, נאַטירליך, פלעגט שוין פייווע אויסכאַפּען אַ גוטען פּסק פון משה׳ן פאַרוואָס ער צופּטר׳ט די צייט מיט פּוסטע נאַרישע זאַכען, וואָס מען האָט פון דעם גאָרניט... און עס פלעגט זיך אָנפאַנגען אַ מחלוקת. פייווע האָט גע׳טענה׳ט, אַז שעהנע ליטעראַטור, מוזיק און פּאָעזיע איז אַזוי נויטיג ווי וויסענשאַפט, און משה האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט אוועק־געבען איין געאָמעטרישע טעאָריע פאַר אַלע ראָמאַנען מיט דער מוזיק צוזאַמען.

אָפילו אין דרויסען, ווען זיי זיינען אַמאָל ארויסגעגאַנגען פאַרנאַכט נאָכ׳ן לערנען אויף אַ שפּאַציר, הינטער דער שטאָדט, די לופט איז געווען פריש, דער הימעל אויסגעשטערענט, דער ברייטער אָפענער וועג אָהן קיינע הייזער ארום, האָט געגלאַנצט און געפיהרט גלייך אין וואַלד אריין, דאַמאָלס האָט פייווע, ווי זיין שטייגער איז, זיך באַלד צוזונגען, ער האָט זיך דערמאָנט אָן לערמאָנטאָוו׳ס:

איך געה ארויס איינער אין וועג,
די נאַכט איז שטיל,
דער וועג איז גלאַנציג
און אַ שטערן מיט אַ שטערן רעדט...

אָבער משה האָט איהם באַלד איבערגעשלאָגען און לאַכענדיג פון דעם וואָס „שטערן רעדען“, איז ער גלייך אריין מיט אַסטראָ־

נאָמיע, אַז אין׳ם אוניווערזום אין פאַראַן אַ זונען־סיסטעם מיט פאַרשידענע שטערן. און אַז עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיד צווישען שטערען און שטערען. די וואָס דרעהען זיך אַרום דער זון הייסען גאָרניט קיין „שטערן“, נאָר „פּלאַנעטען“... א. ז. וו. פייווע אָבער האָט אויך ניט פאַרשוויגען. אַ פּאָעט, האָט ער געזאָגט, איז מעהר שטערנזעהער ווי אַן אַסטראָנאָם. דער פּאָעט מיט זיין גרויסער נשמה און מיט זיינע טיעפע ליכטיגע אויגען זעהט בעסער די שטערען אין הימעל ווי דער אַראָסטאָנאָם דורך זיין טעלעסקאָפּ.

— יא, צואוואַרעמט זיך דאַן פייווע, דער פּאָעט הערט ווי די שטערען רעדען איינער צום צווייטען... ער הערט אַפילו ווי זיי זינגען אַלע אין אַ כאָהר... האָבען אויך דען ניט אונזערע משוררים געזאָגט: „השמים מספרים“, די הימלען דערצעהלען... „ברן יחד כוכבי בוקר“, ווען די מאָרגען שטערן זינגען צוזאמען...

— עט, מאַכט משה זיך אָוועק דאַמאָלס קאַלטבלוטיג, די וויסענשאַפט ווייסט דאָס ניט און וויל דערפון ניט וויסען...

ערגער פון אַלעם פלעגט משה זיין אויפגעבראַכט ווען פייווע פלעגט זיך צורעדען פון מיידלאך.

צו פייווע׳ס שוועסטעריל פלעגען קומען חבר׳טעס, שעהנע מיידלאך, געענדיגטע די רוסישע פאָלקס־שוהלע, האָט ער ליעב געהאָט זיך צו באַריהמען פאַר משה׳ן ווי ער פאַרברייגנט מיט זיי ווען זיי קומען צו זיי אין הויז, ווי מען לעזט צוזאמען רוסישע ביכער און מען זינגט רוסישע לידער, מען לאַכט, מען שטיפט און ס׳איז אַזוי אַנגענעהם און אַזוי פרעהליך... איינמאָל, דערצעהלט ער איהם, האָט זיך געמאַכט, ווען זיי האָבען אַלע געשפּילט אין פאַנדען. דאַמאָלס איז געווען דאשא טאַלינאַקער מיט איהרע שוואַרצע ווי סמאָלע אויגען און מיט איהרע לאַנגע זיידענע האָר פאַרפלאָכטען אין אַ צאָפּ; אידא גרינבערג מיט איהרע צוויי גרויסע בלויע אויגען און אויך ברייגע קאָהן, די גריניגקע— „ירקרקת“ ווי אסתר — אָבער פול מיט גראַציע

און חן אָהן אָן עק, איז אויף איהם דאמאָלס אויסגעפאַלען אַ קוש טהאָן איינע פון די מיידלאַך... און ווען אַ שטייגער, זאָל מען דענקען, האָט ער אוועקגעגעבען אָט דעם קוש?... ניט קיינעם, פארשטעהט זיך נאָר טאַקע דער גרינער חנ׳עוודיגער ברײנע׳ן...

— פע! מעגסט זיך שעהמען, — האָט זיך דאן משה אָנגעבייזערט אויף איהם. ביזט אַ פשוט׳ער בחור. דערצעהל מיר ניט אַזעלכע נארישע מעשיות! ביי מיר איז די איינפאַכסטע „אַלגעברישע גלייכונג“ בעסער פון אַלע דיינע גראַציעזע מייד־לאַך מיט זייערע שווארצע, בלויע און אפילו געלע און רויטע אויגען צוזאַמענגענומען, האָט זיך משה געחכמ׳עט און איראָני־זירט איבער פייוועןן.

אָט אַזוי פלעגען זיך די צוויי חברים, צוויי עקסטרעמען, אימער אַרומרייסען צווישען זיך. צוזאַמען שטענדיג געלערנט און צוזאַמען זיך שטענדיג אַרומגעריסען...

איינמאָל, אין אַ שעהנעם פריהלינג טאָג, האָט פייווע גע׳פועל׳ט ביי משה׳ן ניט צו זיצען אין הויז, נאָר פארנעמען די ביכער און אוועקגעהן אין וואַלד אויף דער פרישער לופט און דאָרטען לערנען. זיי זיינען אוועק אַזש צום קרענעטשקעלע, וואָס לעבען טייכעל טיעף אין וואַלד און, צוליינענדיג זיך אונטער אַ געדיכטען בוים, האָבען זיי זיך גענומען צום לערנען. די זון האָט זיך ערטערווייז דורכגעשטופט דורך די געדיכטע צווייגען און געשאָטען אויף זיי מיט ווייסע העלע פלעקען, וואָס האָבען געטאַנצט אַראָפּ און אַרויף אויף זייערע געזיכטער... פון אויבען, ערגעץ פון שפיץ בוים, האָט עפעס אַ פייגעלע ווי רייצענדיג זיך מיט זיי, אַלעמאָל זיך צושפּילט פונקט דאַן נאָר ווען זיי האָבען געלערנט, האָבען זיי אויף אַ ווײלע אויפגעהערט לערנען, איז דאָס פייגעלע אויך שטיל געוואָרען. אויף דעם גרינעם שטיקעל לאָנקע, ניט ווייט פון זיי, האָבען זיך געשפּילט אַ פּאָר טייבעלעך,

זיך געקושט אלעמאל אין די פיסקעלאך און וואָרקענדיג ערקלערט זיך אין ליבע איינער דעם צווייטען...

— דו ווייסט, פייווע, — האָט משה זיך פלוצים אָפּגערופען.

— אָט אזוי אָ, ליגענדיג אונטער אַ בוים, אַן עפּעל־בוים, האָט אייזיק ניוטאָן ענטדעקט דעם געזעץ פון גראַוויטאַציע. ער האָט געזוכט צו פארשטעהן וויסענשאפטליך פארוואָס פאלט דער עפּעל פון'ם בוים צו דער ערד אראָפּ און ניט ארויף, און דאַן האָט ער צום ערשטען מאָל ערקלערט די קראפט פון גראַוויטאַציע.

פייווע איז געלעגען אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז, שטארק פארטראכט.

—וואָס שווייגסטו עפּעס, פייווע? — פרעגט איהם משה.

— ביזט שוין אפשר ווידער ערגעץ ביי דיינע שווארצע, בלויע, געל־רויט־אויגענע מיידלאך?...

— פארוואָס שווייגסטו, פארוואָס רעדסטו ניט?

— ס'ניטאָ מיט דיר וואָס צו ריידען, משה! — האָט פייווע אַ ברוגז'ער געענטפערט. ביזט אַ צו טרוקענער בחור. דו האָסט אַ געאָמעטריש הארץ און אַן אלגעברישע נשמה... פאר דיר איז די זון בייטאָג און די שטערען ביינאכט בלויז אסטראָנאָמישע קערפּערס, ניט מעהר. אומעטום, — האָט ער אַ צוואוארימטער געזאָגט — זוכסטו נאָר די קאלטע וויסענשאפט, די געזעצע פון פיזיק און מאַטעמאַטיק, מעהר זעהסטו ניט און מעהר הערסטו ניט... פאר איין פיטהאגאָרעס'עס טעאָרעמאַ וועסטו אוועקגעבען דעם גאנצען וואלד בוימער מיט זיינע הארציגע תפילות צום רבנו של עולם, וואָס ווי אמת'ע צדיקים שאָקלען זיי זיך און זיינען מתפלל.. דו הערסט ניט דאָס פרומע מורמלען פון'ם טייכעלע... טויב זיינען דיינע אויערען צו הערען די הערליכע סאָפּראַנען־טענער פון'ם וואלד־ווירטואָז, דעם נאַכטיגאַל — פון דער סימ־פאָניע פון דער גאנצער נאַטור מיט איהר צויבערענדער אידיליע, וואָס איז דאָ.... פרעמד זיינען פאר דיר די געפיהלען פון אָט די טייבעלאך מיט זייער אמת'ער, שעהנער און ריינער ליעבע...

צו טרוקען איז דיין נשמה, צו אויסגעדאַרט איז זי!... דו דאַרפסט זי אָנהויבען מעהר שפּייזען, מעהר האָדעווען!... דו פאָלג מיך, משה, קום צו מיר אין מיין הויז לערנען, דו וועסט לעזען שעהנע ליטעראַטור, ווי סמאָלענסקי, ברוידעס; דו וועסט לעזען די שירים פון יהודה לייב גאָרדאָן, פון מיכה יוסף לעבענזאָהן, דעם יונג פאַרשטאָרבענעם פּאָעט, אויך פּושקינ׳ען, לערמאָנטאָוו׳ען און נעקראַסאָוו׳ען...

פּייוועל איז געבליבען שטיל אויף אַ מינוט. משה האָט איהם דאַן אָנגענומען ביי דער האַנט און שווייגענדיג זי געדריקט צו זיך. די בוימער זיינען אויך געשטאַנען שטיל און אומבאַוועגט. גלייך ווי זיי וואָלטען אויפגעשטעלט די אויערען, איינהערענדיג זיך אין די נאָר וואָס אַרויסגערעדטע הייסע ווערטער. נאָר דאָס פּייגעלע אויבען איז ניט שטיל געווען. הפּנים אויך אויפגעמונטערט און באַגייסטערט, איז עס אַרוים מיט אַ סאָלאָ, אין וועלכער עס האָט איינגעלייגט אַ וועלט, באַווייזענדיג זיין גאַנצען קינסטלערישען טאַלאַנט...

דער קאָזאַק פון׳ם וואַלד איז ניט וויים פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ גרויסען, מיט לאַנגע אויערען הונט, וועלכער איז צוגעלאָפען צו זיי, אַ פאָר שמעק געטאָן און מיט איין שפּרונג אַוועק צוריק...

— לאָך נאָר ניט, חבר, פון מיידעלשע אויגען, — האָט פּייווע ווייטער פאָרטגעזעצט. ערשט דאַרטען, אין יענע אויגען, קענסטו געפינען די ריכטיגע ניוטאָן׳ס גראַוויטאַציע... הלואי באַקענסטו זיך מיט אַזעלכע שעהנע איידעלע און געבילדעטע מיידלאַך, וואָס קומען צו אונז אין הויז. דיין טרוקענע נשמה וואָלט זיך אויסגעבאָדען אין די שוואַרצע און בלויע ימים פון זייערע כשר׳ע אויגען, וואָלט זי געוואָרען אַן אַנדערע...

— גוט! — האָט משה פּלוצים אויסגעשריען. — איך פאָלג, איך קום! — און מיט אַ שיר־השירים ניגון האָט ער אויסגע־

צויגען די ווערטער: „משכני אחריך נרוצה!“ — ציה מיך נאָר דיר, מיר וועלען לויפען!

— און וואָס וועט אָבער זיין, — האָט ער פּייווע׳ן ארויפּ־געלייגט די האַנט אויפ׳ן אַקסעל און אריינגעקוקט טיעף אין פּנים, אַז פאָלגענדיג דעם געזעץ פון גראַוויטאַציע, וועל איך אויך וועלען אַ קוש טהאָן דיין גריבינקע, און ווי דו זאָגסט, אַזוי חנ׳עוודיגע בריינע קאָהן?...

דאַן וועל איך דיר אַרויסרופען אויף אַ דועל און וועל דיך דערשיסען ווי אַ הונט! — האָט באַלד געפאָלגט דער ענטפער, און ביידע חברים האָבען זיך גוטמוטיג צולאַכט.

אויף מאָרגען, ווען משה איז געקומען, האָט פּייווע גלייך באַמערקט אויף איהם אַן ענדערונג. די שיך זיינען געווען אָפּ־געפּוצט מיט אַ גלאַנץ. דער קאָלנער פריש אויסגעפּרעסט און די האָר זיינען געווען פּארקעמט און געלעגען אין בעסטער אָרדנונג...

פּייווע האָט איהם באַלד פאָרגעשטעלט פאַר דער שוועסטער און פאַר דאַשע׳ן. די מיידלאַך האָבען איהם דערלאַנגט די הענט און אָפּגעענטפערט: „אָטשען פּריאַטנאָ“ — זעהר אַנגע־נעהם, און דאַשאַ האָט זיך אָנגערופען צו איהם:

— דאָס זענט איהר, הייסט עס, פּייווע׳ס חבר צום לערנען, „טאָוואַרישץ פּאָ סקאָמייקע“, הייסט עס אַ באַנק־חבר. נו, „זאָג מיר ווער דיין חבר איז — וועל איך דיר זאָגען ווער דו ביזט“, — האָט דאַשאַ, נאָך האַלטענדיג משה׳ן די גאַנצע צייט ביי דער האַנט, אויסגעקלונגען די ווערטער אין אַ שעהנעם און ריינעם רוסישען אקצענט.

משה איז דערביי שטאַרקט רויט געוואָרען און וואָלט געוויס געוועהן דאַמאָלס זעהר דורכגעפאַלען, ווען פּייווע זאָל ניט געווען באַצייטענס אויסדרעהען דאַשאַ׳ן צו זיך און איהר כלומרשט געוואָרענט מיט׳ן פינגער אַז זי זאָל נאָר אין איהם יעצט ניט פאַרגעסען...

שפּעטער, ווען מען איז אַלע געזעסן אַרום טיש פאַר אַ ליטעראַרישע פאַרלעזונג, ווי זייער אַפּטער שטייגער איז געווען, האָבן אַלע געבעטען משה׳ן ער זאָל לעזן. משה האָט זיך עטוואָס געקווייִנקעלט: ער איז אַ שוואַכער פאַרלעזער, דאָשאַ אָבער האָט איהם געזאָגט: „ניטשעוואָ״! עס מאַכט ניט, זי וועט איהם אַרויסהעלפען. דערביי האָבן איהרע סאַמעט־שוואַרצע אויגען איהם אַזאַ גלעט געגעבען, אַז ער האָט זיך באַלד אונטערגעגעבען און געטראַכט האָט ער זיך דאַן: יאָ, ס׳איז אמת, אָט אַ דאָ אין די אויגען איז די אמת׳ע ניוטאָן׳ס גראַוויטאַציע...

משה האָט געלעזען נעקראַסאָוו׳ען. ביי יעדען קאַפּיטעל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און מען האָט אַנאַליזירט און דיסקור־טירט דאָס איבערגעלעזענע, פון וועלכען משה׳ן איז געוואָרען פיעל זאַכען ליכטיגער און קלאָרער. דאָשאַ איז געזעסן לעבען איהם און האָט איהם ערטערווייז אונטערגעהאָלפען. אַ קנוילכעל פון איהרע עטוואָס צושויבערטע געוואָרענע האָר האָט אַרומגעשטיפּט אויף זיין אויער, ביי וועלכען זיין האַרץ האָט זיך יעדעס מאָל אַ וואָרף געטהאָן...

משה איז געווען יענעם טאָג זעהר אַ צופרידענער.

ראזע און ברײַנה
(די „געבילדעטע שנור“ און די „בייזע שוויגער“)
„דרײַסיג יאָהר“, זייט 70.

דרייסיג יאָהר.

ראָזע איז געווען אַליין אין הויז. זי איז געזעסען ביים פענסטער און האָט ארויסגעקוקט אין גאס וואו זי האָט געזעהן איהר משה'לע געהענדיג אין סקוהל. אויף גיך האָט ער היינט אָפּגעכאַפּט דעם מיטאָג און אַפּזאָגענדיג דעם געוועהנליכען „שלום” איז ער איילענדיג אוועק צוריק אין סקוהל. פאר איהר האָט ער אין העברעאיש נאָר אזא וואָרט ווי „שלום” און אפשר נאָך א פּאָר אזעלכע גרינגע ווערטער. מיט'ן פּאָטער, אָבער, ניש־קשה, טענה'ט ער זיך שוין גאַנץ גוט אויס אין דער העברע־אישער שפּראַך... פּאַרוואָס ער איילט זיך היינט אַזוי אין סקוהל האָט ער עפּעס אָנדערצעהלט א גאַנצע געשיכטע: עס איז היינט געוואָרען הונדערט און פופציג יאָהר צו דער אמעריקאַנער פּאָהן. צוריק מיט הונדערט און פופציג יאָהר האָט אַ פרוי אין פילא־דעלפיא אויפגענעהט די ערשטע פּאָהן מיט די שטערען און פּאַסען. די פרוי האָט געהייסען מיט'ן נאָמען „בעטסי ראָוז”. מען וועט שוין היינט דעריבער גאָר ניט לערנען אין סקוהל. ס'וועט זיין אַ יום־טוב. מוזיק וועט שפּילען און מ'וועט פייערען די הונדערט און פופציגסטע עניווערסערי פון דער אמעריקאַנער פּאָהן...

די ווערטער מיט דער געשיכטע פון דער פילאדעלפיער פרוי וואָס משה'לע האָט אויף גיך אָפּגעגלעקעלט און איז אוועק, האָט ראָזען אריינגעוואָרפען אין אַ ים מיט מחשבות און זכרונות...

— די ערשטע אמעריקאַנער פּאָהן האָט צוריק מיט הונדערט און פופציג יאָהר אויפגענעהט אַ פרוי מיט'ן נאָמען „ראָוז”,

„בעטסי ראָוז”... און וויפיל יאָהר איז אין דעם אז זי, אויך „ראָזע”, האָט אליין אויך אויפגענעהט די ערשטע ציוניסטישע פאָהן אין איהר שטעדטעל ט.?... אויך א קימא־לן פון דרייסיג יאָהר!... יאָ, פונקט דרייסיג יאָהר! דאָס איז געווען הפנים באַלד נאָכ'ן ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין יאָהר 1897. איהר אליעזר איז דאמאָלסט אָנגעקומען פון דער גרויסער וועלט, פון אפריקא און פון ענגלאנד, ער איז געווען אויף גרויסע ציוניס־טישע צוזאמענפאָהרען, וואו ער האָט זיך באגעגענט מיט די גרעסטע פיהרער פון דער באוועגונג, און באַלד נאָך זייער הייראַט האָבען זיי זיך באזעצט אין שטעדטעל.

יונג און שעהן זיינען זיי דאמאָלסטביידע געווען, פול מיט האָפענונגען און אידעאלען. מיט זייער גאנצער ענערגיע האָבען זיי זיך דאָן אריינגעוואָרפען אין דעם נאָר וואָס געבוירענעם הערצל־ציוניזם.

דאָס שטעדטעל ט. וואָס איז אימער געווען אזוי טיף פאַר־זונקען אין א געדיכטער פינסטערניש פון נארישקייטען און אומ־וויסענהייט האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז אויפלעבען און באַ־לייכט ווערען פון די ליכטיגע שטראַהלען פון דער נייער אויפ־געהענדער זון וואָס האָט אָנגעהויבען שיינען אויפ'ן אידישען האָריזאָנט.

— אך, ווי שעהן ס'איז געווען יענע צייט, ווי אינטערע־סאנט! דאָס זיינען געווען די שעהנסטע, גליקליכסטע טעג אין איהר לעבען — האָט ראָזע צו זיך הויך א זאָג געטאָן און א טיפער קרעכץ איז נישט ווילענדיג ארויס פון הארצען.

— באַלד איז דאמאָלסט געגרינדעט געוואָרען א ציוניסטי־שער „קרוזשאָק” און אליעזר, פארשטעהט זיך, איז געווען דער „פרעדסעדאטעל”. אלע משכילים פון שטעדטעל, די ציוניסטען מיט זייערע פרויען פלעגען זיין אָפט באזוכער ביי זיי אין הויז, וואו עס פלעגען אויך פאָרקומען די מעהרסטע זיצונגען. נאָך יעדער זיצונג האָט מען פרעהליך פארבראַכט ביי א גלאָז טיי

מיט אײַנגעמאַכטס, מיט אמת גוטע היימישע געבעקס און מיט ציוניסטישע לידער. נאָך עד היום ליגען איהר אין טעם וואר־שאַווסקי'ס פּאָלקס לידלעך וואָס זי פּלעגט אַזוי ליב האָבען מיט־זינגען מיט די ציוניסטען. באַלד עפּעס פּלעגט פּינו, טאַקע זייער קאָזין, מיט זיין הייס געבאָדענעם טעמפּעראַמענט, ארוים מיט א געזאַנג. אַלע האָבען אונטערגעכאַפּט און עס פלעגט ווערען ליהודים.

ראָזע האָט זיך דאָ דערמאָנט אין א פאַל, וועלכער האָט אפילו איצט ארויסגערופען טרערען אין איהרע אויגען.

איהר אליעזר איז איינמאָל שיער ניט אין טורמע אוועק אָדער אין סיביר פאַרשיקט געוואָרען איבער'ן ציוניזם.

אין שטעדטעל איז עפּעס דאַמאָלסט געווען א גרויס מחלוקה מיט קהל'שע צאַנקערייען. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געווען צוטיילט אין צדדים. יעדער צד פאַר זיין רב: „די קאָוועלעס", „די ווינאַקורעס", „די פּאַטשאַטאַוועס", דאָס זיינען אַלץ געווען באַזונדערע צדדים, און ועל כלם „דעם רבינ'ס הויף". עס האָבען אויך ניט געפעהלט קיין מסירה'לעך מיט פּאַפּירעלעך צום גובער־נאַטאָר און אין אַנדערע הויכע פענסטער, פון וואַנען עס פלעגען אָפּט ארונטערקומען טשינאָווניקעס פאַר אונטערזוכונגען. איינמאָל קומט פּלוצים אריין א „סאָטסקי" אין הויז און רופט אליעזר'ן צום פּריסטאַוו. עס מוז געהן טאַקע באַלד מיט איהם. דער פּריסטאַוו האָט איהם באַלד ביי זיך אין קאַנצעליאַריע א נעהם געטאָן אויף א „דאָפּראָס". וואָס פאַר „סאָבראַניעס" ער מאַכט, וואָס פאַר רעדעס ער האַלט דאָרטען, ווער איז „דאָקטאָר גערצעל", און וואָס איז דאָס פאַר א רויט העמדעל וואָס ער טוט זיך אָן ווען ער רעדט אויף די „סאָבראַניעס"?

דאָס האָט אליעזר אַמאָל אויף אַן אָוועגט דעקלאַמירט גאָלדפאַדענ'ס „א שטיין פונ'ם הארץ", זיך פאַרקליידעט אַלס „וואַניושאַ". א האַלבען טאָג האָט ער איהם דאָרטען אָפּגעהאַלטען און אָנגעשריבען אפשר פינף בויגען פּאַפּיר. גאָט ווייסט וואָס עס

וואָלט דאמאָלסט פון דעם געוואָרען ווען מאיר פון דער פּאָטשט זאָל זיך ניט געווען אריינמישען און פארדרייבען די זאך מיט א פּאָר רובעל.

נאָך יענער מעשה און דעם גרויסען נס וואָס עס האָט דאַן געטראָפען איז אין הויז ווידער געוואָרען שמחת־תורה. חברה האָבען פארבראכט און געזונגען „פון ליובאוויטש ביז האצלאוויטש אי וואס הער איך אייך״! ... און אָננעהמענדיג זיך פאר די הענט איז מען פשוט אוועק מיט א ריקוד׳ל ארום טיש. פּיני דער פּאַנטאַזיאָר פלעגט גאָר איבערדרעהען דאָס לידעלע און פלעגט זינגען „פון ט. ביז באזעל אי וואָס הער איך אייך, און פון באזעל ביז ארץ ישראל, אי איך לאך פון אייך״! אָה! יענע צייט, יענע גאָלדענע צייט פון איהר לעבען וועט זי קיינמאָל ניט פאר־געסען!

און ווען עס איז געקומען חנוכה און אַלע האָבען וואָכען לאַנג שווער געארבייט צוגרייטענדיג זיך צום ערשטען נאַציאָנאַלען חנוכה אָווענט, פּיני און גרינבערג זיינען שוין געווען פארטיג מיט׳ן כאָהר. די ווייבלעך, טאקע אונטער איהר פיהרערשאפט זיינען שוין געווען גרייט מיט׳ן גרויסען „מגן דוד״ צונויפגעג־שטעלט פון קינסטליכע בלומען, וועלכער האָט באדעקט מיט זיין גרוים א גאַנצע וואַנט אין לייזער־אבע׳ס חתונה־זאַל. עס זיינען שוין אויך געווען איינגעשטודירט די ראָלען פון דער „בייזער שוויגער״ אין וועלכער זי און ברײנע פּיני׳ס זיינען געווען די הויפּט־שפּילערינס. זי אַלס די „געבילדעטע שנור״ זיצט ביי א נעגעה און זינגט צו אויף א קול א העברעאישע ליד און ברײנע אַלס די „בייזע שוויגער״, לויפט אריין אנגעטאָהן אין א קאָפּ־טיכעל און מיט א ברייטער קאָפּטע, צושרייט זיך אויף איהר מיט א געוואַלד און זידעלט זי פארוואָס זי האָט זיך אזוי צוזונגען ווי א שיקסע אויף דער וואָליצע. עס העלפט אפילו ניט דער שנור׳ס פארענטפערען זיך אז עס איז לשון־קודש... אַלעס איז שוין געווען פארטיג פאר יענעם אָוועגט, נאָר איין זאך האָט נאָך

געפעהלט דאמאָלסט, די ציוניסטישע פאָהן. זיי האָבען נאָך דאָ קיין אייגענע פאָהן ניט געהאט.

באַלד האָט זי דאן זיך אַ נעהם געטאָן און אויפגענעהט אַ פאָהן, אַ גרויסע ווייס־בלויע פאָהן. דאָס איז געווען ביי זיי די ערשטע ציוניסטישע פאָהן... פונקט דרייסיג יאָהר איז איצט אין דעם ווען זי האָט מיט איהרע הענט אויפגענעהט די ערשטע אידישע פאָהן אין ט.

ביי ראָזע'ן האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאנק אין קאָפּ...

— יאָ, דאָס וועט זיין אַן אידייע, אַ בריליאַנטענע אידייע! אַ יום טוב וועט היינט זיין אין הויז. אַ פייערונג וועט זי היינט מאַכען לכבוד דער דרייסיגסטער עניווערסערי פון דער ערשטער אידישער פאָהן וואָס זי האָט אויפגענעהט ביי איהר אין שטעד־טעל ט.

ראָזע איז אויף גיך אויפגעשטאַנען און אַ כאַפּ טוענדיג אַ בליק אין שפּיגעל איז זי געווען זעהר אַ צופרידענע מיט זיך. זי האָט פּלוצים דערזעהן די „ראָזע" וואָס צוריק מיט דרייסיג יאָהר. און האָט געטאַנצט פאַר פרייד צוזינגענדיג דאָס לידעלע „פון ליובאַוויטש ביז האצלאַוויטש". און נאָכדעם, איז דער פּלאַן שוין געווען גרייט אין קאָפּ: אַז אַלעס וועט שוין זיין פאַרטיג, נאָר ארום טיש זיך אַוועק צו זעצען וועט זי שיקען משה'לען אריינ־רופען די קאָזינס, אויך מרדכי'ן מיט דער פרוי, איינער פון די זיילען פון זייער ציוניסטישער געזעלשאַפט אין ט., דוכט זיך אויב ניט „וויצע פּרעדסעדאַטעל". פּיני'ן מיט בריינע'ן רופט זי גלייך אָפּ דורכ'ן טעלעפאָן און וועט זיי באַשווערען אַז זיי מוזען קומען אויף דער נאַכט אָהן אַ שום תירוץ... עס וועט „עפּעס" זיין היינט אָוועגט... וואָס, וועט זי זיי ניט זאָגען... זיי וועלען שוין אליין זעהן... און אַז אליעזר וועט אָנקומען — ער וועט היינט קומען שפּעטלאַך — וועלען שוין אַלע זיצען אַרום טיש. אויבען אָן וועט הענגען די אידישע פאָהן... די עלעקטרי פון אַלע לעמ־

פּעלעך וועט מיט אמאָל אויפלייכטען און מען וועט איהם באַגע־
גענען מיט דער „התקוה"...

די אַרבייט איז ביי ראָזען געגאַנגען שנעל און פליסיג־פלינק
און פון איהר מויל איז ניט אַרויס דאָס לידעלע: „פון ליובאַ־
וויטש ביז חאַצלאַוויטש"... אפילו אַראָפּלויפענדיג אויף א פּאָר
מינוט אין גראָסערי און וואַרטענדיג ביז מען האָט איהר געגעבען
די פּאָר זאַכען וואָס זי האָט באַדאַרפט, האָט זי זיך אויך פאַר־
געסען און שטילערהייט אונטערגעזונגען דאָס לידעלע, ביז דער
גראָסער האָט זי א פאַרוואונדערטער א פרעג געטאָן: „וואָס ?
חאַצלאַוויטש ? " אויף וועלכען זי האָט א הילכיגען לאַך געטאָן
און אַוועק אַהיים.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. דער שטענ־
דיגער ליאַרעם און זידיגער גיהנום וואָס איז אין דרויסען האָט
זיך לאַנג שוין באַרוהיגט. די גאַס מיט די הייזער זיינען געווען
איינגעוויקעלט אין טונקעלע נאַכט שאָטענס און פאַרזונקען אין
שלאָף. נאָר פון איין הויז האָט זיך געהערט א לייכטער גערויש
מיט פרעהליכע שטימען פון געזאַנג. דאָס האָט ראָזע צוזאַמען
מיט איהרע פריינד, די געוועזענע מיטגלידער פון איהר ציוניס־
טישען קרוזשאָק אין שטעדטעל ט. געפייערט די דרייסיגסטע
עניווערסערי פון דער ערשטער אידישער פאָהן וואָס זי האָט
אויפגענעהט...

פאַראייניגט.

ביי די זובקאָוו׳ס אין הויז האָט זיך אָנגעהויבען צו פיהלען דער „פרייטאָג־צו־נאַכטס“ מיט דער פולער שבת׳דיגער שטימונג. דאָס איז דער איינציגער אָוועגט אין וואָך, וואָס דאָס גאַנצע הויזגעזינט האָט שטאַרק אָפּגעהיט און געוואוסט אז זיי מוזען זיין אין דערהיים אַלע צוזאַמען און אין איין צייט עסען אַלע צוזאַמען. ברײנה, די ווירטין, כאָטש ניט שטאַרק רעליגיעז, פונקט ווי איהר מאַן פייווע, האַלטענדיג אָבער אַלס ציוניסטען זעהר שטאַרק פון אַלע נאַציאָנאַלע אידישע ימים־טובים און שבתים, איז שוין לאַנג געוועזן מיט אַלעם פאַרטיג און אַליין אײַנגאַנצען „אַ שבת׳דיגע“.

די קינדער, שוין ערוואַקסענע און אַמעריקאַניזירטע, האָבען אויך געאַכטעט און עהרליך געהאַלטען דעם פרייטאָג־צו־נאַכטס. זיי האָבען ליעב געהאַט צו הערען דער מאַמע׳ס „גוט־שבת“, וואָס פלעגט נאָך די ליכט־בענשען איבער׳ן הויבען דריירעהריגען זילבערנעם לייכטער געזאָגט ווערען אָפּט מיט פייכטע אויגען, בירושה פון דער באָבע זיסעל עליה השלום, וועלכע אַלע אייניקלאַך האָבען נאָך געדיינקט און געהאַלטען הייליג איהר נאָמען, און איבערהויפּט האָבען זיי זעהר שטאַרק געגליכען און פיעל הנאה געהאַט פון דער מאַמע׳ס געפילטע פיש, איהרע געשמאַקע קוגעלאַך און אַלע אַנדערע פרייטאָג־צו־נאַכטס׳דיגע באַטעמ׳טע מאכלים. — — —

אין פראָנט־צימער, לעבען אַ קליין טישעל מיט גרין געוואַנט באַדעקט, זיינען נאָך געזעסען „פאַרשפּעטיגטע ביי אַ שאַך־שפּיל,

פייווע מיט זיין שוואָגער מאיר, דעם ניט לאַנג אריבערגעקומענעם פון סאָוויעט רוסלאַנד. זיי זיינען געזעסען אריבערגעבויגען אי־בער'ן שאַך־ברעט און טיף פארטראַכט. דאָס האָט פייווע געזוכט אַן אָרט וואו צו באַהאַלטען זיין קעניג פאר מאיר'ס האסטיגע שאַך־פארפאָלגונגען.

— איך מוז איינמאָל פאר אַלעמאָל אָפּשטעלען דיין נארישע, אימער ליידענשאַפּטליכע נאָכיאָגעניש נאָך מיין קעניג, — האָט פייווע ארויסגערעדט מיט ענטשלאָסענהייט. — איך מוז ענדליך געפינען אַ געזיכערטע היים פאר מיין קעניג...

— דאָס איז אַ תפילת־שוא, פייווע. דיין קעניג, גלויב איך, וועט שוין זיין אַזוי אין גלות ביז'ן סוף, — האָט מאיר געענט־פערט מיט אַ בייסענדער איראָניע.

— אַזוי קענסט דו נאָר זאָגען, ווייל דו ביזט אַליין אַ גלות־איד און גלויבסט ניט אין אונזער ציוניסטישען גאולה־אידעאַל, — האָט פייווע איהם צוריקגעוואָרפען.

און דאָ האָט זיך באַלד צופלאַקערט דאָס שטענדיגע מחלוקה, וואָס צווישען די צוויי אייביגע אָפּאָנענטען איבער ציוניזם און איבער העברעאיזם און אידישיזם.

— איך שעם זיך כלל ניט מיט'ן נאָמען „גלות־איד“, האָט מאיר אויסגעשריען. דער „גלות“ איז אַלעמאָל געווען ברייטער און רייכער פאר די קאָלאָסאַלע קרעפטען פון'ם אידישען פאָלק, איידער אייער איינגעשרומפּען טרוקען שטיקעל ארץ־ישראל. דער „גלות“ מיט זיין אידישער שפּראַך און מיט זיין רייכער אידישער קולטור וועט אויך זיין און אימער בלייבען די צוקונפט פון'ם אידישען פאָלק און ניט אייער נארישער חלום פון ציון מיט'ן אַלטען, שוין לאַנג עליו־השלום'דיגען לשון־קודש.

דאָ איז שוין פייווע ווידער אויפגעשפּרונגען און זיך ארויפ־געכאַפּט אויף מאיר'ן און איהם אָוועקגעגעבען אַ גאַב פאר זיין גראָבען ציניזם געגען הייליגען לאַנד און דער העברעאישער שפּראַך.

— דער „גלות" וואָלט קיין איין יאָהרהונדערט ניט געווען אויסגעהאַלטען ווען ער זאָל ניט געווען האָבען אימער די יניקה פון אַט די טרוקענע בריסט פון דער מוטער ציון, — האָט פּייווע געדונערט. — אויך די אידישע שפּראַך, ווי יעדען איז באַוואוסט, ציהט איהר גאַנצען חיות פון דער העברעאישער שפּראַך. דאָס הארץ איז דאָס קלענסטע אין'ם מענשליכען אָרגאַניזם, און דאָך איז דאָס דער עיקר. ארץ־ישראל איז דער לב־האומה, דאָס האַרץ פון'ם אידישען פאָלק.

די ויכוחים מיט די ענטפערס איינער דעם צווייטען זיינען געוואָרען אַלעמאָל ווארימער און הייסער און די קולות זייערע האָבען אָנגעפילט דאָס הויז.

דזשונילע, דאָס שעהנע פינף־יעהריגע אייניקעל, האָט מורא געהאַט איהר פאַרצעלייענע טעכטעריל זאָל זיך ניט אויפכאַפּען פון שלאָף, האָט זי זיך געבעטען ביים „גרענדפּאַ" ס'זאָל זיין שטיל. „ס'האָט איהר גענומען אפשר אַ שטונדע ביז זי האָט פארשלעפט איהר בייבי... טעדי, דער געראָטענער מיזיניק, וואָס איז געווען פארטיפט אין „שאָפּענס" אַ „נאָקטורן" אויף דער פּיאַנאָ, האָט אויך געמוזט זיך אָפּשטעלען. „ס'איז אוממעגליך צו שפּילען איבער די קולות"....

באַלד זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די זיהן און די טאָכטער. אַלע האָבען זיך גלייך ארייגעמישט אין די ויכוחים, וועלכע, ווי דער שטייגער איז, האָבען זיך פארברייטערט און צושפּרייט אין פארשידענע וועגען, ווי סאָציאַליזם, קאָמוניזם און אויך אַמע־ריקאַניזם. יעדערער איז באַשטאַנען און האַרט געקעמפט פאר זיינע אידעען און געדאַנקען.

דער עלטערער זוהן, דער דאָקטאָר, אַ ליידענשאַפטליכער גאָלף־שפּילער, האָט זיך גאָר אויסגעלאַכט פון אַלע „איזמ'ען".

— דער בעסטער אידעאַל אין לעבען, — האָט ער געזאָגט, — וואָס איז גוט און געזונט סיי פאר'ן קערפּער, סיי פאר'ן גייסט, איז „גאָלף־שפּיעל". הלואי וואָלטען אַלע פעלקער געווען

וואָס מעהר פאַראינטערעסירט אין דעם דאָזיגען אידעאַלען ספּאָרט, וואָלטען זיי וויניגער אין זינען געהאַט זייערע שאָווענעסטישע אינטריגעס און צאַנקערייען איינער מיט׳ן צווייטען, און עס וואָלטען געווען אַ סך וויניגער מלחמות אויף דער וועלט. — האָט דער דאָקטאָר אויסגעשריען מיט פּאַטאָס, אויף וועלכעס דער פאָטער האָט מיט אַ געמאַכטען ערנסטען געזיכט אויסגעזונגען מיט אַ הפטורה־ניגון:

— והיה באחרית הימים — און עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט, ווען די שווערדען וועלען איבערגעשמידט ווערען אויף גאָלף־שטעקענס און די ביקסען־קוילען אויף פּילקעס... — און דער עולם האָט אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער.

— און איך זאָג, — האָט דער צווייטער זוהן זיך אריינגעמישט, — אַז דאָס שעהנסטע און דאָס ניצליכסטע פאַר׳ן אידישען פאָלק איז דער „הכח" מיט די „מכביים" און הלואי וואָלט דאָס אידישע פאָלק געהאַט וואָס מעהרער „בעני לענאַרדס", וואָלט מען מעהר דרך ארץ און רעספּעקט געהאַט פאַר אונז!...

דאָס האָט אַרויסגערופען נאָך אַ גרעסערען געלעכטער מיט אַ געפּילדער, וואָס עס האָט פאַרטויבט דאָס גאַנצע הויז.

— וואָס איז דאָ? וואָס טוט זיך דאָ? — האָט זיך די מוטער אריינגעמישט אין קון אריין. — עפּעס אַ בירגער־קריג איז ביי מיר אין הויז! אַן אמת׳ער דור הפלגה, איינער פאַרשטעהט ניט דעם צווייטען׳ס שפּראַך!... פע! איך האָב פיינט אַזוי! גענוג, געגנוג, שוין זיך אַרומצורייסען! שוין צייט צו עסען. קומט אַלע אריין אין עס־צימער, זעצט זיך אַוועק אַרום טיש. דאָרטען, זייט זיכער, וועל איך אייך שוין אַלע פאַראייניגען...

דער עס־צימער איז געווען פול באַלויכטען און האָט יעצט אויסגעקוקט נאָך ליכטיגער איבער די דריי טאַנצענדע פלעמלעך פון די בענטש־ליכט אין׳ם גרויסען זילבערנעם לייכטער, וואָס האָט אַזוי שעהן און חנ׳עוודיג אָפּגעגלאַנצט פון׳ם בופעט. דער

לאַנגער פיער־עקיגער טיש איז געווען געדעקט „שבת'דיג"... אַלע אַרום טיש זיינען געווען יעצט קאָנצענטרירט און טיעף אריינ־געטאָן אין די געשמאַקע פיש, וואָס די מוטער האָט פון'ם גרויסען פאַלומעסיק גראַציעז און מיט א ברייטער האַנט אויסגעטיילט צו יעדען. מיט יעדען מאכל, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרען צום טיש און וואָס האָט אזוי גערייצט ביי אַלעמען דעם אַפּעטיט, האָט בּיסלאַכוויז אָנגעהויבען פארשווינדען די געגנערשאַפט, וואָס ס'האָט ניט לאַנג ערשט געהערשט אזוי שטאַרק צווישען זיי. אַלע האָבען מיט איין מיינונג אויסגעדריקט זייער ענטוזיאַזם פאַר דער מאַמע'ס באַ'טעמ'טע געקאָכטע און געבאַקטע מאכלים... און ווען עס איז געקומען צום קוגעלע מיט'ן צוגעברוינטען קאָפּ, פון וועלכען ס'האָט געבּליאַסקעט ווי מיט דימענטען — די קרוין פון'ם פרייטאַג־צו־נאַכטס — און צו וועלכען אַלע אויגען זיינען דורשטיג צוגעפאַלען און געגלעט מיט פיעל צערטליכקייט, האָט די מוטער דאַן מיט א פרעהליכען שמייכעל באַמערקט:

— אָט איצט האָב איך אייך אַלע ליב!... יעצט האַרמאָ־נירט איר און זענט אַלע גוט פאַראייניגט...

מעמואַרען

ארבע־אמהות.

ארבע מי יודע? ארבע אני יודע! ארבע אמהות... —
פיער ווער ווייסט פיער איך וויים! פיער מאמעס...

אין דער סדר־נאכט, די שעהנסטע נאכט פונ'ם גאנצען יאהר זיצט דער איד אויף זיין הסב־בעט א זאטער, א צופריי־דענער; ער הויבט זיך אן צו באדענקען, זיך צו בארעכענען, אז נאך אלעמען איז ער גארניט אזא'ן ארימאן — אפילו דא אין גלות... שוין ניט רעכענענדיג ארץ־ישראל, וואס, ס'איז דאך נארישצו רעדען, עס איז געווען אונזער לאנד און עס וועט בלייבען אונזער לאנד, כימי השמים על הארץ, ווי די טעג פון די הימלען איבער דער ערד... פון דעם איז דאך אפגערעדט!... אבער אפילו שוין ניט שמועסעניג פון ארץ־ישראל, נאר טאקי דא אליין, אין גלות, איז ער אויך ניט אזוי ארים... פארקערט, אז מען וויל זיך גאר בארעכענען, איז ער אפשר גאר נאך רייכער פון אנדערע... און ער נעמט זיך פאוואלינקע צו אן איבערשעצונג פון זיינע ווערטהען צו זיינע קנינים רוחניים, גייסטיגע אייגענ־טימער, און הויבט אן צו ציילען, אויסרעכענענדיג אויף די פינגער וואס ער פארמאגט: „אחד אלהינו שבשמים ובארץ“... „אחדות־אלוהים“, מאנאטעאיזם איז דאך אונזערער, מיר האבען איהם געגעבען צו דער גאנצער וועלט... „שני לוחות הברית“ — ווידער אונזערע... און אז עס קומט צו יחוס, איז דאך אודאי ווער איז צ אונז גלייך?... שלשה אבות — „אברהם, יצחק ויעקב!“ און דאן „ארבע אמהות“ — אויב הייליגע מאמעס — איז דאך דאס געווים געווען אונזערע — שרה, רבקה, רחל ולאה!...

אָט אזוי זיצט דער איד אין דער נאַכט פון פּסח און נעמט אינווענטאַר. ער פיהרט אונטער א סך־הכל צו זיינע אומשעצ־באַרע אוצרות, וועלכע נאָר ער און קיין אנדערער פון די אומות העלם פאַרמאָגט...

שרייבענדיג עראינערונגען פון מיין לעבען אין מיינע שוין ניט יונגע יאָהרען — אַ בן ששים — און נעמענדיג אינווענטאַר פון מיין אינדיווידועלען לעבען, אונטערפיהרענדיג אַ באַלאַנס צו מיינע אייגענע אוצרות, אייגענע ווערטהען אין מיין לעבען, שטעל איך זיך אויך אָפּ ביי אַ קאַפּיטעל, וואָס הייסט „ארבע אמהות"...

פונקט ווי דער איד ביי דער הגדה, זאָג איך אויך מיט ניט ווייניגער שטאָלץ, ארבע מי יודע? — ארבע אני יודע! ארבע אמהות! פיער ווער ווייסט? — פיער איך וויים! פיער מאַמעס! פיער גוטע, ליעבע, טייערע און הייליגע מאַמעס האָב איך פאַרמאָגט אין מיין לעבען! זייערע נעמען און זייער גע־דעכנים איז טיף איינגעגראָבען אין מיין הארצען, און דאָ, אין די ווייטערדיגע בלעטלאך, וועל איך פּרואווען דערצעהלען וועגען זיי איינע נאָך דער אנדערער.

מיין ערשטע מאַמע.

די ערשטע מאַמע, די אייגענע, די מאַמע וואָס האָט מיך געבוירען, איז פריהצייטיג אַוועק פון דער וועלט. נאָך א לענגערער קרענק איז זי, א יונגע בלום, ניין און צוואַנציג יאָהר אַלט, איבערלאָזענדיג א געטרייען מאַן מיט זעקס יתומים, אוועק־געריבט געוואָרען פון דער לעבעדיגער וועלט. איך בין דאַמאָלס אַלט געוועזען פינף יאָהר. עס פארשטעהט זיך, אַז איך קען זעהר ווייניג דערצעהלען וואָס איך אַליין געדענק פון מיין ערשטער מאַמע, ווייל איך בין נאָך דאַמאָלסט איינפאך א קינד געוועזן.

דאָס איינציגע מאָל, וואָס איהר געשטאַלט געדענקט זיך אין מיין מח, איז דאָס געוועזן שוין ווען זי איז געלעגען קראַנק אויף איהר בעט, ווען איך בין איינמאָל אַריינגעלאָפען פון'ם חדר מיט א פרייד, אַז איך האָב א פולע קעשענע מיט קנעפּ, אַלערליי קנעפּ...

די מאַמע, א שוואַכע, א בלאַסע, קוים געקענט עפּעס אויס־ריידען האָט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט, מיך צוגעדריקט צו איהר ברוסט און א קוש געטאָן... איך האָב דאַן ארויסגעוואָרפען אויפ'ן בעט אַלע מיינע קנעפּ, האָב זיך באַריהמט פאַר איהר מיט מיין גרויס רייכטום... — און מעהר געדענק איך זי שוין ניט...

איינמאָל, געדענק איך, אין א פאַרנאַכט, בין איך אויך געקומען צולויפען פון'ם חדר אַהיים א גליקליכער, א פרעהליכער. איך האָב דאַמאָלס געהאַט געהאַנדעלט א גרויסע מציאה ביי מיין חבר מענדעל. איך האָב איהם פארקויפט מיין וואַרמעס פאַר דריי גרויסע וואַקסשפּונענע קנעפּ...

אָפּטמאָל פּלעגט דאָס אַזוי געטאָן ווערען: מענדעלי האָט בײַ מיר אָוועקגעקויפט מײַן וואַרימעס און מיר באַצאָהלט מיט קנעפּ... וואָו מענדעלי פלעגט קריגען אַזוי פיעל קנעפּ, אַזעלכע גוטע, טײַערע קנעפּ — האָב איך, דאַמאָלס קלײנערהייט, ניט פאַרשטאַנען... ביז ערשט עט שפּעטער מיט יאָהרען איז דאָס מיר קלאָר געוואָרען, דאַמאָלס ווען מענדעלע איז אויסגעוואַקסען און האָט שוין געהייסען „מענדעלי גנב", האָט אונטערגעצונדען אַ שטוב און איז פאַרשיקט געוואָרען קיין סיביר...

די אורזאַכע פון מײַן גרויסען חשק צו קנעפּ און פון מײַן לײַדענשאַפט צו זיי פון קלײנערהייט אָן, איז מיר אָנגעהויבען ווערען פאַרשטענדליך אויך שפּעטער, אין מײַנע ערפאַהרונגען אין דער וועלט, ווען איך האָב געזעהען אַז דאָס גאַנצע לעבען איז אַ שפּיל אין קנעפּלאַך — אַ קלענערער קנעפּעל און אַ גרעסערער קנעפּעל, און נאָך אַ גרעסערער און גאָר אַ גרויס קנעפּעל... פון די אונטערשטע שיכטען פון דער געזעלשאַפט ביז די סאַמע אויבערשטע, פון אונטען ביז אַרויף, אין אַלע ראַנקען און קלאַסען איז דורכאויס נאָך קנעפּלאַך — קלענערע און גרעסערע... שוין אין מײַנע קינדער־יאָהרען האָב איך אָנגעהויבען שעצען די ווערטה פון „קנעפּלאַך"... מײַן קינדערשער שכל האָט שוין, ווײַזט אויס, נאָך דאַמאָלס געשפּירט וואָס פאַר אַ ראָלע „קנעפּלאַך" שפּילען אין מענשליכען לעבען...

יענעם פאַרנאַכט זײַנען מיר, איך און מענדעלי, אַרויס פון'ם חדר און זײַנען אַוועק אַזש צו דער „וואַג", אַן אַלטע געבײַדע, וואָס האָט געדינט אַמאָל בײַ דער „קאַזנאַ" אַלס אַ וואָג אויף אָפּצואָוועגען די ברויטען פון די פּויערים. די וואָג איז געשטאַנען אין מיטען שטעדטעל, אויף אַ גרויסען לײדיגען פּלאַץ. דאָס איז געווען דער „פּלאַטשטשאַד" פון'ם שטעדטעל. דאָ, אין די אַמע־ריקאַנער גרויסע שטעדט, רופען מיר דאָס אָן „סקוועער", ווי „טאַימס סקוועער" א. . גל.

אָט אויף יענעם פּלאַץ, אויף דעם „טאַימס סקוועער" פון

אונזער שטעדטעל, וואו מיר פלעגען מאכען אונזערע קנעפיל־ווארימעס טראנזעקציעס, האבען מיר זיך דאן אוועקגעזעצט. איך האב אויסגעקליבען ביי מענדעלען די שעהנסטע און גרעסטע קנעפלאך, פאר וועלכע איך האב איהם גלייך אוועקגעגעבען מיין ווארימעס, און בין געשווינד אוועק אהיים א גליקליכער צו דער מאמען, צו דער צעהלען איהר מיין גרויסע פרייד און איהר ווייזען מיין גרויסע מציאה, וואס איך האב געהאנדעלט... אבער ווען איך בין צוגעקומען צום הויז, האב איך געטראפען דארטען שטעהן פיעל מענשען... פון'ם הויז האט זיך געטראגען א גרויס געשריי מיט א געוויין... אין הויז האב איך זיך קוים דורכגעשטופט... דעם טאטען האב איך געזעהן שטעהן מיט'ן פנים צו דער קליידער־שאפע, ארומגעבונדען מיט א גארטער, דאוונענדיג מנחה... פון זיינע אויגען האבען זיך געגאסען טרעהרען...

איך בין אריין אין אלקער, אבער דער מאמע'ס בעט איז שוין געווען ליידיג... מיין גרוירם גליק האב איך שוין דאמאלס ניט געהאט פאר וועמען צו דערצעהלען... מיין פרייד איז דאמאלס פארשטערט געווארען, און מיין יונג קינדיש מוח'ל האט ניט באגריפען וואס און וועמען איך האב יענעם פארנאכט פארלוירען!...

אט דאס איז אלעס וואס איך געדענק, אלעס וואס איך וויים פון מיין ערשטער מאמע, מיין מאמע רייקע, וואס האט מיך געבוירען, און וואס איז אזוי אכזריות'דיג־פריה אוועקגערויבט געווארען פון איהרע זעקס קינדערלאך — זעקס יונגע פייגעלאך...

מענשען, וואס האבען געקענט און האבען געדענקט מיין מאמען, פלעגען מיר אימער שפעטער דערצעהלען, אז דאס איז געווען א זעלטענע נשמה, א נשמה פון די אמהות...

זאל איהר הייליגער נאמען לייכטען אין גן־עדן אויף אייביג!...

נפט' ג' אב תרלד.

מיין צווייטע מאַמע.

ווען איך נעהם זיך שרייבען וועגען מיין צווייטער מאַמע, און איך באַטראַכט די רעפּוטאַציע, וואָס בכלל אַ צווייטע מאַמע האָט ביי דער וועלט — און איהר נאָמען וואָס מען האָט איהר געגעבען „שטיף־מאַמע" — בין איך ביז אין דער טיף פון מיין נשמה אויפגעטראָגען אויף דער גרויסער אומרעכט, אויף דער אומעהרליכער האַנדלונג, מיט וועלכער די וועלט פאַרנעמט זיך אין באַצוג צו אַ צווייטער מאַמע. שוין דער נאָמען אליין „שטיף־מאַמע" איז העכסט באַליידיגענדיג פאַר דער פרוי, וואָס איז די אומגליקליכסטע פון אַלע אומגליקליכע, ווען דער שיקזאַל וואַרפט אויף איהר אַרויף די פליכט איבערצונעמען קינדער־יתומים פון זייער פאַרשטאָרבענער מוטער, און פאַרנעמען פאַר זיי דעם „דזשאַב" פון אַ מאַמע... טויזענטער אויגען קוקען אויף איהר און טייטלען מיט די פינגער אויף איהר יעדער באַוועגונג צו די קינדער. פון אַלע זייטען ווערט זי קריטיקירט, בלומרשט אויס רחמנות צו די קינדער־יתומים, ווערט זי פאַר יעדע מינדעסטע קלייניגקייט פאַרפאָלגט, פאַראַכטעט און פאַרדאַמט און אויך אָפּט פאַרשאָלטען... ווי גוט זי זאָל ניט זיין צו די קינדער, וויפיעל זי זאָל ניט טהאָן פאַר זיי, איז אַלץ קאַרג, קען זי אַלץ פאַר „דער וועלט" ניט יוצא זיין...

אפשר איהר יאַ, מיינע ליבע לעזער, איך אָבער געדענק ניט איך זאָל ערגעץ האָבען אַמאָל געלעזען לויב־ווערטער פון שרייבער אָדער פּאָעטען פאַר דער צווייטער מאַמען...

די ערשטע מאַמע, די אייגענע, ווערט אומעטום באַשריבען, אַלעמאָל באַזונגען...

איך גלויב, ניין, איך בין איבערצייגט, אז די וועלט באגעהט א פארברעכערישע אומרעכט אין איהרע באציהונגען צו דער צווייטער מאמע...

איך וויל דא באמערקען, אז דיזע מיינונג, וואס איך האב אויסגעדריקט אויבען איז ניט געקומען צו מיר, ווייל איך פער־זענליך בין ערצויגען געוואָרען ביי א צווייטער מאמען, גראדע א גוטע פרוי, וועלכע איך וויל דא אין דעם קאפיטעל באשרייבען, מיט איהר אויסנעהמליכער גוטסקייט, געטריישאפט און איבער־געבענהייט ניין, מיין מיינונג איז פאזיטיוו און אביעקטיווע. מיינע ערפאהרונגען אין לעבען האבען מיך געבראכט צו דער איבערצייגונג, אז די וועלט האט א פאראורטייל צו א צווייטער מאמען, און דאדורך אומגערעכט צו איהר. איך וועל שפעטער ברענגען א פאר ביישפילע.

מיין צווייטע מאמע, רבקה, א שעהנע יונגע פרוי, 25 יאהר אלט, איז געקומען צו אונז מיט איהר פיער־יעהריגער מיידעלע, און געטראפען אין שטוב אונז זעקס קינדער זעקס יתומים, צוויי מיידלאך און פיער אינגלאך, צו וועלכע זי האט זיך גלייך צו־געקלעפט, איינגעוואקסען אין אונז און געווען צו אונז אן אמת'ע, גוטע, געטרייע מאמע... פונקט ווי פאר איהר קינד, אזוי פאר אונז, האט זי גלייך געזאָרגט און צוגעזעהען מיט אלעמען, מיט איבערבייסען און ווארימעס אין חדר אריין, מיט שיכעלאך, גארניטערלאך און טולופלעך אויף ווינטער, און אלע פרייטאג אויסגעצוואָגען און אפגעהיט צו האלטען די קעפלאך ריין, מען זאָל חלילה ניט דארפען צו זיי קיין שארע מאסט, ווי ביי אנדערע... קיינמאל האט זי ניט געלייגט קיין האנט אויף א קינד, קיינמאל ניט געשלאָגען... און מיר, שקצים, פלעגען דוקא קערען וועלטען, איבערקערען די שטוב, פאר וועלכען דער טאטע, קומענדיג אהיים פון דער קלייט אדער פון דער קלויז, און איז געוואָר געוואָרען, האט אונז גוט מקיים־פסק־געווען מיט די לעדערנע פאסיקלאך, וואס ער פלעגט האלטען אימער פארשלאסען

ביי זיך. אָבער דאָ פלעגט באַלד די מומע זיך אַריינמישען. (אַזוי האָבען מיר זי גערופען: „מומע"... פאַרוואָס ניט מאַמע? — מענשען, גוטע פריינד, האָבען מסתמא אַזוי געהייסען... מענשען, מיט זייער שטענדיגען פאַראורטייל געגען אַ צווייטער מאַמע, — מסתמא איהר ניט פאַרגונען דעם נאָמען „מאַמע"). זי פלעגט זיך באַלד אַריינמישען און ווערען אַ מליץ־יושר...

— איך בעט דיך, משה, טשעפּע איהם ניט!"... ס'גאַר ניט אַזוי די מעשה!... ער איז גאָרניט אַזוי שולדיג!"... און ער וועט שוין מעהר ניט...

און איהרע ווערטער מיט איהרע בקשות פלעגען טאַטע אָפּט פועלען אויך...

אַמאָל, אַז עס האָט נאָר געהאָלטען שמאָל מיט מיר, איך בין געווען אַריבערגעלייגט אויף די קניה מיט'ן אָפּענעם חלק־התחתונ'דעל, און ס'האָט געשמעקט מיט אַ שטרענגער עקזעקוציע פלעגט די מומע צולויפען, אַרויפלייגען איהרע הענט און זאָגען: נאַ, שלאָג מיך! שמיים וויפיל דו ווילסט!.. דעם טאַטען פלעגט באַלד אָפּגעהן דער כעס און איך האָב געכאַפּט די מייטקעלאַך און אַוועק מיט גאַנצע ביינער און מיט אַ טיעפען דאַנק אין הארצען צו מיין גוטער מומע...

מיין פאָטער, אַ תלמיד־חכם און אַ קלוגער איד, פלעגט דאָך פאַרפעלען אַריינצוקוקען אין די קינדערשע הערצעלאַך, אַריינדרינגען טיף אין זייערע יונגע נשמה'לאַך, זיך רעכענען מיט זייערע געפיהלען, זייערע פאַרלאַנגען און קינדערשע באַדערפניסען און אַמביציעס. פלעגט ער אַמאָל ביי אונז געפינען זאַכען, ווי בייטעלעך, מעסערלעך, טיטון־פושקעלעך, אָדער אַ פעשעל ל"ב־קוויטלאַך וואָס איז פאַרבליבען ביי אונז פון חנוכה וכדומה אַזעלכע אינגעלשע זאַכען, פלעגט ער אומברחמנות'דיג קאָנפיסקירען, אַלעם פאַרנעמען און פאַרשליסען ביי זיך... אָבער דאַן פלעגט ווידער די גוטע מומע קומען צו הילף... עס האָט ניט

געדויערט לאַנג און אַלע זאַכען זיינען אונז צוריק אומגעקערט געוואָרען...

אָפטמאָל פלעגט זיך מאַכען, אַז קרובים אָדער אַזוי נאָהענטע שכנים, פלעגען מיר געבען אָנצוהערען, אַז עס איז אויף מיר אַ רחמנות, אַז איך בין אַ יתום און אַז איך ווי אַלע מיינע ברידער און שוועסטער, ווערען שלעכט באַהאַנדעלט פון דער שטיף־מאַמע, כאָטש אַזעלכע ווערטער זיינען געווען פאַר מיר אימער פרעמד, און איך האָב קיינמאָל ניט גקענט מסכים זיין צו אַזעלכע פאַלשע געפיהלען, וואָס זיינען אומזיסט געוועקט געוואָרען אין מיין הארצען, כלומרשט אין נאָמען פון רחמנות...

איינמאָל, געדענק איך, בין איך געזעסען ביי דער קלויז, אויפ׳ן ווייבערשען גאַניק, עפּעס פאַרטראַכט און אַביסעל כמורנע... צי דאָס איז געווען באַלד נאָך אַ פאַרלוירענע שלאַכט וואָס איך האָב געהאַט מיט מיינעם אַ שונא, צי דער שמש פון קלויז האָט מיך אַרויסגעשטופט, שוין ניט אויסהאַלטענדיג פון מיין דער־אַרבייטען און פון מיין ברעכען די סטענדערס, צי אפשר האָב איך זיך געוואָרפען מיט שטיינדלאַך און אויסגעשלאָגען ביי עמיצען אַ שויב, פאַר וועלכען מען האָט אָפּט ביי מיר אוועק־געכאַפּט מיין היטעל פון קאָפּ, אָדער איך האָב גאָר עמיצען געהאַט געטראָפען מיט אַ שטיינדעל און איהם געמאַכט אַ לאָך אין קאָפּ, — געשעהענישען, וואָס פלעגען מיט מיר אָפּט פּאַסירען, און איבער דעם בין איך אפשר דאַמאָלס אוועק אויפ׳ן ווייבערשען גאַניק פון דער קלויז זיך אויסצובאַהאַלטען אויף אַ ווייל'ע... — דאַמאָלסט, געדענק איך, איז אַרויסגעגאַנגען פון דער ווייבערשער שוהל מאַרעמושקע מיט איהר קרבן־מנחה אין דער האַנט, און אוועקזעצענדיג זיך לעבען מיר, האָט זי מיך אָנגעהויבען אויס־פרעגען און אויספאָרשען וואָס עס טוט זיך ביי אונז אין שטוב, און אויקענדיג און וועהקענדיג אויף מיר, מיר באַלד אָנגעהויבען דערצעהלען, אַז עס איז אויף מיר אַ רחמנות... אַז איך בין

נעבאך אַ יתום... איך האָב ניט קיין מאַמע... איך האָב נאָר אַ שטיף־מאַמע, און זי איז אַ שלעכטע, זעהר אַ שלעכטע, ווי אַלע שטיף־מאַמעס... אָבער איך דאַרף פאַר איהר קיין מורא ניט האָבען... איך מעג איהר זאָגען וואָס איך וויל, אפילו זידלען און אַפילו שעלטען אויך...

נאָך ביז היינטיגען טאָג קען איך, אָהן טיפער פאַרביטערונג אין הארצען, ניט דערמאָנען יענע העסליכע און גיפטיגע ווערטער פון דער פרוי מיט דעם קרבן־מנחה. ווי סם איז דאָס געווען פאַר מיין יונג, נאאיוו הערצעלע, ווי אַ ביס פון אַ שלאַנג... אָבער פיעל שטארקער פון דעם איז געווען דאָס ליעבע, זיסע שמייכעלע, וואָס האָט אימער געשוועבט אויפ'ן שעהנעם פרומען געזיכט פון מיין גוטער מומע... איהרע צאַרטע געפיהלען און אמת־מוטערליכע באַנעהמונג צו אונז קינדער, האָבען ניט געקענט דערלאָזען ס'זאָל געבוירען ווערען אין אונז וועלכע ס'איז בייזע געפיהלען געגען איהר..

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינליכער כאַראַקטער פון אַ פרוי, אַ זעלטענע נשמה... מערקווירדיג, ניט איך, ניט אַלע מיינע ברידער און שוועסטער געדענקען ניט, פון'ם ערשטען ביז'ן לעצטען טאָג פון איהר לעבען, קיין איין שלעכטע מינע אויף איהר פנים, קיין איין בייזען זשעסט. אימער גוט און אימער מיט אַ שמייכעלע...

איינע פון איהרע שענסטע מדות איז געווען „פאַרטיידיגונג", „דן־לכף זכות" זיין. האָט מען צווישען זיך אַמאָל באַשולדיגט עמיצען, באַרעדט, אַז יענער איז אַ שלעכטער, אַזעלכער און אַזעלכער... איז זי געווען דער סניגור, האָט זי באַלד ממליץ געווען. „עס איז גאָר ניט אַזוי די מעשה"... „ווי אַזוי מען וויל לייענט מען דאָס בריוועלע"... א. א. וו. און דער ווערדיקט פלעגט שוין אַרויס גאָר אַן אַנדערער אַ פיעל ווייכערער...

פול מיט ליעבע און רעספעקט ביז פארגעטערונג, זיינען געווען די זיבעצעהן יאהר, וואס מיין פאטער האט געלעבט מיט אונזער צווייטער מאמען. זי האט אימער געהאלפען טראגען דעם עול פרנסה אין אונזער שניט־קראם. זי האט טריי אויסגעהאלטען דעם צער גידול־בנים, ביז זי האט אונז אלע פארקנסט און חתונה געמאכט. און ביי מיין פאטער'ס לעצטע פאר יאהר איז זי אימער ביי זיין קראנקען בעט געשטאנען, ווי א מלאך, און טריי און הערליך איהם באדינט ביז'ן סוף...

יונג איז זי געווארען אן אלמנה, צוויי און פערציג יאהר. אבער זי האט שוין קיינמאל ניט חתונה געהאט. זי האט גע־וואוינט אימער ביי איהר טאכטער, און מיר אלע קינדער האבען זי ליעב געהאט, געאכטעט און רעספעקטירט ביז'ן לעצטען טאג פון איהר לעבען...

מערקווירדיג, זי איז געשטארבען פונקט אין דעם טאג און חודש, ווי מיין ערשטע מאמע — אום ג' אב... עפעס ווי די צוויי נשמות האבען זיך צונויפגערעדט, געמאכט אן „אפאינט־מענט", זיך צו באגעגענען אויפ'ן עולם האמת אין איין און דעמזעלבען טאג און חודש...

איינער פון אונזערע ברידער, דער איינגסטער, האט א גאנץ יאהר געזאגט אין שוהל קדיש נאך איהר... נאך א קינד, אן עופה'לע, איז בערישעל געווען, ווען זיין נייע מאמע איז צו איהם געקומען, קוים א יאהר אלט...

ריידענדיג אויף איהר קבר וועגען איהרע הויכע מעלות און מעשים טובים, האב איך, צווישען אנדערעס געזאגט, אז אום צו איבערצייגען זיך אין „מציאות־הנפש", ד. ה., אין דער נשמה־עקזיסטענץ, צי עס איז בכלל דא אין'ם מענשען א נשמה, וועלכעס מאנכע פריידענקער לייקענען אפ, ווייל עס קען ניט דערוויזען ווערען וויסענשאפטליך, מאטעמאטיש... האט מען

נאָר באַדאַרפט גוט קענען אונזער צווייטע מאַמע... איהר נשמה איז געווען זעהבאַר... איהר ליכטיגע נשמה האָט געשיינט פון איהרע אויגען, פון איהר גאַנצען וועזען...

זאָל דער נאָמען פון מיין צווייטער מאַמע, די מאַמע רבקה, לייכטען אין גן־עדן ביז אייביג!

נפטׂ ג׳ אב תרפ״ו — בת שבעים ושבע.

מיין דריטע מאַמע.

יעצט אַ פּאָר בלעטלאַך וועגען מיין דריטער מאַמע. איך פלעג זי רופען שווינער, ווי עס פיהרט זיך אין דער אַלטער היים. געווען איז זי אָבער פאַר מיר אַ מאַמע... אַ גוטע, ליבע, געטרייע מאַמע. איהר נאָמען „זיסעל" איז געווען באמת צוגע־פּאַסט צו איהר. זי איז געווען זיס ווי האָניג, ווי פרישער ביהנען־האָניג...

באַשרייבענדיג דעם גוטען כאַראַקטער, מיט די שעהנע מעלות פון מיין דריטער מאַמע, וועל איך זיך אָפּשטעלען אויפ'ן וואָרט „ריינקייט". ווען איך וויל פאַרשטעהן, באַגרייפען די אמת'ע באַדייטונג און געבען אַ ריכטיגע דעפיניציע צום באַגריף „רייניגקייט", מוז איך זיך דערמאָנען אין מיין „מאַמע זיסעל". דאָס וואָרט ריינקייט קלינגט אימער אין מיינע אויערען ווי אַ סינאָנים צום נאָמען „זיסעל"... זי איז באמת, ווי מען זאָגט, געווען די ריינקייט אַליין... אַ ריינער גוף און אַ ריינע נשמה... קלאָרע ריינע אויגען, וואָס דו האָסט שטענדיג דורך זיי געקענט אריינקוקען אין איהר ריינער נשמה. איהר שעהן, לויטער פּנים, אונטערגעבונדען מיט אַ שלייף אין צוויי עקען פונ'ם זיידענעם טיכעל, האָט אימער געשמעקט מיט זויבער און ריינקייט... אין ערגעץ האָב איך נִיט געדענקט אַזאַ ריינע שטוב, מיט אַזאַ ריינער באַלעבאַטישקייט, ווי ביי מיין „מאַמע זיסעל". שטענדיג אין אַ ווייסען, ריינעם פאַרטוך, אימער אַ שנעע־ווייסער טישטוך אויפ'ן טיש און אימער אַ שעהנע לויטערע גלאָז טהע אין אַ קרישטאָל־ריינער גלאָז פאַר סוחרים, ברויט־הענדלער און מעק־

לערס, וואָס פלעגען אָפּט אַריינקומען אין הויז, מיט וועלכע „איהר בעני" האָט אימער געהאַט געשעפטען.

איך געדענק איך בין נאָך געווען דאַמאָלס גאָר אַ יונג בחורל. מיין „מאַמע זיסעל" איז נאָך דאַן געווען צו מיר אַ פרעמדע. איך האָב נאָך דאַמאָלס ניט געוואוסט פון מיין גליק, אַז איהר קליין, דאַן אַכט — אפשר צעהן־יאָהר אַלט — גרינע, חנ'עוודיגע ברײנהה'לע, וועט אַמאָל זיין מיין אייביגער לעבענס־פריינד. זיי האָבען נאָך געוואוינט אין דער הינטער־גאַס און מיר זיינען געווען שכנים אַ שטוב לעבען אַ שטוב. דאָס געסעל איז די מעהרסטע צייט פון יאָהר געווען פאַרטרונקען אין בלאָטע, וועלכע פלעגט בהרחבה'דיג זיך אויך אַריינרוקען טיעף אינעווייניג אין די הייזער, אַזוי אַז יעדע הויז איז געווען זאַט מיט בלאָטע...

פלעג איך אָבער אַריינקומען נאָך עפּעס צו „זיסעל־בענים" אין הויז (זי פלעגט מען רופען אויף זיין נאָמען, און איהם אויף איהר נאָמען: אָדער זיסעל־בעני'ס אָדער בעני־זיסעל'ס) נאָך אַ ציבעלע אָדער אַביסעל זאַלץ, פלעג איך באַלד פאַרכאַפּט ווערען פון דער ריינקייט, וואָס איך האָב געזעהן דאָרט אין שטוב... דאָס איז געווען עפּעס ווי אַ אינזעל אין אַ ים פון בלאָטע... אַן אַאזיס אין אַ בלאָטעדיגער מדבר...

און שפּעטער, ווען איך פלעג, שוין אַלס חתן, אַריינקומען אין זייער נייער הויז אין דער פראָנט־גאַס פלעג איך אויסער מיין יונגער הייסער ליעבע צום שעהנעם גרינעם טעכטעריל אויך זיין צוגעצויגען פון דער ליעבענסווירדיגקייט פון דער מאַמע זיסעל און פון'ם זויבער און ריינקייט פון איהר הויז...

אַ ריינער גוף, אָבער נאָך מעהר — אַ ריינע נשמה... אַ ריין מויל, קיינמאָל קיין מיאוס וואָרט ניט אַרויסגערעט; קיינמאָל אַ קינד קיין קללה ניט געגעבען; „איהר בעני'ן" קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט...

ריינקייט איז אויך געווען אין אַלע איהרע מעשים־טובים. פלעגען צו איהר קומען אָפּט אָרימע מעקלערס, „ס'איז שוין

דאָנערשטאג, און ס'איז נאָך קיין מעהל ניטאָ אויף שבת" — האָט שוין זיסעל ארויסגענומען פון איהרע „קניפלאך", אוועק־געלייגט באזונדער פאר אזעלכע צוועקען, און געגעבען ווי א „גמילת־חסד", וועמען א קערבעל, וועמען צוויי און אימער אזוי שעהן און דער עיקר ,ריין... אָהן ליארם אָהן געפילדער און אָהן חלילה עמיצען באשמוצען...

פלעגט רחל־לאה וואָס האָט פארקויפט היהנער און אייער, דארפען געלט אויף'ן יאריד, פלעגט זי צוקומען צו זיסלען ווי צו א שוועסטער, און זיסעל האָט געגעבען וויפיל עס איז געוועזן נויטיג, און קיינמאָל זיך ניט געגרויסט, ניט געוויזען זיך פאר א „נגידת" א בעל־צדקה'ניצע... איהר ריינע נשמה האָט אזעלכעס ניט געקענט פארליידען. זי האָט דאָס פיינט געהאַט.

איינמאָל געדענק איך, האָט זי „באנייטיגט" א היבשע סומע געלט. אן אָרימע קרובה האָט געדאַרפט קויפען א קוה, און די קניפלאך זיינען געוועזן קאַרג.. האָט זי שטילערהייט פארנומען דאָס זילבער פון דער שטוב, איינגעוויקעלט אין א גרויסער פאטשיילע און דאָס אוועקגעטראָגען יענער, זי זאָל עס פאר־משכנ'ען... און געטאָן איז דאָס געוועזן אזוי שעהן און הויפטזעכ־ליך ריין, אָהן קיינע יסורים צוטיילונג, אָהן עגמת־נפש פארשאפען, ווייל ריין איז זי אימער געוועזן אין אלע איהרע מעשים און טהאטען...

„ריינקייט" איז געוועזן ביי דער מאַמע זיסעל ווי א היילינע זאַך; „ריין זיין" איז געוועזן פאר איהר א גאָטעס־דיענסט, א מצוה מן התורה, אָדער אויסדריקענדיג זיך אין א מעהר מאָדערנער שפראַך א קולט, א סימבאָל פון אידישקייט...

אין דער משפחה איז די „מומע זיסעל" געוועזן די „קרוין" ביי אלע פלימעניקעס און פלימעניצעס. אימער און אימער האָט מען געוואוסט נאָר איין גאנג — צו דער מומע זיסעל. פורים צו דער סעודה, חנוכה אויף לאַטקעס, שבועות צו דער מילכיגער

סעודה אָדער אפילו אַזוי אַ שבת נאָכ׳ן דאַווענען אויף קידוש, בייטאָג אויף אַרבעס מיט עפּעל־קוואַס.

שבת־צו־נאַכט׳ס פלעגען שוין קומען אַלע מעקלערס. די שיקסע האָט שוין געוואוסט, אַז דאַמאָלס דאַרף מען שטעלן דעם גרעסערען סאַמאָוואַר. זי האָט נאָר דערהערט די באַלעבאָסטע זאָגען „גאָט פון אברהם", האָט זי זיך שוין געכאַפּט צום גרויסען סאַמאָוואַר...

און באַלד נאָך הבדלה איז אין שטוב שוין טאַקע געווען ליהודים. באַלד האָט מען דערלאַנגט טעה מיט איינגעמאַכטס און די קאָמיסיאָנערען פון אָדעס און פון וואַרשא האָבען זיך גאָרניט געקענט אָפּלויבען פון דער שעהנער טעה וואָס זיי האָבען גע־טרונקען ביי זיסלען... אַזאַ לויטערע ר י י נ ע גלאָז טהע האָבען זיי נאָך אין ערגעץ ניט געטרונקען...

פון מיין ערשטען טאָג פון מיין אָנקומען אין יענער שטוב, האָב איך דערפיהלט אין זיסעל׳ען אַ מאַמע, אַ ליעבע, געטרייע, איבערגעבענע מאַמע... מיין ליעבע און רעספּעקט צו איהר איז אימער געווען זעהר גרויס...

מיט מיין גאַנצער השכלה, בילדונג, באַלעזענהייט, און אַרומ־טראָגענדיג זיך אימער אפילו מיט פילאָסאָפישע אַנשויאונגען אויפ׳ן לעבען און אויף דער מענשהייט... — פלעגט מיין בעסטע הנאה זיין צו זיצען מיט דער „מאַמע זיסעל" אויף די טרעפּ פון׳ם גאַניק און זיך אַריינלאָזען מיט איהר אין אַ דיסקוסיע פון פאַרשידענע פּראָבלעמען אין לעבען. זי פלעגט זיצען און אַרבייטען אַ זאָק אָדער לייגען אַ מערעזשקע, און פון צייט צו צייט האָט זי אַרויסגעזאָגט געדאַנקען, אַליין באַאַרבייטע, פון איהר „צאינה וראינה", אָדער פון׳ם „מעין־טהור", כאָטש איינ־פאַכע, אָבער אַזוי מחיה׳דיג שעהן און אַזוי ר י י ן, ווי ס׳איז געווען ריין איהר גאַנצען וועזען... אין איהרע איינפאַכע צאינה־וראינה־געדאַנקען האָב איך אָפט געפונען אַ קלאָרען און אַ טיעפען זינען...

אויף אזעלכע שעהנע און ריינע נשמות האָט די וועלט זיך ליב אויסצודריקען, אז זיי זיינען פון „די אמהות". מיין „מאַמע זיסעל" האָט געווים געהאַט א נשמה פון די „אמהות", און איך בין אויך גליקליך וואָס צווישען מיינע אומשעצבאַרע אוצרות, מיינע מאַמעס, מיינע ארבע אמאות, איז אויך געוועזן יענע שעהנע און ריינע נשמה!...

זאָל דער נאָמען פון מיין דריטער מאַמע, מיין מאַמע זיסעל, לייכטען אין גן עדן אויף אייביג!

נפט' י"ח תשרי תר"עא. בת נ"ז...

מיין פערטע מאמע.

מיין פיערטע מאמע, זאָל מיר לעבען און מאריך ימים זיין, איז מיין זיסע, ליעבע ברײנה׳לע, די טאָכטער פון מיין דריטער מאמע, זכרונה לברכה.

מיין אבזיכט דאָ איז ניט צו דערצעהלען די גוטע מעלות פון מיין פרוי, אלס מיין פרוי. װעגען מיין ליעבע פרוי קען איך נאָר אין קורצען זאָגען, אז אויב עס זיינען פאראן מענער, װאָס קענען מיט שטאָלץ ענטפערען אויף שלמה׳ס פראגע „אשת־חיל מי ימצא“, אז זיי זיינען עס די יעניגע װאָס האָבען אזעלכע געפונען, בין איך געװיס איינער פון זיי!...

געפינען זיך גליקליכע מענער, װאָס קענען זיך באריהמען, אז זיי זיינען אריינגעפאלען אין דער קאטעגאָריע פון „מצא אשה מצא טוב“, און ניט חלילה אין׳ם „מוצא אני“... (א פסוק אזא, ניט דאָ געדאכט, „כי מוצא אני את האשה מר ממות“) — באלאנג איך אויך צו יענע גליקליכע!...

זיינען פאראן אזעלכע, װאָס קענען זאָגען אויף זייערע פרויען „שעושות רצון בעליהן“, אז זיי טוען דעם װילען פון זייערע מענער, בין איך אויך איינער פון זיי... און פון די יעניגע מענער, װאָס קענען מיט פאָלקאָמענער צופרידענהייט אין הארצען דערצעהלען, אז ביי זיי איז מקוים געװאָרען די ברכה „וראית חיים“ עם האשה אשר אהבת“ — און דו װעסט זעהן לעבען מיט דער פרוי װאָס דו האָסט ליעב, — בין איך אודאי איינער פון זיי!... דאָס איז אלעס אין קורצען װעגען מיין ליעבער ברײנה׳לע אלס מיין פרוי...

אָבער מיין אַבזיכט דאָ איז אַן אַנדערער. דאָס קאַפּיטעל, וואָס איך שרייב דאָ, פון מיינע עראינערונגען, הייסט „ארבע אמהות" — „פיער מאַמעס". איך דערצעהל מיינע לעזער, אַז איך האָב געהאַט „פיער מאַמעס" און ווער די פיער מאַמעס זיינען געווען. די ערשטע דריי מאַמעס זיינען באַשריבען אין די פריי־הערדיגע זייטלאַך, און יעצט, ווי דאָס ווערטעל זאָגט, „אחרון אחרון חביב" — דאָס לעצטע און דאָס בעסטע וועל איך שרייבען עטליכע שורות וועגען מיין פיערטער מאַמע... מיין גוטע ליעבע, זיסע מאַמע ברײנה׳לע!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

כּמעט איך האָב זי קיינמאָל ניט גערופען מיט׳ן נאָמען „מאַמע", ווי עס פיהרט זיך אין דער היינטיגער וועלט, איבער־הויפּט דאָ אין אַמעריקאַ. זי הייסט ביי מיר אַלעמאָל — איהר אייגענער נאָמען „ברײנה׳לע". אַמאָל, אַמאָל האָב איך זי אויך ליעב צו רופען „גרינע זשאַבקעלע", אָדער אין העברעאיש „ירקרקת", ווייל איהר גרינליכער קאָליר גיט איהר באמת צו אַ וועלט מיט חן — טאַקי ווי אסתר המלכה — אָבער זי איז ווירקליך אימער געווען און איז צו מיר, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אַן אמת׳ע, גוטע, געטרייע מאַמע...

איך וויים ניט, אָבער איך מעג, דאַכט מיר, זאָגען מיט זיכערהייט אַז כּמעט איך האָב ניט געהאַט קיין ערפאַהרונג (צו מיין גרוים גליק און פרייד) פון אַ לעבען מיט אַן אַנדער פרוי, בין איך דאָך ווי איבערצייגט אין דעם, אַז פרויען־ליבע אַליין, דאָס הייסט, די ליעבע פון אַ פרוי אַלס פרוי, צו איהר מאַן, איז קאַרג איז ניט געגוג פאַר אַזאַ באַציהונג, פאַר אַזאַ איבערגע־בענהייט ווי פון מיין ברײנה׳לע צו מיר. דאָ האָט אויך געמוזט זיין מוטערליכע ליעבע־געפיהלען געפיהלען פון אַ מוטער צו איהר קינד...

איך גלויב, אַז אומעטום, ווען און וואו איהר באַגעגענט

אמת׳ע ליעבע פון א פרוי צו איהר מאן, איז דאס די מוטער־ליכקייט, וואס איז פון דער נאטור איינגעבוירען אין׳ם בלוט פון דער פרוי... אנדערש איז דאס ניט די אמת׳ע ליעבע, די ריינע ליעבע, די „הימעלשע טאכטער“, ווי דיכטער באזינגען זי...

און אין דעם ליגט אפשר אויך די ערקלערונג צו דער גרויסער מיסטעריע, צו דער אומפארשטענדליכקייט פון א פרויען־הארץ, ווען מיר זעהען די פרוי אמאל אלס א מלאך און אמאל פארקערט... דאס איז די פרוי מיט מוטערליכקייט און די פרוי אהן מוטער־ליכקייט...

אט דאס איז מיין מיינונג. איהר מעגט זיך זיין איינ־פארשטאנען מיט מיר און איהר מעגט ניט... אינגאנצען די נשמה אין דער פרוי איז די „מאמע“ אין איהר... אנדערש איז דאס א פרוי אהן א נשמה... די פרוי ווערט געבוירען א מאמע... נאך אין וויעג איז זי שוין א מאמע... האלט זי שוין איהר ליאלי־קינדעלע און דריקט דאס צו איהר הארץ...

ניט איינמאל בין איך געשטאנען און באאבאכטעט ווי מיין אייניקעל, דזשונילע, נאך קיין צוויי יאהר ניט אלט געווען, און שוין דאן געווען אהן עין הרע א מטופל׳ניצע מיט קינדער... ווי זי פלעגט דאס זארגען פאר זיי און ארייננגעבען זיך אין איהרע קינדער מיט איהר גאנצער מאמע־נשמה... איז א קינד ביי איהר פארשלאפט געווארען, איז זי שוין פון דעם ניט אפגעטראטען. אלעמאל געטאפט איהר דאס קעפעלע, געפרואווט איהר די היץ... די צוויי־יעהריגע מאמע האט געארבייט מעשים און האט זיך ניט בארוהיגט, ביז „גאט האט איהר געהאלפען“ איהר קינדעלע איז איהר צוריק געזונט געווארען... דאס איז דער בארוף פון א פרוי, צו דעם איז זי געשאפען... די נשמה אין איהר איז די מאמע אין איהר... און איבער דעם, זאג איך, אז די פרוי וואס האט אמת ליעב איהר מאן מיט איהר נשמה, מוז דאס זיין מוטערליך... מיט דער „מאמע“ וואס איז אין איהר... אנדערש איז דאס ניט קיין ליעבע... אנדערש איז דאס פאלשע ליעבע!...

פופצעהן יאָהר איז ברײנה׳לע אַלט געװען, װען זי איז געװאָרען מײן „מאַמע״. שױן באַלד נאָך איהר ערשטען, פאַר מיר גליקליכען „יא־ענטפער״, איז זי, אַ פופצעהן־יעהריגע מײ־דעלע אַלײן אַ קינד נאָך, באַלד צו מיר אַ מאַמע געװאָרען. און אין דער צײט װען איך שרײב דיזע בלעטלאך װערט באַלד פערציג יאָהר — ביז הונדערט און צװאַנציג — זינט איך בין בײ מײן ברײנה׳לען אַן אדאפּטירטעס קינד געװאָרען, און אַלע פערציג יאָהר פון מײן װאַנדערען אין דער מדבר פון לעבען, איז זי געװען מײן עמוד־האש, דער פײער־זײל, װאָס האָט אימער צע־שפּרײט די װאָלקענס און באַלױכטען פאַר מיר דעם װעג.

צװישען איהרע קינדער, ביז איך געװען בײ איהר דאָס עלטסטע קינד, פון די זיהן דער בכור און אפילו אַלעמאָל מיט גרױס רעספּעקט פאַר איהר „עלטסטען זוהן״... אָבער אײן מאַמע, דיזעלבע מאַמע פאַר אונז אַלע... קײנמאָל איז ניט געטהאָן געװאָרען קײן זאַך אָהן דער מאַמע; שטענדיג זיך באַראַטען מיט דער מאַמע, און אימער געשעצט די װערטער „תורת אמך״ — די תורה פון דײן מאַמע... װײל דער מאַמע׳ס תורה איז די בעסטע. ס׳איז אפשר פאַראַן נאָך תורה׳ס, אָבער יענע זײנען אָהן נשמה, און דער מאַמע׳ס תורה איז אימער מיט נשמה...

פיעלע מאָמענטען זײנען געװען אין דער מסכתא פון מײן לעבען, װען איך האָב זיך ניט אײנמאָל אָפּגעשטעלט בײ אַ שװערער פּראָבלעם, אױף אַ הארב שטיקעל מהרש״א, איך האָב, דאַכט זיך, ארײנגעלײגט אהינצו אינגאַנצען מײן קאָפּ, מיט מײן גאַנצען מוח אָבער שפּעטער האָב איך אָפּט ארױסגעזעהען, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות אין פשט, און בעסער איז געװען די תורה פון מײן מאַמע ברײנה׳לע — פיעל טיעפער, און אמת׳ער, װײל זי האָט געקװאָלט פון אַ הארץ, פון דער נשמה ארױס...

דאָס שעהנסטע פון דער מענשהײט איז די פרוי־מאַמע... דער טײערסטער אוצר, װאָס אַ מענש פאַרמאָגט, איז זײן מאַמע...

דער שיקזאַל האָט מיך באַרויבט אין מיין פריהסטער יוגענט פון מיין ערשטער מאַמע, און אַלס אַ בעל־חוב צו מיר האָט ער זיך געסטאַרעט ווי נאָר מעגליך מיך באַפרידיגען, מיך ממלא זיין. איך בין געבליבען אַ יתום נאָך אַלס קינד, אָבער אָהן אַ מאַמע, בין איך קיינמאָל ניט געוועזן עלענד, חלילה, גאָר אָהן אַ מאַמע, אָהן אַ מוטער׳ס האַרץ, אָהן אַ מאַמע׳ס נשמה בין איך קיינמאָל ניט פאַרבליבען...

זאָלען מיינע יענע מאַמעס, וואָס זיינען אין גן־עדן לייכטען אייביג עם שאר צדקניות...

און מיין מאַמע ברײנה׳לע — אָפּגעשיידט צום לעבען, זאָל שיינען און באַלייכטען אונזער לעבענס־וועג ביז אין טיפער עלטער....

די שעהנסטע עראינערונגען פון מיין לעבען זיינען מיינע מאַמעס, און ווען איך שרייב די הגדה פון מיין לעבענס־סדר, זאָג איך אויך: ארבע מי יודע — פיער ווער ווייסט? ארבע אני יודע — פיער איך ווייס! ארבע אמהות! פיער מאַמעס.

הערקולעס.

אין פריינדליכע באַציהונגען זיינען מיר ביידע, נאָך פון לאַנג פריהער, שוין געווען איינער צום צווייטען. ווען ער פלעגט מיך דערזעהן אין גאַס, קומענדיג פון׳ם חדר, אָדער ארויסגעהענדיג פון שטוב, צי פון דער קלויז, איז ער באַלד אויסגעוואַקסען לעבען מיר, ארויף מיט ביידע פאָדערשע פיס אויף מיינע קניה, נאַכהער זיך געוואָרפען אויף דער ערד, מאַכענדיג פארשידענע קונצען, אַלס צייכען פון נאָהענטער פריינדשאַפט. די לעצטע צייט פלעגט ער שוין איננאַנצען זיך געפינען אימער נאָר לעבען אונזער שטוב. איך פלעג איהם אַלעמאָל ארויסטראָגען עסען און יעדערער האָט שוין געוואוסט, אַז הערקולעס איז מיינער...

שפּעטער האָב איך אויף איהם אויך באַקומען די פולע געזעצליכע רעכט פון אייגענטום. דאָס האָט מיר געקאָסט זיבעצעהן קאָפּיקעס, מיין גאַנצער פארמעגען, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון׳ם חנוכה־געלט. איך האָב עס באַצאָהלט פאר הערקולעס׳ען צו זיין פריהערדיגען אייגענטימער, צו מיין חבר לייב ישעיה־לאַבצים.

פון דאַן אָן האָבען מיר ביידע, הערקולעס און איך, געוואוסט אַז קיינער איז איבער איהם מעהר קיין בעל־הבית ניט, אויסער מיר. נאָר איך בין זיין האַר און נאָר איך האָב אויף איהם צו שאַפען.

איך האָב איהם אויך באַלד געגעבען אַן אייגענע היים אין׳ם קאַנורקעלע, וואָס ביי אונז אונטער׳ן גאַניק. עסען האָב איך איהם

צוגעשטעלט כיד־המלך, און עס האָט זיך איהם געלעבט ביי מיר זעהר גוט.

הערקולעס, פּונקט ווי זיין נאָמען, איז געווען זעהר גרויס אין וואוקס, מיט פלעקען אויפ׳ן רוקען, ווי ביי א לעמפּערט, מיט אויגען פאַרגלאָצטע, האַלב אין קאָפּ אריין, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז ניט אבי ווער עפּעס א מארק־הונט, נאָר אַז ער שטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישען יחוס... אַ ווי קומט ער אהער גאָר, אין קלויז געסעל? — איז טאַקע אַ קשיה. מסתמא זיין מזל אזאַ. אפשר קליינערהייט אוועקגע׳גנב׳עט אָדער פאַרבלאָנדזשעט פון ערגעץ אַ פּריצישען הויף. אפילו יעצט נאָך האָט ער אויך געהאַט שעהנערע מאַניערען און זיך געהאַלטען שטאָלץ, מיט באַוואוסטזיניגער זעלבסטווירדע און פון דערווייטענס פון אַלע אַנדערע גאַסען־הינט...

געטריי איז מיר הערקולעס געווען און איבערגעבען טאַקע נאָר ווי אַזעלכער איז פּעהיג דערצו, און איך אין איהם בין אויך געווען אריינגעגעבען מיט מיין גאַנצען לייב און לעבען. איך פלעג טראַכטען פון איהם בייטאָג און ביינאַכט, סיי אין קלויז ביים דאַווענען, סיי אין חדר ביים לערנען, און אַפילו אין שלאָף איז ער מיר געלעגען אין קאָפּ. אין דרויסען האָב איך קיין טראָט ניט געטהאָן אָהן הערקולעס׳ען. אימער איז ער געווען לעבען מיר.

געגוג צרות בין איך אויך אויסגעשטאַנען איבער איהם פון׳ם רבי׳ן אין חדר און פונ׳ם טאַטען אין הויז.

— ווי שעהמט זיך ניט אַזאַ געזונטער יונגאַטש, ווי דו, וואָס אָט אָ נאָך אין אַ צוויי־דריי יאָהר ארום ווערסטו שוין בר־מצוה, זאָל האָבען צו טהאָן מיט אַ הונט גאָר?... — פלעגט מיט מיר טענה׳ן דער טאַטע אָפּט מיט בייזען און אַמאָל גאָר מיט גוטע ווערטער, ברענגענדיג מיר ראיות פון דער תורה און פון דער גמרא, אַז ביי אידען, פונקט דער היפּוך ווי ביי די אומות־העולם, איז אַ הונט פון אייביג אַן פאַרמיאוסט און טמא.

„מחיר כלב תועבת ד׳" — שטעהט בפירוש געשריבען. „דער פרייז פון א הונט איז אומווירדיג פאר גאָט". אויך די גמרא זאָגט: „אסור לגדל בלב בתוך ביתו" — א איד טאָר ניט מגדל זיין קיין כלב אין זיין הויז...

אויך דער רבי מיינער, מרדכי לייב, דער גרעסטער קאַט צווישען די מלמדים פון שטאָדט, פלעגט מיר דערגעהן די יאָהרען פאַר הערקולעס׳ען. ביי יעדער קלייניגקייט פלעגט ער זיך טשעפען צו מיר און מיר אויסוואַרפען דעם הונט...

— ווי אזוי, א שטייגער, קענסטו וויסען דעם שיעור, אז דער הונט ליגט דיר אין קאָפּ? — פלעגט ער שטענדיג האָבען צו מיר טענות, וועלכע זיינען אָפט אויך באַגלייט געוואָרען מיט וואַרימע פּעטש...

— אזא קאָפּ ווי ער האָט, — פלעגט ער טענה׳ן מיט פאַר־דרוס, — וואָלט דאָך שוין געקענט פאַרנעהמען א שטיק מהרם־שיף, האָט ער אָבער צו אַלדע רוחות איהם אריינגעלייגט דאָרטען ביים כלב...

אָט אזוי בין איך זיך אויסגעשטאַנען צרות אי אין הויז אי אין חדר, אָבער קיין זאַך האָט מיר ניט געהאָלפען. קיינער האָט מיך ניט געקענט שיידען פון מיין ליבען און געטרייען הערקולעס...

די בעסטע צייט פאַר אונז ביידען, פאַר מיר מיט הער־קולעס׳ען, פלעגט זיין פרייטאג נאָך האַלבען טאָג און שבת. דאַמאָלס בין איך געווען פריי פון חדר און מיר האָבען געקענט מעהר ווי אַלע טעג שטיפען און ארומשפרינגען צוזאַמען. הער־קולעס האָט שוין אויך גוט געוואוסט און געדענקט די צוויי טעג, פרייטאג און שבת. אין יענע צוויי טעג איז ער געווען אי זאַט פון די שבת׳דיגע מאכלים אי צופרידען וואָס ער האָט מיך געהאַט מעהרער לעבען זיך. א שטאָלצער פלעגט ער ארויסשפּאַצירען מיט מיר שבת בייטאָג אין גאַס, ביז צווישען די קלייטען, וואו מיר פלעגען טרעפען אַלע חברים אונזערע

אויסגעזעצט אויף די פידאשיקעס לעבען די פּאַרמאַכטע טירען און לאַדען, און פלעגען דערצעהלען מעשה'לאך פון'ם בעל־שם און פון'ם שפּאָלער זיידען. הערקולעס האָט זיך דאַמאָלס אויך אַריינגעזעצט אין מיטען און מיט אויפגעשטעלטע אויערען זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם צו אַלע מעשה'לאך, מאַכענדיג פאַר צופרידענהייט חנ'דעלאך צו יעדען איינעם, אויף וועלכען חברה האָבען מיר זעהר מקנא געווען און געקוקט אויף מיר מיט דרך־ארץ.

אין שטוב ביי אונז האָט הערקולעס אויך שוין באַקומען אַביסעל איינזעהעניש דורך אַ העלדענטהאַט, וואָס ער האָט איינמאָל באַוויזען, אַפּראַטעוועדיג די גאַנצע שמאַלץ מיט'ן איינגעמאַכטס, וואָס איז געשטאַנען אין קאַמער.

דאָס איז געווען איינמאָל אין אַ סליחות־נאַכט, ווען מען איז אַלע פון שטוב אוועק אין קלויז, האָט זיך דאָ דערוויילע אַריינגעכאַפּט לאַקירא די גנב'טע, איז אַריין אין קאַמער און האָט שוין געהאַט אַרונטערגענומען פון די פּאָליצעס צוויי גרויסע סלאָיעס איינגעמאַכטס מיט אַ טאָפּ שמאַלץ, און אין איין רגע וואָלטען מיר שיעור ניט געווען געבליבען אויף יום־טוב אָהן שמאַלץ און אָהן איינגעמאַכטס... הערקולעס אָבער האָט באַלד דערהערט, און מיט איין שפּרונג איז ער אַרויף אויף איהר און האָט זי שיעור ניט צוריסען אויף שטיקער. זי איז דאַמאָלס קוים מיט'ן לעבען אוועק.

מיט יענער טהאַט זיינער האָט זיך דאַן הערקולעס איינגעקויפט אַ זכות אין שטוב. מעהר האָט מען איהם און אויך מיך שוין אַזוי ניט גערודפט פאַר אונזער חבר'שאַפט. הערקולעס האָט באַקומען אין שטוב במעט פאָלקאָמענע אַנערקענונג און אויך געזעצליכע וואוינרעכט אין דער קאַנורע, וואָס אונטער'ן גאַניק. מירביידע האָבען אָנגעהויבען לעבען אַ פריי און געזיכערט לעבען...

מיין רבי מרדכי־ליב אָבער האָט זיך אָנגעהויבען קלאָגען

אויף מיר אָפּטער און אָפּטער... די ערגסטע „גויים“ ביי איהם אין חדר קענען בעסער דעם שיעור פון מיר... קיין קלעפּ, קיין פּעטש העלפען שוין מעהר ניט... ס'נאָר אַן עבירה פאַר גאָט אזא גאָלדענע קאָפּ צו לאָזען אויף הפקר... דער איינציגער מיטעל, די איינציגע תרופה איז נאָר דעם כלב משלח צו זיין... דאַן, האָט ער פאַרזיכערט, וועט שוין אַלץ גוט ווערען...

איך האָב אויך אמאָל געכאַפּט א ריכטיגען פּסק פונ'ם טאַטען איינמאָל אַ שבת אין דער פריה נאָכ'ן דאַווענען. אַלע באַלעבאַטים, זאָגענדיג „גוט־שבת“ איינער צום צווייטען, האָבען אַרויסגע־שפּאַצירט פון קלויז. איבער'ן ערוב, וואָס איז דאמאָלס געווען קאַליע, האָבען מיר איינגלאַך געטראָגען די טליתים מיט די חומשים. די ווייבער, אויסגעפּוצט אין די שבת'דיגע זיידענע מלבושים, און די באַלעבאַטים אין די אַטלעסענע רעזעווילקעס, האָבען פאַמעלאַך געפיהרט צווישען זיך שמועסען, ווער פון דער נייער באָד און ווער פונ'ם בעל־מוסף, ווי אַזוי ער האָט אַוועק־געלייגט אַ צווייטע קדושה, אַז ס'איז געווען טעם־גן־עדן, און אַז ער איז אַ גרויסע מציאה די געלט וואָס מען גיט איהם פאַר ימים נוראים... פּלוצים וואַרפט זיך אַריין הערקולעס, שפּרינגט אַרויף אויף מיר מיט די פאָדערשטע לאַפּעס, און מיט אַ בילען און אַ קוויטשען וואַרפט ער זיך און מאַרדעוועט זיך אויף אַלע זייטען, ווי זיין שטייגער איז שטענדיג, ווען ער דערזעהט מיך... דער בזיון איז דאַמאָל געווען גרויס אָהן אַ שיעור, און איך האָב, פאַרשטעהט זיך, יענעם שבת אָפּגעשניטען זעהר שלעכט...

באַלד נאָכדעם האָט זיך ווידער געטראָפען אַ צווייטער אומגליקליכער צופאַל, גאָר אַן אומערוואַרטעטער.

דאָס איז געווען הושענה־רבה פאַרנאַכט. מיר אַלע פון שטוב זיינען אַוועק דאַמאָלס אין קלויז צו הקפות. אין הויז איז געבליבען נאָר חיה די אידענע, וועלכע איז שוין לאַנג פאַרטיג געוואָרען מיט דער גאַנצער אַרבייט אין קיך. אַלעס איז געווען אָפּגעקאָכט און אָפּגעבאַקען אויף יום־טוב. נאָר איין זאַך האָט

זי נאָך באַדאַרפט טאָן — צוגרייטען די פּראַקעס אויף שמחת־תורה. זי האָט באַלד צושעטקעוועט דאָס קרויט און איינגעהאַקט דאָס פלייש, אַ פול האַק־ברעטעל מיט פלייש. חיה איז היינט געווען זעהר צופרידען פון שמשון דעם קצב. פון אַזאַ פלייש וועט זי שוין דעם יאָהר ווייזען וואָס פאַר אַ פּראַקעס ס'וועלען אַרויס... אַז די בעלי־בתים פון דער קלויז וועלען זיך צונויפקומען טרינקען אַ גלעזעל ווייַן, וועלען זיי לעקען די פינגער פון „חיה'ס פּראַקעס"...

חיה האָט זיך אויף אַ פּאָר מינוט נאָך עפּעס נויטיגס אַוועקגעקערט אין קאַמער אַריין, און ווען זי איז אַריין צוריק אין קיך, האָט זי באַלד דערזעהן דעם גרויסען אומגליק, וואָס ס'האָט דאָ געטראָפען. הערקולעס איז געשטאַנען ביים האַק־ברעטעל און אויסגעלעקט די לעצטע פּיצלאַך פלייש וואָס ס'איז געווען אויף דעם...

אַ צרה איז איהר, פינסטער איז איהר! ווי אַזוי איז ער אַריין אין קיך? אַפּנים דורכ'ן אָפענעם פענסטער, דורך וועלכען ער איז אויך טאַקע באַלד אַרויס...

און ווי קומט עס גאָר פּלוצים איהם אַריין אין קאָפּ, אַז דאָ ליגט צוהאַקטע פלייש אויף פּראַקעס? און ווי געשווילד, אוי וועה, דאָס איז אַזוי געשעהן! אַזוי פיעל פלייש! אַזאַ גוט פלייש!...

דאַמאָלס איז הערקולעס, פאַרשטעהט זיך, באַלד אינגאַנצען פאַרטריבען געוואָרען פון'ם הויז, און דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון זיין אומגליקליכען סוף, וואָס ער האָט געהאַט, און פון דער גרויזאַמער שרעקליכער שטראָף, וואָס ער האָט שפּעטער באַקומען פאַר זיינע זינד...

וואַסיל דער הונט־שלעגער איז אַראָפּגעקומען אין שטאָדט אַריין. אַ געזונטער גוי מיט אַ געשטופּעלטען פּנים, מיט בלוט־פאַרגאָסענע עשו־רוצחישע אויגען, איין אויערינגעל איז איהם געהאַנגען אויפ'ן לינקען אויער און אַרום דער קורצער טשעמערקע

איז ער געווען אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ ברייטען רימענעם פּאַס, הינטער וועלכען ס׳איז געווען אריינגעשטעקט באַלכסון אַ גראָבע בולאַווע, און אויף דער האַנט האָט ער געטראָגען אַ לאַנגען שטריק, אויסגעמאַכט גרייט און פאַרטיג צום פאַרוואַרפען...

קיין „הונטשלעגער" האָט ער ניט געטאָרט הייסען, נאָר „מאַסטער"... ווי אַ מאַסטער פלעגט ער מיט איין וואָרף פון׳ם שטריק שוין האַלטען דעם הונט פאַרטשעפּעט, און נאכהער האָט ער שוין בלויז מיט דער בולאַווע „געאַרבייט" ביז׳ן סוף...

פאַר אַלע אינגלאַך איז יענע צייט געווען זעהר אַ פרעהליכע. מחנות־וויז פלעגען זיי נאָכלויפען איבער די גאַסען נאָך וואַסיל דעם הונטשלעגער און באַוואונדערען זיין גרויסע קונסט, וואָס ער פלעגט באַווייזען מיט׳ן שטריק און מיט דער בולאַווע... אַ הונט פלעגט זיך געהן ביי דער זייט פון גאַס, אַזוי זיכער, אָהן אַ שום חשד אויף קיינעם, און איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, איז שוין דער שטריק געווען אַרום זיין האַלז... צום ערשטען האָט דער הונט מיט גרויס ערשטוינונג, אָהן לשון אויפגעשטעלט אויף וואַסיל׳ן אַ פּאָר דערשראָקענע אויגען, מיט אַ פראַגע הייסט עס: פאַרוואָס טוסטו דאָס? און וואָס מיינסטו דערמיט?.. אָבער באַלד, ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער צווייטער אַקט מיט דער בולאַווע איבער׳ן קאָפּ, איז די לופט פאַרהילכט געוואָרען מיט די שוידערליכסטע מוראדיג־גרילצענדיגע קולות...

חברה יונגוואַרג האָט אָנגעקוואַלען פאַר פרייד, צוזעהענדיג דיזע „לעבעדיגע" סצענעס...

אָבער איך בין יענע צייט געווען שטאַרק פאַר׳יסורימט... מיין האַרץ איז מיר געווען פאַראומערט, איך האָב זיך זעהר געשראָקען פאַר הערקולעס׳ען...

איינמאָל אַ פאַרנאַכט, קומענדיג פון׳ם חדר, האָב איך מיט אַ גרויסען וועהטאָג אין האַרצען זיך דערוואוסט פון הערקולעס׳עס טרויעריגען סוף...

דריי „לא זו הדרך'ס".

די פּאָר בלעטלאך, וואָס איך וויל דאָ באשרייבען, כאָטש זיי זיינען גענומען פון מיין אייגענעם פּערזענליכען לעבען, און איך, פאַרשטעהט זיך, בין ניט אזא „גדול", אז די וועלט זאָל זיין פאַראינטערעסירט צו וויסען איינצעלהייטען פון מיין פּריוואַטען, פּערזענליכען לעבען, דאָך גלויב איך, אז דער לעזער וועט געפינען פיל אינטערעס אין מיינע עראינערונגען, ווייל דאָרט וועט זיך אָפּשפּיגלען אויך זיין, דעם לעזער'ס אייגען לעבען.

יענע צייט, פון וועלכער איך נעם זיך דאָ צו באשרייבען, איז געווען א וויכטיגע פּעריאָדע, א אינטערעסאַנטע תקופה אין'ם לעבען פון'ם גאַנצען אידישען פאָלק. יענע טעג פון מיין לעבען האָב איך איבערגעלעבט אלס פּרט צוזאַמען מיט'ן כלל, צוזאַמען מיט'ן גאַנצען אידישען פאָלק.

דאָס איז געווען אין אָנפאַנג אכציגער יאָהרען, די פּעריאָדע פון „שתי־הקצוות", פון צוויי עקסטרעמען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט, ווען עס איז איבערגעגאַנגען פון איין עק צו א צווייטען, פון חסידות מיט פרומקייט צו השכלה און פרייהייט; פון פינסטערער אומוויסענהייט און אַבערגלויבען צו א ביז גאָר פרייען און הפקר'דיגען לעבען; יענע צייט, ווען עס האָט געהערשט א פאָלקאָמענער „יאוש־בישראל". דאָס אידישע פאָלק איז דאַמאָלס געווען אין א גרויסער פאַרצווייפלונג. פון'ם אַלטען וועג איז דאָס אוועק און אויפ'ן נייעם וועג האָט עס ניט געהאַט קיין באַשטאַנד. פון רעליגיאָן האָט זיך עס אָפּגעטריי־סעלט, און פון נאַציאָנאַליזם האָט עס נאָך ניט געוואוסט, איז

דאָס פאָלק געווען א „תועה בדרכי החיים“, א בלאָנדזשענדער אין די וועגען פון לעבען. דאַן זיינען די פּאָגראָם־יאָרען אָנגעקומען. דאָס אידישע; פאָלק האָט ערוואכט, איז געקומען צום באַוואוסט־זיין און עס האָט זיך באלד אָנגעהויבען דער מארש צוריק... דער „השיבנו נאזאד“... באלד איז, ווי באַוואוסט, ארויפגע־שוואומען דער „חבת־ציון“, וואָס עס האָט אויך שפּעטער דער־פיהרט צו דער גרויסער באַוועגונג פון „הערצל־ציוניזם“, ביז צום היינטיגען טאָג...

אויך איך, פּונקט ווי מיין פאָלק, בין געווען א „תועה בדרכי החיים“, איך בין דורכגעגאנגען עטליכע גייסטיגע „על פרשת־דרכים׳ס“, נאָך אין מיינע יונגע יאָהרען. איך האָב גע־טאַפּט און געזוכט א וועג אין לעבען, דעם אמת׳ען דרך החיים, און אַלעמאָל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף מיינע וואנדערונגס־וועגען און באגעגענט אן אויפשריפט: „לא זו הדרך! ניט דאָס איז דער וועג!...

מיט פילע, פילע „לא זו הדרך׳ס“ האָב איך זיך באגעגענט אויף מיינע לעבענס־וואנדערונגען. א פּאָר פון זיי נאָך פון מיין פריהעסטער יוגענד, וועל איך ארויסנעמען און זיי פּרואווען דאָ באשרייבען.

„לא זו הדרך" נומער איינס.

איך בין נאָך קיין פולע פערצעהן יאָהר דאמאָלס ניט אַלט געווען. איך האָב נאָך גאָרניט געהאַט געזינדיגט אויף דער וועלט און אפילו נאָך ניט געוואוסט דעם טעם פון זינד, און שוין בין איך געוואָרען אַ „בעל־תשובה"...

און ניט נאָר איך אַליין, ניט נאָר מיך האָבען די תשובה־רעיונות אַרומגעכאַפּט, נאָר אַלע אינגלאַך פון מיין קלויז, פון דער „סקווערער קלויז", אינגלאַך אַלע אין מיין עלטער זיינען מיט אַמאָל געוואָרען בעלי־תשובות... אמת'ע בעלי־תשובות, מיט תפילה טאָן און מיט פאַסטען תעניתים, מיט תהלים זאָגען און מיט אָפּריכטען חצות, מיט געהן אין מקוה זיך טוב'לען און מיט זאָגען תהלים, זוהר און אימער אריינקוקען אין ספרי־קבלה און ספרי חסידים...

דער אָנפיהרער פון אונזער כת־בעלי־תשובות איז געווען איי־נער שוין אַן עלטערער בחור. „יצחק" האָט ער געהייסען. ער איז שוין אַלט געווען אודאי אַ יאָהר זיבעצען און אונטער זיין פיהרערשאַפט פלעגען מיר זיך צוזאַמענקומען אין קלויז אַרום האַלבע נאַכט און אָפּריכטען „חצות"...

אויף דעם לאַנגען באַנק ביים גרויסען גמילות־חסדים קאַס־טען פלעגען מיר זיך אויסזעצען מיט די אָפענע סידורים. יצחק האָט אָנגעפאַנגען און מיר האָבען נאָכגעזאָגט פסוק נאָך פסוק. פון צייט צו צייט פלעגען מיר זיך אָפּשטעלען. אַ טויטע שטילקייט איז געווען אויסגעשפּרייט איבער אַלע ווינקעלאַך פון דער קלויז,

וועלכע איז אינגאנצען געווען איינגעוויקעלט אין טונקעלע נאכט־שאטנס.

יצחק האט דאן אונז ארויסגעבראכט שטיקער פון׳ם „ראשית־החכמה“ און פון אנדערע מוסר־ספרים, ווי דער ס״ם, דער יצר־הרע לאקערט אויף אונז אויף יעדען טריט, וואס מיר טוען און אויב מיר וועלען זיך נאר פארגעסען אויף איין מינוט אויף איין רגע, דאן זיינען מיר אלע פארפאלענע, דאן שלעפט אונז דער יצר־הרע אריין אין זיין נעץ און גיט אונז איבער אין די הענט פון לילית מיט איהר גאנצער כתה און מיר קענען קיינמאל קיין תקומה נים האבען... די איינציגע זאך וואס מיר דארפען טאן איז נאר תשובה טאן, נים נאכגעבען דעם גוף תאוות עולם הזה, פייניגען זיך מיט אפטע תעניתים און דורך דעם זיך דערנענטערען מעהר צום רבונו של עולם און מקרב זיין דעם קץ פון משיח׳ן, אלץ ווי עס שטעהט געשריבען מיט רמזים, נוטריקין און גמטראות, אין די ספרים הקדושים וועגען ביאת הקץ...

און ווידער פלעגט דאן יצחק מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט א דממה־דקה קול אויסרופען פון סידור די ווערטער: „קול ברמה נשמע“, א קול הערט זיך אין הימעל: שיבו בנים שובבים! קערט זיך אום, איהר צולאזענע זיהן!

און מיר אינגלאך האבען דאן אלע אויסגעבראכען אין א גרויס געוויין, אז עס איז געווארען יום־כפור אין קלויז...

אט אזעלכע נעכט מיט חצות־אפריכטען פלעגען מיר פראווען צוויי און דריי מאל אין דער וואך, און אויסער די נעכט פלעגען מיר גאנצע טעג זיצען אין קלויז על התורה ועל העבודה... דער „על התורה“ אבער איז געווען נים איבער א בלאט גמרא אדער חשן־משפט, (פון תנ״ך איז אפגערעדט... דאס איז אוודאי געווען טריף), נאר איבער מוסר ספרים מיט ספרי־קבלה, אין וועלכע מיר האבען געזוכט א תיקון מיט א דערלייטערונג צו אונזערע זינדיגע נשמות...

פארוואס מיר דארפען דאס אזוי תשובה טאן און וואס און

ווער זיינען דאָס די שווערע זינד, וואָס האָבען אזוי געפּרעסט אויף אונזערע יונגע הערצעלאך, און צי מיט דעם וועג וועלען מיר, איינגלאך, טאַקע מקרב זיין דעם קץ און דערנענטערען דעם ביאת המשיח, האָט קיין איינציגער פון אונז ניט געוואוסט און זיך ניט אָפּגעגעבען קיין חשבון...

אויך אפילו יעצט, שוין היבשע עטליכע צענדליג יאָהר נאָך יענע איבערלעבונגען, איז מיר שווער צו פארשטעהן, קען איך ניט באגרייפען יענע אומנאַטירליכע כחות־הנפש, יענעם פסיכאָז, וואָס האָט זיך אזוי פריהצייטיג ארויסגעריסען פון אונזערע יונגע נשמות. אפשר איז דאָס געווען די אייביגע משיח־בייגקעניש און משיח־זוכעניש, וואָס איז איינגעבוירען און איינגעוואקסען טיף אין דער נשמה פון אידישען פאָלק פון אייביגע יאָהרען אָן, פון בר־כוכבא ביז שבתי־צבי און פון יעקוב פראַנק ביז צו דר. הערצל, — יעדע עפּאָכע אין אַן אנדער פאָרמע און יעדע תקופה אין אַן אנדער צורה — ווען אין אַ העלדיש קריגערישער, און ווען אין אַ מיסטיש־רעליגיעזער; ווען אין אַ קולטורעל־מרכז־רוחני־דיגער און ווען אין אַ פעלקער־רעכטליכער, פּאָליטיש־עקאָנאָמישער פאָרמע, אָבער אַלץ די זעלבע געפיהלען, די זעלבע בענקעניש, די זעלבע זוכעניש און די זעלבע שטרעבונג?... זיינען דאָס שוין דאַמאָלס געווען שפּריצען פון יענע אייביגע געפיהלען, וואָס זיינען איינגעבוירען אין דער נשמה פון פאָלק ישראל? זיינען דאָס שוין דאַמאָלס געווען אין אונז שפּראָצען פון שפּעטערדיגע נאַציאָנאַליסטען, חובבי־ציון און ציוניסטען?...

אונזערע יונגע מוח׳לאך אָבער האָבען נאָך דאַמאָלס גאָר אינגאַנצען ווייניג געקענט „דענקען". דער באגריף „דענקען" איז נאָך פאַר אונז געווען פרעמד... צו דעם נאָך האָבען מיר שוין דאַמאָלס געוואוסט פון׳ם מאמר: „במופלא ממך בל תדרוש" — אין דעם וואָס איז פארהוילען פון דיר, וואָס איז העכער פון דיר, טאָרסטו זיך ניט גריבלען און דרשנ׳ען...

וואָכען און מאָנאַטען לאַנג האָט אָנגעהאַלטען די פאַרבאָר־

גענע ארבייט פון אונזער „בת־בעלי תשובה". קיינער פון אונזערע פאַרשמאַיעטע, אימער אין קראָם פאַרטאָגנענע טאַטעס, האָט ניט באַמערקט אויף אונז די ווירקונג, וואָס ס'האָט געמאַכט אויף אונז די אומנאַטירליכע, מיסטעריעזע און למדן־וואָוועדיגע אויפ־פיהרונג... ביז אונזערע קערפּערלאך האָבען פון ניט דערעסען און פון ניט דערשלאָפען, פון די תעניתים און פון'ם אויף־זיין אָנגעפאַנגען וואָס אַ טאָג איינצערען און איינדאַרען (אייניגע פון אונז, ווי אלקנה־אלישע'ס, משה'לע־נחום'ס און לייב־געניס האָ־בען טאַקע באַקומען שווינדזוכט, און שפּעטער געשטאָרבען...). און אונזער באַהאַלטענע ארבייט, אונזער עבודה־בסתר האָט אָנ־געהויבען ציהען דעם חשד פון אונזערע עלטערען...

דער ערשטער, וואָס האָט אונז געעפּענט די אויגען, איז געווען מיין פאָטער זכרונו לברכה.

מיין פאָטער, אַ איד אַ חסיד, אַ ירא־שמים, פרום ביז גאָר, מיט צוויי פּאָר תפילין, ר"שי'ס און רבנו־תם'ס, מיט „תקונים" און מיט אַ ספר־תהילים נאָך יעדען דאַוונען און אַ גרויסער מקפיד אויף יעדער קלייניגקייט פון שלחן־ערוך וואָס אַן אַנדערער איז, ווי מען זאָגט, „דש בעקבו" — טרעט אויף דעם מיט דער פּיאַטע, איז צו אַלעמען געווען אויך אַ איד אַ סוחר, וואָס פלעגט פאָהרען אויף די מאַרקען אין די גרויסע שטעדט נאָך סחורה און אַ איד מיט וועלטליכע ידיעות און מיט ברייטע ערפאַהרונגען אין לעבען.

משה הירש בער'ס איז געווען דער קליגסטער אין שטעטעל. אין איהם איז געווען דער חסיד, דער תלמיד־חכם און דער וועלטליכער סוחר במקום אחד...

אויב אַן עצה פרעגען איז ביי משה־הירש בער'ס; האָבען צוויי בוררים באַדאַרפט אַ קלוגען שליש, איז מען געגאַנגען צו משה־הירש בער'ס...

און כאָטש, ווי געזאָגט, פרום און חסידיש ביז גאָר, פלעגט פון דעסטוועגען מיין פאָטער ליעב האָבען צו לייענען דעם בלאַט. פונ'ם „המליץ" האָט ער ווייניג געהאַלטען, אַביסעל צו פריי געווען.

דער „הצפירה“ אָבער מיט זיינע קלוגע „דברי הימים׳ס“ פון׳ם אַלטען חיים-זעליג סלאָנימסקי און פון׳ם יונגען נחום סאָקאָלאָוו, פון זיי פלעגט ער שטארק האַלטען. ניט געלערענט קיינמאָל קיין אַלוועלטליכע היסטאָריע און געאָגראַפיע אודאי ניט, פלעגט ער דאָך אַרויסוויזען גאַנץ נישקשה׳דיגע בקיאות אין די זאַכען, צו־שמועסענדיג זיך אין קלויז נאָך מעריב צווישען אַ רעדעל אידען וועגען ענגלאַנד מיט איהר קלוגער דיפּלאָמאַטיע, ווי זי פיהרט ביי דער נאָז די גאַנצע וועלט, ווי זי האָט אונטערגעשטעלט אַ פיסעל ניקאָלאַי דעם ערשטען ביי סעוואַסטאָפּאָל... און אַלעק־סאַנדער דעם צווייטען ביי דער טערקישער מלחמה...

איך פלעג אָפט שטעהן לעבען איהם, זיך איינהערען, און מיין יונג מוח׳ל האָט עפּעס ניט געקענט ריכטיג באַגרייפען די ווערטער „באַלקאַנען“, „מצרים“, „כינע“... איך האָב מיך געוואונדערט צי דאָס איז טאַקע דער מצרים וואָס אין חומש און צי „כינע“ איז דאָס זעלבע וואָס „חינה וחסדא“ פון „יקום פרקן“...

פון מיין בר־מצוה אָן האָט מיין פאָטער אפילו, אַלעמאָל אַ שטרענגער, שוין אַביסעל צו שטרענג, אָנגעהויבען ווערען מיל־דער צו מיר. שוין ווי מיט אַ שטיקעל „בר־דעת“ פלעגט ער ליעב האָבען זיך צו פּשט׳לען מיט מיר שבת ביים לייענען איבער אַ ודו״ק פון אַ פאַרשטעלט שטיקעל אורח־חיים מיט אַ „כפתור ופרח“ אויפ׳ן סוף... אָדער מיר דערצעהלען אַ מדרש־פּליאה, וואָס ער האָט געהערט אין סקווערע, ביי ר׳ איציקעל סקווערער...

אין דערהיים ביים טיש פלעגט ער אויך ליעב האָבען חקירענען מיט מיך אין חכמת־החשבון, מאַכען אַ גרינגען „כפל“ אויף די פינגער און אפילו כללים פון תשבורת מיך אויסלערנען צו מאַכען אויפ׳ן קאָפּ... ער האָט מיך אויך אַמאָל אויסגעלערענט ווי צו וויסען אַליין דעם מולד אַלע חודש, אויב איך ווייס נאָר איין מולד, קען איך שוין וויסען אַלע מולדות ביז אייביג. איך דאַרף נאָר צולייגען יעדעס מאָל אַ געוויסע צאָהל שטונדען מיט

חלקים... „ת"שצג חלקים", און אין וועלכע טעג פון דער וואָך עס פאַלען אויס אַלע ימים־טובים פון'ם יאָהר ע"פי א"ת־ב"ש...

אמאָל פלעגט ער אויך ליעב האָבען שמועסען מיט מיר וועגען די שטערען אין הימעל, וועגען די „שבעה כוכבי לכת" און אפילו אָנרופען יעדען מיט'ן נאָמען, ווי עס שטעהט אַלעס געשריבען אין דער גמרא אין „הלכת־קידוש־החודש"...

אָבער מיט אמאָל האָט מיין פאָטער באַמערקט אין מיר אַן ענדערונג... גאָר ניט דאָס אינגעל, גאָרניט דאָס לעבעדיגקייט... אמת, דער גרויסער „שגץ" אין מיר איז שוין געווען געשטילט נאָך באַלד פון נאָך דער בר־מצוה אָן... שוין דעם ערשטען טאָג פון מיין בר־מצוה האָב איך געוואוסט אַז איך דאַרף ווערען אַן אַנדערער, אַ איד וואָס טראָגט אויף זיך דעם עול פון מצוות דאַרף זיך אויפפיהרען סטאַטעטשנער — דאָך אַ „אינגעל אַ ברען" בין איך נאָך אַלץ געווען... דאָס שאַרפע קעפעל און דאָס געשליפענע צינגעל האָבען נאָך אַלץ געברענט אַ וועלט... און מיט אמאָל עפּעס גאָרניט דער... שטענדיג אומעטיג, שטענדיג פאַרטראַכט, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגען, די אויגען אַרונטער... און איינמאָל ביי אַ שמונה־עשרה, ביי אַ פראָסטער וואָכעדיגער שמונה־עשרה, האָט מיין פאָטער מיך „געכאַפּט" ווי איך וויין... וואָרט ביי וואָרט האָב איך געצעהלט די ווערטער פון דער שמונה־עשרה, מלי־במלי, און טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון די אויגען פּונקט דאָס זאָל זיין אַ שטייגער אַן ערב־יום־כפור...

מיין פאָטער האָט זיך באַלד גענומען צו אַן אויספאָרשונג... ער האָט גלייך אָנגעהויבען מאַכען גרינדליכע אונטערזוכונגען, וואָס מיר אינגלאַך טוען אין די נעכט, וואָס מיר זיינען אויף אין קלויז, און ער האָט באַלד „ענטדעקט" אונזער גאַנצע פאַרבאָרגענע „כתה" בעלי־תשובות"...

ניט מיט געוואלד און ניט מיט שטראָף, נאָר מיט זעהר קלאָרע און קלוגע רייד האָט מיין פאָטער זכרונו לברכה אונז אויפגעעפענט די אויגען און אויפגעקלערט אויף אַנזער פאַלשען

וועג, וואָס מיר געהען. אפילו גרויסע מענשען, האָט ער אונז דערצעהלט, האָבען געפּרואווט געהן אויף אזא וועג און זיינען נכשל געוואָרען — „הרבה בחנו ולא עלתה בידם" — אפילו די גרויסע תנאים, די „ארבעה שנכנסו לפרדס", די פיער וואָס זיינען אריינגעגאנגען אין'ם פאַרבאָטענעם גאָרטען, איז אויך נאָר איינער פון זיי דער גרויסער ר' עקיבא, ארוים בשלום...

פאַר אונז, אינגלאך, איז דאָס אודאי א מסוכנער וועג, א פאַלשער, און מעהר פון אלעם א נאַרישער.

לאַנג איז ער געשטאַנען פאַר אונז און גערעדט, ברענגענדיג ראיות פונם תלמוד און פון'ם מדרש און צום סוף פון זיינע קלוגע רייד, וועלכע זיינען אריין טיף אין אנזער הארצען, האָט ער פאַרענדיגט מיט די ווערטער: לא זו הדרך!

און זיין „לא זו הדרך" האָט געווירקט, אונזער גאַנצע „כתה בעלי־תשובות" איז זיך דאַן צוגאַנגען און צונישט געוואָרען...

„לא זו הדרך" נומער צוויי.

נאָכ'ן ערשטען „לא זו הדרך" האָב איך באַלד, פאַרשטעהט זיך, זיך אָוועקגענומען אויף גאָר אַן אַנדער וועג, און ווי דער שטייגער איז — פּונקט צום עקסטרעם.

קיין חצות האָב איך שוין, נאַטירליך, ניט אָפּגעריכט מעהר... ביי די שמונה עשרה'ס האָב איך שוין מעהר קיין טרעהרען ניט פאַרגאָסען... ביסלאַכוויז פלעג איך אַלעמאָל אָפּטער גאָר איינגאַנצען פאַרפעלען צו דאַווענען אַ מנחה אָדער אַ מעריב... ס'פאַרשטעהט זיך, אַז צום „אין דער פריה", שחרית הייסט עס — האָב איך נאָך אַזוי גיך ניט געסמייעט זיך צוצוריהרען... עפּעס אַ קליינינקייט, תפילין? „קרקפתה דלא מונח תפילין"... האָב איך דאָך נאָך גוט געדענקט פון'ם ראשית־חכמה די שוידערליכע מעשה ווי ע"פּי מקרה האָט מען אַמאָל אויפגעדעקט דעם קבר פון אַן אַפּיקורס, וואָס האָט קיין תפילין ניט געלייגט, און מען האָט געפונען דאָרט אַרום זיין לינקער האַנט אַ גרויסע שלאַנג אַרומ־געוויקעלט, פּונקט אַזוי ווי — רצועות פון תפילין... אַזוי גיך האָט זיך דאָס נאָך ניט פאַרגעסען...

שפּעטער אָבער איז אויך יענער טאָג געקומען, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל פאַרפעלט שוין אַפילו לייגען תפילין... אמת, יענער טאָג איז געווען פאַר מיר אַ שווערער... דאָס האַרץ האָט אַביסעל געקלאַפּט, געדאַנקען האָבען געדריקט... אָבער דאָס איז געווען נאָר דעם ערשטען טאָג... שפּעטער איז דאָס גע־וואָרען ביי מיר אַ געוואוינהייט... וואָרום אין יענער צייט האָב איך באַלד אָנגעהויבען לייענען „ספרים חצוניים". איך האָב באַלד זיך אַרויפגעוואָרפען מיט גרויס הונגער און געשלונגען די

ביכער פון מאפו, סמאָלענסקי, ליליענבלום און אַנדערע... איך האָב זיך דאַן באַקענט מיט די טיפען פון יענע פרומע היפּאָקריטען, וואָס ווערען געמאָלען אין „עיט־צבוע", „שמחת־חנף", „קבורת־חמור" און „חטאות־נעורים", וועלכע האָבען ארויסגערופען אין מיין יונגער נשמה אַ טיפען עקעל צו זיי.... איך האָב אָנגעהויבען האסען דעם פרומען אידען.. די אַלע פרומע אידען פון דער קלויז זיינען געוואָרען אין מיינע אויגען „פינסטערלינגע", אומוויסענדע בהמות, וואָס האָט ניט דערגרייכט צו זיי קיין שטראהל פון ליכט, פון בילדונג, פון השכלה און פון פרייהייט.

דאָס ערשטע, וואָס איך האָב געוואגט צו טהאָן און וואָס האָט טאַקי באמת דאַמאָלס אויפגערודערט די גאַנצע קלויז, איז געווען, וואָס איך האָב פאַרקירצט מיינע פאות... איך געדענק נאָך עד היום מיין שבת־אין־דערפריה'דיגען אריינגאַנג אין קלויז מיט די אונטערגעקירצטע פאות, ווי אַלעמענס אויגען זיינען ארויפגעפאַלען אויף מיר, און דוד דער יתום האָט אריבערגעוואָרפען אַ פּאָר קעצישע אויגען איבער די ברילען און, מורמלענדיג מיט די ליפען, געקוקט אויף מיר, וואָס דאָס האָט געהייסען: „דער הפקר מענש וועט זיך נאָך שפּעטער שמד'ען אויך דחמנא לצלן"...

איינמאָל געדענק איך, האָב איך מיט מיינע פאות שוין גאָר איבערגעכאַפּט די מאָס... דהיינו? איך האָב איינמאָל אין אַ פרייטאג איינפאך אינגאַנצען ארונטערגענומען די פאות, אָבער טאַקע אינגאַנצען ביז גאָר. איך האָב אַליין ניט געמיינט אַזוי פיעל דאָס טהאָן, אָבער עס איז שוין געווען אָפּגעטאָן און פאַרפאַלען...

וואָס טוט מען? ווי אַזוי קומט מען שבת אין קלויז אריין דאַוונען? דאָס, האָב איך געוואוסט, וואָלט שוין אָנגעמאַכט אַ חושך אין קלויז... גאָט ווייסט וואָס וואָלט געווען, אַ קליינינקייט, אינגאַנצען אָהן פאות!... אַן אמת'ער גוי, אַ משומד...

ס'גמרא קעפּעל פּאַלט אָבער אויף אַן עצה... הויבט מיר אַן

שטאַרק וועה טהאָן די ציין און איך מוז אַרומגעהן מיט אַ פאַטשיילע אַרומגעבונדען די באַקען אַ גאַנצען שבת...

שפּעטער בין איך נאָך אַוועק ווייטער. איך האָב אונטער־געקירצט די קאַפּאָטע אויך און די פאות האָב איך שוין קיינמאָל ניט געלאָזט צוריק אויפוואַקסען.. און בין געוואָרען ווי מ'פלעגט דאָס דאַמאָלס אָנרופען, אַן „אַריסטאָקראַט"...

אין קלויז האָט מען מיך מפקיר געווען. און ווען איך פלעג אַהין אַריינקומען, שוין, נאַטירליך, זעלטענער ווי פריהער, פלעגט מען קוקען אויף מיר ווי אויף אַ „פרעמדען". אַנדערע האָבען מיך טאַקע אַמאָל, מיט אַ שטאָך, אָנגערופען „אחר", ד. ה., אַנאַנדערער, אַ פרעמדער, — אַ צונעמעניש צו אַ תנא וואָס איז אַמאָל אַראָפּ פון'ם וועג נאָך בימי התלמוד...

ענדליך בין איך פון דער קלויז אינגאַנצען אַוועק. איך האָב אָנגעהויבען לערנען אין דערהיים. איך האָב זיך גענומען פלייסיג צו ערלערנען דקדוק לשון עברי רוסיש מיט דער גראַמאַטיק, געאָגראַפיע און אַלגעברא.

דאַן האָב איך זיך באַקענט און באַפריינדעט מיט אַ בחור'ל, אַ געענדיגטען די רוסישע אוטשילישטשע, און וועלכער האָט זיך געגרייט אויך צו ענדיגען גימנאַזיע. אַ שעהנער בחורל מיט גרויסע בלויע אויגען, אַן אמת'ער „אַריסטאָקראַט" שוין ניט מיט קיין קאַפּאָטקעלע, נאָר מיט אַ קורץ רעקעל און אַ היטעל מיט אַ גלאַנציגען קאָזיראָק, פּונקט ווי אַ פּאַניטש.... ריידען פלעגט ער מעהרסטענס נאָר רוסיש און האָט זיך גערופען לאַזאַר אַראָנאָוויטש גרינבערג...

די באַקאַנטשאַפט מיט דעם בחור האָט מיך געבראַכט נעע־העטער צו דער רוסישער שפּראַך און צו דער רוסישער ליטע־ראַטור און פּאָעזיע.

ער האָט מיך אויך איינמאָל באַקענט מיט זיין שוועסטערל, אויך אַ געענדיגטע די רוסישע אוטשילישטשע, און אויך מיט צוויי שעהנע גרויסע בלויע אויגען. זיין שוועסטערל, שוין אַ

באַרישנע, האָט דאַמאָלס אויסגעשטרעקט צו מיר איהר האַנט און גערעדט צו מיר רוסיש...

דאַן האָב איך שטאַרק מקנא געווען גרינבערג'ען זיין קורץ רעקעל און פּריצישען היטעל, מיט'ן גלאַנצענדיגען קאַזיראָק. דאָס זיינען אָבער געווען זאַכען, וועלכע איך האָב ביי אונז אין הויז שוין ניט געקענט דאָקאַזשען... אַזעלכעס, נאַטירליך, האָב איך אפילו אויפ'ן מויל ניט געטאָרט אַרויפּברענגען...

דערפאַר אָבער האָב איך באַלד אָנגעהויבען זוכען פאַר מיר א קריסטליכען נאָמען... איך האָב זיך פּשוט געשעמט פאַר מיין טאָוואַרישץ, לאַזאַר אַראָנאָוויטש, פאַר זיין שוועסטער און אפילו פאַר זיך אַליין, מיט מיין אידישען נאָמען „פּנחס"... איך האָב שוין דאַן געהאַט אויסגעלערענט אינגאַנצען די רוסישע גראַמאַ־טיקע און שוין געליינט פּושקין און לערמאָנטאָוו און זיך גע'חבר'ט מיט א גימנאַזיסט, און אפילו מיט א גימנאַזיסטקע, און זאָל נאָך הייסען „פּנחס"... דאָס איז דאָך איינפאַך א שאַנדע! איך האָב ניט לאַנג געזוכט און האָב אויסגעפונען, אז מיין נאָמען דאַרף זיין, שוין ניט מעהר דער אידישער פאַרצייטיגער נאָמען פּנחס, נאָר „אַפאַנאַסי"... און אזוי טאַקע האָב איך זיך גלייך אָנגעהויבען רופען: „אַפאַנאַסי מאָיסעיעוויטש"...

ווען איך שרייב יעצט די עראינערונגען פון יענער צייט, ווען איך פּרואוו יעצט אַרויסשיילען איינצעלהייטען פון יענע איבערלעבונגען, קען איך ניט פאַרשטעהן יענעם לעכערליכען פּאַראַדאָקס, יענעם ביז גאָר קאָמישען אבסורד, וואָס יענע צייט האָט אַרויסגעבראַכט אין דער אידיש־רוסישער יוגענד... א אידיש בחור'ל מיט א קאַפּאָטקעלע, אַן אויסגעווייקט פון דער קלויז און פון דער גמרא, ערשט פון'ם חצות אָוועק, פון'ם תהילים און פון'ם זוהר — טוט זיך א נעהם צו השכלה, לייענט איבער עטליכע רסישע ביכלאַך, לערענט אויס קירפּיטשניקאָוו'ס גראַמאַ־טיקע און... שוין אַרונטער מיט'ן אידישען נאָמען; שוין זיך

געשעמט מיט׳ן אידישען „פנחס“, נאָר „אפאנאסי“, „אפאנאסי מאָיסעיעוויטש“!....

איז דאָס געווען א נאטירליכקייט, א רעאקציע, פון איין עקסטרעם צו א צווייטען, אָדער ווייל עס האָט דאמאָלס געפעלט דער נאציאָנאלער גייסט ביים גאנצען אידישען פאָלק; אָפּגעשטאָרבען דער נאציאָנאלער שטאָלץ?

דער ציוניסטישער געפיהל איז נאָך געווען טיף באגראָבען אין די געדערים פון׳ם פאָלק. — נאָך איידער זיין ארויסגעהן אויף דער ליכטיגער וועלט, און דאָס פאָלק, ארויסרייסענדיג זיך פון רעליגיעזען אבערגלויבען, איז דאן געבליבען אָהן אן אייגענעם אידעאל אין לעבען און האָט אנגעהויבען בלאָנדזשען, זיך אָנהענגען אין פרעמדע אידעאלען און אין פרעמדע געטער. אונזערע שריפטשטעלער און דיכטער האָבען דאן אָפּגעלאכט פון אידישע מנהגים און גע׳חוזק׳ט פון אידישער טראדיציע. האָט דאָך דער גרעסטער משורר פון יענער צייט געהייסען זיך באהאלטען מיט אידישקייט ביי זיך אין געצעלט, און אויף דער גאס, חלילה וחס, זיך קיינמאָל ניט באווייזען אלס איד... „הוי יהודי באוהלך ואדם בצאתך!“... איז דאן געווען יל״ג׳ס מאָטאָ...

אָה! ווי נידעריג, ווי געפאלען איז דאמאָלס געווען די אידישע נשמה! דער איד האָט זיך אליין פיינט געהאט, געוואָלט אנטלויפען פון זיך אליין... נאָר נאָכגעהן אנדערע, נאָכטאנצען פרעמדע...

די יוגענט איז גאָר געקראָכען אויף גלייכע ווענט. האָט מען נאָר איבערגעלייענט א פאָר רוסישע ביכלאך, האָט מען שוין געלאכט פון דער מאמע׳ס ליכט-בענשען; האָט מען שוין ניט געקענט זיצען שבת אין דער פריה מיט׳ן טאטען ביים טיש, און ניט געקענט פארליידען דעם ריח פון דער פעציא מיט׳ן קוגעל; האָט מען געהאסט אלעס וואָס איז אידיש און ליעב באקומען אלעס וואָס איז קריסטליך — איז דער אידישער נאָמען געוואָרען מיאוס און דער קריסטליכער שעהן און ליעב...

און אַט אין יענע טעג זיינען דאָס אָנגעקומען די ערשטע אויסברוכען פון פאָגראָמען און, ווי באַוואוסט, שוין פון׳ם ערשטען קלאַפּ אָן האָט דאָס פאָלק ישראל אָנגעהויבען צו ביסלאַך עפענען די אויגען... אונזערע שרייבער האָבען אָנגעהויבען קירעווען זייערע פעדערען אין אַן אַנדער ריכטונג. סמאָלענסקי איז דאַמאָלס אַרוים אין זיין „השחר" מיט אַ ברענענדיג אַרטיקעל „עת-לטעת" — שוין צייט צו פלאַנצען. ליליענבלום האָט אָנגעשריבען זיין „לאומיות והתבוללת" — נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע... און דער זעלבער משורר, וואָס האָט פריהער אין זיין סאַרקאַסטישען „קוצו של יוד" און אין די מעהרסטע פון זיינע שירים געהאַט נאָר שפּאָט-ווערטער און פאַראַכטונג צו אידישע מנהגים און אידישע טראַדיציעס, האָט אויך אָנגעהויבען גאָר אַנדערש צו זינ־גען — נייע צייטען — נייע לידער! ער האָט דערזעהן וואָס פאַר אַ דור עס וואַקסט און ער פרעגט זיך: „למי אני עמל" — פאַר וועמען מיה איך זיך? זעהענדיג ווי די יונגענד געהט אַוועק פון אידישקייט, שרייט ער אויס אין פאַרצווייפלונג: „מי יודע אם לא אחרון במשוררים הנני!" — ווער ווייסט צי בין איך ניט דער לעצטער אידישער דיכטער!...

אַט אין יענער צייט, אין יענע על־פרשת־דרכים־טעג האָב איך ווידער אין מיין ׳לעבען זיך באַגעגענט מיט אַ „לא זו הדרך!" און ווידער איז דאָס געווען מיין פאָטער ז"ל דער ערשטער, וואָס האָט מיר געעפענט די אויגען און מיר אָנגעציינט, אַז איך געה אויף אַ פאַלשען וועג...

מיין פאָטער, כאָטש ער האָט געזעהען ווי איך בין אימער באַשעפטיגט מיט רוסישע ביכער, וואָס עס האָט איהם דווקא הנאה געטאָן. רוסיש קומט צוניץ. פון אַ רוסישען אַדרעס שמועסט מען ניט. נאָר טאַקע אַמאָל אַ בריעף אָנשרייבען אָדער אַ טעלעגראַמע. האָב איך טאַקע איינמאָל פאַר איהם אָנגעשריבען אַ רוסישען בריעף צו „סאַווא מאַראָזאָוו" קיין מאָסקווע! און אַז מען האָט געדאַרפט איינמאָל, שוין עטליכע טעג פאַר סכות,

„קלאפּען אַ דעפּעשע" מען זאָל וואָס גיכער אַרויסשיקען די געקויפטע אתרוגים פאַר דער קלויז, איז מען דאָך אויך געקומען צו מיר... דאָס האָט מיין פאָטער געוואוסט און איז אפילו געווען שטאָלץ מיט מיין קענען רוסיש... דאָך האָט ער ווייניג געוואוסט מיינע געדאַנקען, און האָט דעריבער קיינמאָל ניט חושד געווען אַז איך זאָל אַזעלכעס טאָן ווי פאַרבייטען מיין אידישען נאָמען אויף אַ גויאישען...

האָט זיך איינמאָל געמאַכט אַ צופאַל, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מיין פאָטער זאָל זיך דערפון דערוויסען.

איך האָב איינמאָל אָװעקגעשיקט אַ בריעף קיין פּעטערבורג צו דער „חברה מפיצי השכלה" און געבעטען זיי זאָלען מיר צושיקען ביכער צום לייענען פאַר מיר און פאַר מיינע חברים אין אונזער שטעדטעל, און גע'חתמ'עט האָב איך מיין בריעף, פאַרשטעהט זיך, מיט מיין נייעם נאָמען: „אַפאַנאַסי מאַיסעיעוויטש פּוטשקאָוו". ווי דען אַנדערש?...

אין אַ צייט אַרום ברענגט אַריין דער „פּאָטשטאַליאָן" צום טאַטען אין קלייט „אַ פּאָוועסטקע", אַז אין דער פּאָסט איז אָנגעקומען פון פּעטערבורג אַ געפּעק אויפ'ן נאָמען פון אַפאַנאַסי פּוטשקאָוו. מיין פאָטער, נאַטירליך, האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט צו אונז, ווייל ביי אונז איז ניטאָ אַזאַ נאָמען ווי „אַפאַנאַסי" — דאָס איז דאָך אַ גויאישער נאָמען — און חוץ לזה — וואָס האָבען מיר עפּעס צו טאָן מיט פּעטערבורג?... געווים איז ערגעץ פאַראַן צווישען די פּריצים אַזעלכער מיט אַזאַ נאָמען... און ער האָט דאָס געזאָגט צום בריעף־טרעגער.

מיט אַ צייט שפּעטער איז מען ווידער פון דער פּאָסט געקומען אין קלייט אַריין און מען פרעגט זיך אַלץ פאַר „אַפאַ־נאַסי פּוטשקאָוו". אָבער מיין פאָטער האָט ווידער דאָס זעלבע אָפּגעענטפערט, אַז דאָ וואוינען אידען און קיין „אַפאַנאַסי" איז דאָ ניט פאַראַן...

איך האָב דערוויל די גאַנצע צייט ערוואַרטעט עפּעס אַ

ידיעה פון פעטערבורג, אַן ענטפער אויף מיין בריעף, ביז איך האָב אָנגעפאַנגען זיך צו דערפרעגען אין שטוב און אין קלייט צי עס איז עפּעס ניט אָנגעקומען פון פעטערבורג, און דערצעהלט, אַז איך ערוואַרטע אַ פּאַק ביכער פון פעטערבורג...

דאָ האָט זיך מיין פאָטער אָנגעהויבען זיך עפּעס אָנצור־שטויסען... ער האָט באַלד אָנגעהויבען זיך דערפרעגען ביי מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ געפּעק פון פעטערבורג און ווער איז דער אפאַנאַסי...

דער גאַנצער ענין איז דאַן ענטדעקט געוואָרען... און מיין פאָטער איז דאַמאָלס געוועזן אויסער זיך פון ערשטוינונג... אָבער אויך יעצט, פונקט ווי אַמאָל, האָט ער מיט זיינע קלוגע און שכל'דיגע רייד מיר אָנגעוויזען, אַז איך געה ניט אויפ'ן ריכטיגען וועג, אַז דאָס איז „לא זו הדרך“...

—ווי שעהן און ווי פיין — האָט ער געזאָגט, — איז דער נאָמען פּנחס! און פון וואָס פאַר אַ יחוס דער נאָמען שטאַמט!... פּנחס, דער זוהן פון אלעזר, דער זוהן פון אהרון הכהן! פרשה פּנחס! אַ קלייניגקייט! כמעט די שעהנסטע סדרה אין דער תורה!... ווי אַ גוט צימעסעל ווערט דאָך די פרשה פּנחס צוטיכערט אויף שטיקעלעך פאַר יום־טוב'דיגע מפטירים... הײנט „פּנחס זה אליהו“ זאָגט די גמרא — פּנחס איז אליהו הנביא, און ער וועט דאָך אַמאָל זיין דער אמת'ער מבשר, וואָס וועט אַמאָל אָנזאָגען די גרויסע בשורה צו אַלע אידען, אַז עס איז שוין געקומען דער סוף צום גלות... און ר' פּנחס בן יאיר פון דער גמרא?! אפילו זיין אייזעל האָט דאָך געהאַט אַ שם... „חמריה דר' פּנחס“!... נו, און דער גרויסער ר' פּנחס קאָרעצ'ער מיט זיין ספר מדרש פּנחס!... אָבער ווער איז אפאַנאַסי? עשו! עמלק'ס אַן אייניקעל! האָב איך גאָר פאַרגעסען ווי מען האָט אונז אָנגעזאָגט „מחה תמחה זכר עמלק!“ — אָפּגע־מעקט זאָל ווערען זיין נאָמען...

זיינע ווערטער, וואָס זיינען גערעדט געוואָרען זעהר פריינד־

ליך און לאַגיש, זיינען אַריין טיעף אין מיין הארצען. איך האָב דאַמאָלס געעפענט די אויגען. איך האָב זיך באַלד אומגעקערט צוריק צו מיין נאָמען פנחס. איך האָב אָנגעהויבען לייענען מעהרער אונזער נייע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור. איך האָב אָנגע־הויבען זיך אינטערעסירען מיט דער נייער רענעסאַנס באַוועגונג פון חבת־ציון, האָב אָנגעהויבען ליעב האָבען און שטאָלצירען מיט „ציון“, ביז צו היינטיגען טאָג, און דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען נאָר מיין פאָטער, זכרונו לברכה, וועלכער האָט מיר אין יענעם טאָג ווידער אָנגעוויזען אַז איך בין ניט אויפ׳ן ריכ־טיגען וועג, אַז דאָס איז „לא זו הדרך“...

„לא זו הדרך" נומער דריי.

ביי דעם „לא זו הדרך" בין איך שוין געווען, אזוי צו זאגען, דער סוביעקט, דער „נושא המאמר"... איך בין געווען דער יעניגער וואס האָט געטאָן די ארבייט... איך בין געווען דער וועג־ווייזער, איך האָב מיט מיין אומאויפהערליכער, אומ־ערמידליכער, שטענדיגער ווארנונג „לא זו הדרך" גערעטעוועט א פארבלאָנדזשעטע, שיער ניט פארלוירענע נשמה, און גע־דענקענדיג די ווערטער פון אונזערע קלוגע: „כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קים עולם מלא" — „ווער סע דערהאַלט איין אידישע נשמה איז גלייך ווי ער דערהאַלט די גאנצע וועלט"... בין איך און וועל אימער בלייבען א פיל צופרידענער מיט מיין יענער שווערער ארבייט, וועלכע האָט זיך געצויגען א רייהע מיט יאהרען פון שרייבען און פון רעדען. השכם ודבר, דער־מאָנען און ווארנען יעדעס מאָל מיט „לא זו הדרך"! און וועל־כעס האָט זיך געענדיגט פאר מיר מיט א גרויסען ערפאָלג...

דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע עראײנערונגען פון מיין לעבען, וועלכע וועט געווים זיין אינטערעסאנט דעם לעזער דער־מיט וואס דאָס דערצעהלטע וועט כאראקטעריזירען א טיפ פון א בלאָנדזענדע נשמה, פון התועה בדרכי החיים, וועלכע איז גע־ווען פארקראָכען אויף א וועג פון דערנער און דאָך געקומען צוריק אויפ'ן גלייכען וועג... און אין דערזעלבער צייט וועט אויך טיילווייז כאראקטעריזירט ווערען איין אלגעמיינער טיפ פון די ערשטע רוסיש־אידישע עמיגראנטען וועלכע זיינען ארי־בערגעקומען קיין אמעריקא נאָך אין די 80־ער יארען און אָנ־

פאנג פונ׳ם גרויסען עמיגראציאנס־שטראם אינ׳ם לאנד פון גלייכהייט און פרייהייט. די ענדערונג אין זייער נייעם לעבען, און דער איינפלוס פון דער נייער גזעלשאפטליכער, פאליטיש־עקאנאמישער סביבה אויף זייערע געפיהלען, געדאנקען און גלויבען.

דאס איז געווען ניט קיין אנדערער, נאר מיין ברודער שלום, מיין אייגענער ברודער, דער עלטסטער פון אונזערע אלע פיער ברידער. עלטער פון מיר מיט וואסערע אכט־ניין יאהר, איז ער ביים טאטען אין הויז פאר מיר אימער געווען דער „אחיו הגדול“, אויף וועלכען דער תלמוד ווייזט אן אז ער דארף רעספעקטירט ווערען באגלייך מיט פאטער און מוטער, אבער אויסער דעם האב איך אויך געוואוסט צו שעצען אין איהם זיין ברייטע ידיעה אין תלמוד און אגודה און מעהר פון אלעם זיין השכלה... ווייל ווען איך האב, אזוי צו זאגען, ערשט אנגעהויבען אריינטרעטען אינ׳ם פרדס פון השכלה איז ער שוין געווען דארטען א היימישער אבן־בית. מאפו, סמאלענסקי, גארדאן און ברוידאס און אזעלכע ווי יצחק בער לעווינסאן וכדומה האט ער שוין לאנג געהאט איבערגעלעזען. ער איז אויך געווען פון די ערשטע משכילים אין שטאדט, וואס האט „אויסגעשריבען“ דעם „המליץ“. אמאל האט זיך געמאכט, אז ער האט אפילו אליין אריינגעשריבען א קארעספאנדענץ אינ׳ם „המליץ“. דאס איז געווען וועגען א מחלוקת ביי אונז אין קלויז. מען האט איינעם אויפגערופען צו דער תורה „רביעי“ (ניט אזא בכבוד׳ע עליה ווי, למשל, כהן שלישי אדער שישי...), האט יענער געמאכט א גוואלד, סטייטש, אזא בזיון איהם אנטאן!... וואס איז ער עפעס, א הינט־שלעגער, צי א רוצח נפשות? און האט, פארשטעהט זיך, דער־ביי אריינגעהאקט דעם גבאי עטליכע מאל אין טאטען אריין... די באלעבאטים פון דער קלויז אבער האבען זיך אנגענומען פאר׳ן גבאי און מען האט דעם רביעי׳ניק ארויסגעשלעפט פון דער קלויז און ארויסגעווארפען...

דאָס האָט דער ברודער באשריבען אינ'ם „המליץ" מיט שעהנע מליצה־ווערטער, פארבראָקט מיט א פּאָר פסוקים פון תנ"ך און גע'חתמ'עט זיין נאָמען. איך האָב, פארשטעהט זיך, דאמאלס איהם שטארק מקנא געווען אויף דעם און באקומען פאר איהם דערפאר נאָך מעהר דרך ארץ... דאן בין איך אונ־טערגעוואקסען. איך האָב איהם אָנגעיאָגט אין דער העברע־אישער שפּראַך און אין אַלגעמיינער השכלה און מיר פלעגען זיך אימער טיילען מיט אונזערע מיינונגען און איינדריקע פון אַלעם וואָס מיר האָבען געלעזען.

יענע צייט, די אכציגער יאָהרען, איז געווען, ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין מיינע פריהריגע קאפּיטלאך, זעהר א קריי־טישער מאָמענט אינ'ם רוסישען יודענטום, דאמאלס דער רוב מנין ורוב בנין פונ'ם גאנצען אידישען פאָלק. עס איז געווען, קען מען עס אָנרופען, „תקופת־ההרוסה", „צערשטערונגס־פּעריאָ־דע"... דאָס אידישע לעבען איז געווען ליידיג, אָהן א שום אי־דעאַל... די שווערע משא פון רעליגיאָן מיט אבערגלויבען האָט די אידישע יוגענד אָנגעהויבען ארונטערוואַרפען פון זיך... אינ'ם קאמף פון הדת והחיים האָט דער חיים געזיגט... דער נאציאָ־נאלער באוואוסטזיין האָט נאָך דאמאלס אינגאנצען געפעהלט... עס איז נאָך געווען וויים פאר מתן־תורה, פאר דער ציוניסטישער תורה וואָס דר. הערצעל האָט שפּעטער מיט יאהרען פּראָקלאמירט אויפ'ן באזעלער בארג סיני... וועלכע האָט שפּעטער צוריק אויפגעלעבט דאָס אידישע פאָלק ווי א תורת־חיים...

אין יענער צייט האָט, ווי באוואוסט, זיך אויך אָנגעפאנגען די גרויסע עמיגראציע פון די רוסישע אידען נאָך די פאר־אייניגטע שטאטען. און צווישען יענע עמיגראנטען איז אויך געווען מיין ברודער שלום מיט זיין פרוי און דריי קינדער. קיין אמעריקאנער אָרגאניזירטעס אידענטום איז נאָך דאמאלס, פאר־שטייט זיך, ניט געווען. דער עמיגראנט איז באלד פון עליס־איילענד אריין אין שאפּ און איז פארזונקען געווארען ביי דער

מאשין און ביי העמדעל און הויזען... זיין אידעאל און זיין גאנצע נשמה איז געווען קאָנצענטרירט אין איין זאך, אין א גרעסערען „פעי־ענוועלאָפּ“... דער סאָציאַליזם איז געווען דער איינציגער גאָט צו וועלכען ער האָט געדינט און דער קלאסענקאמף זיין תורה...

עקאָנאָמיש פארשקלאפט — אָבער פּאָליטיש באפרייט... און צוזאמען מיט דער פּאָליטישער פרייהייט וואס מען האָט דאָ אָנגעהויבען איינאָטעמען, איז מען געווארען פריי לגמרי ביז צום עקסטרעם... איש כל הישר בעיניו יעשה, ווי יעדער האָט גע־וואָלט אזוי האָט ער געטאָן... די פרייהייט איז געגאנגען ביז צו הפקירות... דער עקאָנאָמישער שקלאף — ווען ארויס פון שאפּ, האָט אויף זיך קיין צוים שוין מער ניט געוואָלט האלטען... „עבדה בהפקירא ניחא ליה“... אידישקייט, אין וועלכען זין און פאָרמע איהר ווילט, איז געטראטען געווארען מיט די פיס... יום כפור פונקט צו כל נדרי האָט מען געפראוועט בעלער און זיך אויסגעלאכט פונ׳ם גאנצען אידישען פאָלק מיט זיינע נאציא־נאלע הייליגטימער...

שוין פון די ערשטע בריף וואס איך האָב ערהאלטען פון ניו יארק פון מיין ברודער שלום האָט זיך באלד דערהערט אַן אנדער טאָן אין זיי... ערשטענס איז די שפראך שוין ניט גע־ווען העברעאיש נאָר זאשרגאָן (דאמאלס האָט דאָס נאָך קיינער ניט גערופען „אידיש“), מיט מינים אמעריקאנער ווערטער, כאָטש יעדעם מאָל צווישען צוויי האלבע לבנה׳ס פארטייטשט, אָבער מען האָט דאָך זיך געקענט צוברעכען די ציין זיי לייענענדיג... אויסער דעם איז יעדער בריף געווען פול מיט פרעמדע געדאנקען, אזעלכע וואס האָבען זיך גאָר ניט געקלעפּט צום מח און צום הארץ... אויף מיינע בריף צו איהם, געשריבען אין העברעאיש, אין וועלכע איך פלעג איהם דערצעהלען וועגען פּראָגרעס פונ׳ם נייעם נאציאנאַלען געדאנק, וואס האָט ארומגעכאפּט ביי אונז די אידישע יוגענד און דעם גרויסען פּאָרטשריט פון דער ציון

באַוועגונג, פלעגט ער ענטפערען מיט שפּאַט און מיט אַ פון־אויבען־אַראָפּ׳עדיגען בליק אויף מיינע שמאָלע און פאַרשימעלטע וועלט אַנשויאונגען. ארץ ישראל און ציוניזם איז געווען ביי איהם אַן אוטאָפּיע, די העברעאישע שפּראַך און אידישע טראַדי־ציעס זיינען געווען ביי איהם אַלטע, אָפּגעלעבטע זאַכען, וועל־כע טויגען צו גאָר נישט, סיידען אויף בראָך...

קאַרל מאַרקס איז דער מאָדערנער משה רבינו און דער קלאַסען־קאַמף איז זיין תורה!...

עס האָט ניט געהאָלפען מיינע טענות וואָס איך פלעג אוועק־לייגען אין מיינע בריף, אַז אויב אַרבייטען און קעמפפען מיט דער גאַנצער מענשהייט פאַר׳ן סאָציאַלען געדאַנק, דאַרף דאָס אידישע פאָלק פריער ווערען מיט לייטען גלייך, ווערען אַ פאָלק גלייך מיט אַלע פעלקער און נאָכהער ערשט זיך אַריינשטעלען אין די רייהען פון די קעמפּענדע, ווייל אויב ניט זיינען מיר נאָר אַ שטערונג, אַן אבן נגף צווישען די פעלקער, ווייל זיי באַ־טראַכטען אונז פאַר ניט זייער גלייכען, א. ז. וו., א. ז. וו. און איך פלעג זיך בעטען ביים ברודער: „לא תסורו אחרי אלהים אחרים״, ער זאָל זיך ניט אוועקקירעווען נאָך אַנדערע געטער, אַז אונזער גאָט און אונזער תורה איז אפילו סאָציאַליסטיש מעהר און אמת׳ער, ווי אַנדערע, און אַז זיין וועג אויף וועלכען ער געהט, איז ניט דער ריכטיגער, אַז עס איז לא זו הדרך!...

מיט יאָהרען שפּעטער האָט מיך דער שיקזאַל אויך געבראַכט קיין אַמעריקאַ. און פונ׳ם ערשטען טאָג פון מיין באַגעגעניש מיט׳ן ברודער האָט זיך שוין אַנגעפאַנגען די אייביגע פּאָלע־מיק, וואָס צווישען אונז. וואָס ווייטער האָט זיך אונזער ברו־דער־קריג מעהר און מעהר צופלאַקערט... און אונזער שטענדיגע מחלוקת, וועלכע מען האָט געקענט באמת אָנרופען „מחלוקת לשם שמים״, איז אָנגעגאַנגען אימער און אימער יעדעס מאָל ווען מיר האָבען זיך נאָר באַגעגענט, און באַגעגענט האָבען מיר זיך אָפט, ווייל ניט אַכטענדיג אויף אונזערע חילוקי דעות האָ־

בען מיר זיך דאָך ליב געהאַט און רעספּעקטירט איינער דעם צווייטען ביז גאָר. און אַלע מאָל די זעלבע טענות מיט די זעלבע ארגומענטען, — ציוניזם איז רעאַקציע, ער האַלט אָפּ און שטערט דעם פּראָגרעס פון דער ציוויליזאַציע (נאַציאָנאַליזם איז דאָס זעלבע וואָס שאָוויניזם — א מכה פאַר דער גאַנצער מענשהייט) („על הראשונים אנו מצטערים ואתה בא להוסיף“!...) עס פאַר־דריסט אונז אויף די ערשטע, קומסטו נאָך מוסיף זיין!... אַלע מענשען זיינען גלייכע בירגער פונ׳ם ערד־קוגעל און אַלע האָבען איין אַלגעמיינעם שונא — דעם קאַפּיטאַל... מיט איהם דאַרפען מיר אַלע קעמפען א. ז. וו., א. ז. וו. איך, פאַרשטעהט זיך, פלעג אויך ניט האַלטען די ענט פארלייגט. איך האָב געאַרבייט מיט מיין געוועהר זעהר געשיקט, מיט איין האַנט זיך גוט פאַרטיי־דיגט און מיט דער אַנדערער געמאַכט די שטאַרקסטע אטאַקעס...

— אזוי גיך פאַרשווינדען נאָך ניט די נאַציאָנען פון דער וועלט. מיר זיינען פריהער פאַר אַלע געקומען און מיר׳ן שפּעטער פון אַלע אוועקגעהן...

— מציון תצא תורה — פון ציון וועט ארויסגעהן אונזער תורה, אונזער שפּראַך מיט אונזער ליטעראַטור און קולטור, און אַפילו די תורה פון סאָציאַליזם פאַר דער גאַנצער וועלט...

— דער יסוד פון סאָציאַליזם — נאַציאָנאַליזאַציע פונ׳ם ערד־באָדען ווערט שוין געטאָן אין ארץ ישראל דורך אונזער נאַציאָנאַל־פאָנד... ציון וועט זיין, ווי אַמאָל „נס לגוים“, א פאָהן פאַר אַלע פעלקער, ווי צו לעבען אין אמת און אין יושר און אין פריידען עט צעטערא!...

און מיין געוועהר, וועלכער איז באַשטאַנען פון מיין שטאַר־קען גלויבען און טיפער איבערצייגונג אין׳ם אייביגען אמת פון אונזער אידעאַל, וועלכער ברענט ווי א נר תמיד אין האַרץ פון יעדען איד, האָט אָנגעהויבען צו בּיסלאַך גובר זיין... מיין ברוּ־דער האָט אָנגעהויבען אַלעמאָל מעהר זיך צוהערען צו מיינע רייד... ער האָט אָנגעהויבען צוריק לעזען העברעאישע ביכער,

ער האָט אָנגעפאנגען זיך אינטערעסירען מיט דער ציוניסטישער באוועגונג, וועלכע האָט זיך פאר דער צייט געהאלטען אין אנט־וויקלען גאנץ נישקשה'דיג דאָ אין אמעריקא... ער האָט אָנגע־הויבען אָפט באזוכען ציוניסטישע מיטינגען און דער פונק וואָס איז געלעגען ביי מיין ברודער אין הארץ יאָהרען לאנג בא־גראָבען, איז אויפגעפלאקערט געוואָרען... מיין ברודער איז ניט נאָר געוואָרען א נאציאָנאַליסט און א הייסער ציוניסט, ער איז אויך געוואָרען שפעטער אפילו רעליגיעז געשטימט... אין הויז האָט ער זיך אָנגעהויבען פיהרען זעהר אידישלאך. צווישען אַנדערע העברעאישע ספרים, וועלכע ער האָט זעהר דורשטיג געלעזען, האָט ער אויך אָפט ליעב געהאט א קוק געבען אין א מדרש אָדער גאָר אין אש'ם גמרא... ער איז געוואָרען אַן אמת'ער בעל־תשובה...

און שפעטער פלעגט ער ביי יעדער געלעגענהייט דער־צעהלען פאר יעדען איינעם, אז ער האָט צו פארדאנקען זיין ברודער וואָס ער האָט איהם, אזוי צו זאָגען, מחזיר למוטב געווען, וואָס ער האָט יאָהרען לאנג געהאמערט איבער איהם, אז זיין וועג איז א פאַלשער, אז עס איז לא זו הדרך...

וועגען דער גאנצער געשיכטע האָט מיין ברודער איינמאָל געגעבען א פולע באשרייבונג אין אידישען „מאָרגען זשורנאל" (דעם 11טען סעפט., 1925). דאָס איז געווען אַן אמת'ער וידוי־הנפש. דאָרט האָט ער אויך דערצעהלט מיט שטאָלץ וועגען דער ווירקונג פון זיין ברודער'ס גוטע ארבייט אויף איהם...

מיין ברודער איז יעצט שוין א שוכן־עפר. זאָל זיין ריינע, געלייטערטע נשמה רוהען אין גן־עדן אויף אייביג!...

דער אָנפאַנג און דער סוף פון מיין מוזיקאַלישער קאַריערע.

דאָס איז געווען אין מיין פריהסטער יוגענט, ווען איך האָב אָנגעפאנגען אלס אַ משורר ביי אַ חזן און געענדיגט האָב איך... אָבער לאָזט מיך בעסער, איך בעט אייך, דערצעהלען די זאַך פון אָנפאַנג ביז׳ן סוף אלס איינע פון מיינע עראינערונגען, וועלכע איך האָף, וועט אויך אייך, מיינע ליעבע לעזער, עראי־נערען פיעלע מאָמענטען פון אייער אייגענער יוגענט, וואָס איז דאָך, נאָך אַלעמען די אינטערעסאַנטסטע צייט אין׳ם לעבען.

עס איז געווען נאָך ר׳ דוד׳ל,ס דעם אַלטען צדיק׳ס טויט. אַלע חסידים האָבען באַלד דאַן פראָקלאַמירט ר׳ נחום׳צין, זיין דרייצעהניעהריגען אייניקעל, אלס „יורש־עצר“. מען האָט דעם קליינעם צדיק אַוועקגעזעצט פעסט על „כסא דוד“. די מלוכה האָט זיך געפיהרט ווי פריהער און אפשר נאָך שטאַרקער ווי פריהער. חסידים זיינען געקומען מארבע פנות העולם. די „טישען“ זיינען „געפּראַוועט“ געוואָרען כסדר מיט׳ן גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ. ביי יעדען טיש, ווען דער רבי האָט אָפּגע־זאָגט די זמירות, איז באַלד געגאַנגען „אַ טיש ניגון“... און טיש־נגונים זיינען שוין געווען גענוג, כמעט יעדען שבת אַ נייער ניגון. ווייל, אַ קלייניגקייט, וויפיל חזנים עס פלעגען זיך אַי־בערוואַלגערען ביים רבי׳ן אין הויף?!... אויסער די פיער חזנים, וואָס זיינען געווען די שטענדיגע, כמעט די היימישע ביים רבינ׳ס טיש — ערשטענס, יוסעלע טאַלנער, וואָס כאָטש נאָכ׳ן אַלטענ׳ס הסתלקות האָט ער אין טאַלנע ניט געוואָלט בלייבען,

און איז באַלד אוועק קיין ראחמיסטריווקע, פלעגט ער דאָך אָפט קומען אַהער און יעדעס מאָל מיט אַ נייעם ניגון... און יוסעל'ס „אַ טיש־ניגון" ליעגט מיר נאָך יעצט אין טעם מיט זיין מתיקות און האַרציגקייט. זייגע התלהבות'דיגע קולות, וואָס זיינען געווען אימער מיט אַן אַנגענעמער, באַ'חנ'עוודיגער, קוים באַ־מערקענדער הייזעריגקייט, פלעגען ממש איינרייסען וועלטען, עיקר הרים זיין... איהר האָט געהערט אין זיי דעם וועה־געשריי פון'ם אייביג־ליידענדען אידישען פאָלק, און אייער האַרץ פלעגט זיין געריהרט. היינט „אברהם'לע באַלטער", דער שטאָדט־חזן, פון איהם רעדט מען ניט, אין זיינעם אַ ניגון איז שוין געלעגען מנגנות... זיין ניגן פלעגט שוין זיין „צושריבען" און די משוררים פלעגען האַלטען די נאָטען אין די הענט ביים זינגען... ביי איהם פלעגט שוין זיין אַלעס געוואויגען און געמאָסטען... און אַז וועה איז שוין געווען דעם משורר וואָס האָט פאַרפעהלט אפילו אַ זעכצעהנטעל... אברהם דער חזן מיט זיין כאָהר איז געווען פאַרדעכענט ווי אַ ניסי בעלזער נומער צוויי. דאַן פלעגט אָפט אַראָפּקומען שמואל שוואַרצע־טומאה'ר. זיינען אַ טיש ניגון פלעגט זיין זעהר באַליעבט ביים עולם מיט זיינע זאָנדערבאַרע תנועה'לאך, עפּעס גאָר פון אַן אַנדער שניט... איינינגע האָבען דאָס גערופען חבד'סקי, עפּעס ווי אויפ'ן ליובאַוויטשער שטייגער... טאַקע חסידיש־פרום, אָבער שוין מיט אַ ביסעלע עזות... גענוג געהאַלטען אַראָפּגעבויגען דעם קאָפּ... מען דאַרף אַמאָל זיין אַ שגץ אויך... און דער עולם פלעגט פון זיינעם אַ „דרור־יקרא" ממש לעקען די פינגער.

אָבער בעסער פון אַלע איז געווען הערשעל־טולטשינער... ער איז שוין באמת געווען אַ שם דבר! וואָרים ווער האָט ניט געהערט פון הערשעל־טולטשינער? דאָס איז ניט געווען קיין מענשליכע שטימע... אַ פלייט איז געווען זיין האַלז, אַ פידעלע... זענט איהר אַמאָל געווען אין אַ שעהנעם פריהלינג מאָרגען אין אַ געדיכטען וואַלד, וואו אין אייער אויער האָט

אריינגעזונגען דער נאכטיגאל זיין וואלד־סאלא — אט אזעלכעס איז געווען הערשעל־טוטשינער.

ווען הערשעל פלעגט ביים שלש סעודות נאכ'ן רבינ'ס אתקינו סעודתא, זיך אויפשטעלען זינגען, איז געווארען שטיל איבער'ן גאנצען שאלאש, אז קיין דוך האט מען ניט געהערט...

מאטעל דער גבאי, מיט'ן קיילעכיגען בייכעלע, וואס געהט ארום מיט די זאקען איבער'ן לאנגען טיש, אום ארומטיילען שטיקלאך פיש מיט קוילעטש פאר'ן עולם, איז באלד אראפ פון'ם טיש... אויבען אן אין דער בין־השמשות'דיגער פינסטערניש זיצט באהאלטען דער שאקלענדער סילועט פון'ם צדיק בחינת, אל מסתתר בשפריר־חביון — כביכול באהאלט זיך אין באהאל־טענער שעהנקייט... און פון ביידע זייטען „די קינדערלאך", ר' מאיר'ל און ר' יאנקעלע... און באלד האט זיך דערהערט הערשעל'ס צויבער־קול... דאס זיינען געווען געטליכע טענער, הימעלשע קולות... די שכינה אליין, דאכט זיך, האט זיך דא־מאלס איינגעהערט און הנאה געהאט...

זיין טיש־ניגון איז געווען אימער צוזאמענגעשטעלט פון פיער פאלען. דער ערשטער פאל פלעגט זיך זינגען אין א רוהיגען, געלאסענעם טאן. א איד, א שעהנער בעל־הבית, דערצעהלט א מעשה, במתון, פאמעלאך, ניט געכאפט... דברי חכמים בנחת נשמעים... וואס ער איז אויסען? דערמאנט ער נאך ניט... ער האט צייט... ברוך אל' אליון אשר נתן מנוחה. — געלויבט איז דער אויבערשטער, וואס ער האט געגעבען רוה...

דער צווייטער פאל אבער איז שוין מיט התנצלות, מיט טענות... סטייטש... היתכן... און ענדיגט זיך מיט פארדראס... „עד אנה תגיון נפש נאנחה" — ביז וואנען וועט טרויערען די זיפצענדע נשמה?...

קומט אבער באלד דער דריטער פאל און בארוהיגט, מאכט צונישט אלע ספקות מיט אלע קושיות... אדרבה, עס איז גאר גוט אזוי... און אזוי דארף זיין און אלעס וועט זיך אויסלאזען

צום גוטען... השומר שבת הבן עם הבת לאל ירצו כמנחה על מחבת — דער שומר שבת, דער זוהן מיט דער טאָכטער, וועלען צו גאָט באַוויליגט זיין, ווי אַ קרבן אויף דער פייער־פאַן...

ס'איז אָבער נאָך אַלץ ניט אינגאַנצען גוט. עפּעס קוועטשט נאָך... און עס רוקט זיך אָן דער פערטער פּאַל... דער „הויכער פּאַל". דאָ לאָזט מען זיך אַריין אין אַ טיפען און הייסען וויכוח, אָנריהרענדיג זאַכען מיט ענינים העומדים ברומו של עולם, וואָס שטעהען אין דער הויכקייט פון דער וועלט... „רוכב בערבות, מלך עולמים" — דער וואָס רייט אין די מדבריות, דער קיניג פון די וועלטען... און הערשעל איז דאַמאָלס ממש מרעיש עולמות... זיינע קולות גרייכען עד לשמים. אָט צעבליפּעט ער זיך ווי אַ קליין קינד פאַר זיין פאָטער, און אָט לאָזט ער זיך גאָר אַריין אין אַ הייסען שמועס מיט'ן רבונו־של־עולם... דער שאַלאַש איז איינגעהילט אין פינסטערניש און אָנגעפילט מיט אידען... מע שטעהט אויף די קעפּ... וכל העם רואים את הקולות, און דאָס גאַנצע פּאָלק ממש זעהט דאַמאָלס די קולות שוועבענדיג איבער אַלע ש"י עולומות... און הערשעל צולאָזט זיך מיט זיין האַלדז... אָבער סע איז ניט קיין האַלדז... ניין! סע איז אַ פאַנטאַן!... אַ פאַנטאַן, פון וואַנעט סע קוואַלט און שפּריצט מיט בוימעל און מיט האָניג...

דער פיערטער פּאַל ענדיגט זיך און מען קומט ווידער צוריק צום דריטען פּאַל, טאַקי צוריק צום השומר־שבת... און אַלעם גלייכט זיך צוריק אוים... און עס ווערט ווידער גרינג און פריילאַך אויפ'ן האַרצען...

הערשעל דעם חזן'ס טיש־ניגון האָט געשם'ט אויף דער וועלט. ניט יעדער האָט געקענט נאָכזינגען זיינעם אַ ניגון... נאָר געצעהלטע, נאָר טאַקי יחידי־סגולה האָבען דאָס געקענט...

הערשעל דער חזן איז אויך געווען אַ גרויסער מושלם, אַ בעל מדקדק, מיט אַ זעהר גוטען חתוך הדבור. זיין לייענען אין דער תורה און אין דער מגילה האָט געהאַט אַ נאָמען אין

דער וועלט און „ועל כלם איז ער געווען א פארשוין, ממש „קרן עור פניו", זיין פנים האט געשיינט... ער איז געווען דער ליבלינג, דער פייוואריט פון'ם גאנצען הויף. מתנגדים, אדער אזוי שונאים פון'ם הויף פלעגען עפעס מורמלען, אז דעם רבין'ס מאמע, די שעהנע, יונגע אלמנה יוכבד'ל האלט זעהר אפטע און לאנגע שמועסען מיט הערשלען ביז שפעט אין דער נאכט... אבער מאלע וואס שונאים קענען אויסטראכטען!... הערשעל דער חזן איז אויך געווען א ריין צעפקע מענשעלע, אימער מיט א קלאר־וויסען קאלנער, מיט א שעהנעם אטלעסענעם קאפּאטקעלע, מיט שנעע־ווייסע זעקעלאך, און מיט לאקירטע שיכעלאך... אלעס ארום איהם האט געזונגען, אלעס אויף איהם האט געשיינט... די וועלט פלעגט זאגען, אז הערשעל דער חזן, אפילו שעלטען אין טאטען אריין יענעם שעלט ער אויך שעהן...

הערשעל טולטשינער פלעגט אויך זיין דער ימים־נוראים חזן ביים רבין אין בית־מדרש. ער פלעגט שוין קומען גרייט מיט זיינע משוררים נאך עטליכע וואכען פאר ראש השנה. אין הויף איז שוין געווען צוגעגרייט פאר איהם א גאנץ הויז — א פאלאץ באוואקסען מיט בוימער און מיט די שעהנסטע בלומען, די געוועזענע „יוכבדל'ס דירות, מיט טייערע געבעטע מעבעל און מיט באזונדער פאר איהם אליין א משרת...

פון דער קיך האט מען געטראגען מאלצייטען פאר די משוררים און פאר איהם אליין, באזונדער־געקאכטע פאטראוועס, מיט די בעסטע שנאפסען און וויינען. אלע פארנאכט פאר מנחה, נאכ'ן בייטאגעדיגען אפּרוה־דרימעל, האט שוין געווארט אויף איהם דער קוטשער מיט'ן פייעטאן און צוזאמען מיט'ן רבי'ן איז מען געפאהרען אויף א שפאציר אין וואלד אריין. מנחה פלעגט מען שוין דאווענען דארט אין וואלד... מיט הערשעל דעם חזן רעדען א ווארט איז געווען אן עהרע און ניט יעדער

האָט געהאַט די עהרע. צו איהם צוטרעטען איז געווען שווערער ווי אפילו צום רבי'ן אליין...

מיר חברה אינגלאַך האָבען פאַרשטעהט זיך, שטאַרק מקנא געווען די משוררים, וואָס האָבען געזונגען ביי הערשלען... א קליינינגקייט א משורר ביי הערשלען!...

און אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו סליחות, א צייט ווען מען הויבט שוין אָן ווייניגער צו לערנען, פלעגען מיר איבערזיין די טעג מיט די נעכט ביים רבי'ן אין הויף... מיר פלעגען שטיין ביי די פענסטער און הערען ווי הערשל מיט די משוררים מאַכען רעפעטיציע...

איינמאָל האָט מיין ברודער ישראל, וועלכער האָט געהאַט א זעהר שעהן שטימעלע, זיך ארייננעכאַפּט אינוויינינג, און הערשעל האָט איהם פאַרהערט. מיין ברודער ישראל איז זעהר נעפעלען געוואָרען און מיין פאָטער האָט באַלד, נאַטירליך, איהם ערלויבט צו ווערען א משורר ביי הערשלען. ביי קיין אַנדער חזן אודאי ניט, אָבער ביי הערשלען איז גאָר ניט געווען קיין רעדע. אַזא כבוד!

ס'האָט דאַן ניט געדויערט לאַנג און איך בין אויך געוואָרען א משורר ביי הערשלען. ס'פאַרשטייט זיך, קיין געלט, ווי אַנדערע משוררים, האָבען מיר ניט גענומען — באַלעבאַטישע קינדער... וואָס וועט מען זאָגען?... האָט מען אונז געגעבען פּרעזענטען. דער רבי אליין, פון זיין האַנט. ישראל'ן א זיל־בערנעם זייגער. און מיר א טעצעלע מיט א בעכערל. צו מיין פרייד און גליק איז דאַמאָלס קיין ענדע ניט געווען. מיין ברודער ישראל האָט אַזוי אויסגענומען. אַז ער איז, כאָטש זייענדיג נאָך א יונג אינגעל, געוואָרען דער טיש־חזן ביים רבי'ן. ער פלעגט איהם אפילו מיטנעמען אין וועג אריין, אַז מען איז ארויסגעפאָהרען איבער'ן ראַיאָן.

מיין אַמביציע איז געווען זיך אויסצולערנען נאָטען. איך האָב פון שטענדיג אָן געגאַרט קענען זינגען פון נאָטען. די

פינטעלעך מיט די פּאַסיקלאַך האָבען געהאַט איבער מיר אַ באַזונדערען כישוף און האָבען מיך שטענדיג געצויגען צו זיך...

נאָך די ערשטע עטלאַכע שקאַלען, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט, פלעג איך שוין ארומגעהן שטענדיג מיט אַ בלעטעל נאָטען אין קעשענע און פון מיין מויל פלעגט ניט אַרויס דער „דאָ־רע־מי־פאַ־סאָל". וואו איך בין געשטאַנען און וואו איך בין געגאַנגען, האָב איך געפיהרט מיט דער האַנט אַהין און אַהער, אויסקלאַפּענדיג פארשידענע טאַקטען... האָט מען געשמועסט פון עפּעס, בין איך אריין מיט מיין נאָטען־שפּראַך... דער האָט אַ פּנים ווי אַ „קרייץ", יענער ווי „אַ בעמאָל"... דער רעדט „סטאַקאַטאָ" און אַ צווייטער „לעגאַטאָ"... מאַשזאָר, מינאָר, אָקטאַווע, אַקקאָרדען — די גאַנצע מוזיקאַלישע טערמינאָלאָגיע איז מיר שטענדיג געלעגען אין מויל. קיין אנדער שפּראַך האָב איך ניט גערעדט... אַלע אנדערע זאַכען האָב איך ניט אין זינען געהאַט. פון לערנען האָב איך שוין גאָר איינגאַנצען דעם קאָפּ אוועקגענומען... אַ קליינינקייט, אַ משורר ביי הערשעל דעם חזן, און זינג שוין פון נאָטען! דאַרף מען דען נאָך עפּעס?

גיך אָבער האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון מיינע מוזיקאַלישע חלומות, און עס איז געקומען אַ סוף צו זיי... אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט מען דאָס מיר ארויסגעשלאָגען פון'ם קאָפּ מיט פלאַם־פייערדיגע שמיץ ערגעץ אויף אַן אנדער באַהאַלטענעם טייל פון מיין יונג קערפּערעל...

דאָס איז געווען אין אַ נאָכמיטאָג. הערשעל דער חזן איז געהאַט אוועקגעפאָהרען מיט'ן רבי'ן אויף אַ שפּאַציר אין וואַלד אריין. מיר, די קאַפּעלע משוררים, זיינען געבליבען אַליין איבער אַלע הויכע און ברייטע חדרים פון „יכבדל'ס דירות". חברה האָט אָנגעהויבען נעמען לעבען אַ גוטען טאָג. צובאַלעוועט איז מען געווען... מיוחסים... משוררים ביי הערשעל דעם חזן!... עסען און טרינקען האָט מען געטראָגען פון דער קיך

פונ׳ם שעהנסטען און בעסטען... בייטאָג פליישיגע אָנבייסענס, און אויף דער נאַכט קאַרטאָפּליעס אין פּוטער מיט לאַטקעלאַך פון קעז... דער סאַמאָוואַר האָט אימער געזאָטען און דער עולם האָט אַ גאַנצען טאָג געפּאָנשעוועט זיסע טהע מיט גאָגעל־מאָגעלס... ס׳איז געווען אמת חי געלעבט!.. אַז דער חזן איז נישטאָ, האָט מען זיך אַביסעל צוזשאַרעט... אין מיר האָט זיך דאַמאָלס דער שגץ צושפּילט גאָר אויף אַן אַנדער מין אופן... איך בין אַרומגעלאָפען איבער אַלע חדרים ווי אַ צעווילדעוועטער באָפּאַלאָ... איך האָב געשפּרונגען און געטאַנצט אויף אַלע גע־בעטע שטוהלען, וועלכע זיינען געווען אַלע מיט גוטע שפּרוזשינעס און זיך ממש געבעטען אויף זיי צו טאַנצען...

פּלוצים האָב איך דערזעהן דורכ׳ן פענסטער דורכפאָהרען דעם פּריסטאַוו פון דער שטאָדט, און מיר האָט זיך פאַרגלוסט מאַכען אַ שפּאַס מיט איהם... פאַרוואָס ניט?... קלאַפּ איך באַלד אַן אין פענסטער און טו אַ געשריי:

— גאָספּאָדין פּריסטאַוו!

דער פּריסטאַוו קוקט זיך אום... עפּעס איינער שרייט צו איהם פונ׳ם רבינ׳ס הויף... אָבער ער זעהט קיינעם ניט... איך האָב שוין לאַנג זיך געהאַט אַרונטערגעבויגען אונטער׳ן פענסטער. דער פּריסטאַוו וויל שוין ווייטער פאָהרען, בין איך שוין ווידער דאָ ביים פענסטער און שריי שוין ווידער —

— גאָספּאָדין פּריסטאַוו!

אַזוי האָט זיך דאָס אָפּגעאַרבייט אַ דריי—פיער מאָל.

יענעם טאָג האָט זיך געטאָן חושך אין אַלע דירות... דער גאַנצער הויף איז געגאַנגען האָדאָראָם.... עפּעס אַ קלייניגקייט, מיט וואָס דאָס האָט געשמעקט?... אפשר מיט פאַר׳חתמ׳ענען חלילה דעם גאַנצען הויף, און מיט פאַרשיקען קיין סיביר... און ווער ווייסט מיט וואָס נאָך?...

מילא, די זאַך איז באַלד פאַרשמירט געוואָרען... דאַרויף האָט זיך שוין דער הויף געסטאַרעט. געגוג לאָזט זיך דער הויף

קאָסטען איבער'ן יאָהר סיי ווי סיי... איך אָבער האָב באַקומען מיין רעכענונג ערשט אויפ'ן אַנדערען אין דער פריה, ווען איך האָב פון'ם שלאָף דערהערט דעם געוויש פון לעדערנע פּאַסיקלאַך איבער מיין לייב... מיין פאָטער, זאָל האָבען דעם ליכטיגען גן־עדן, האָט דאָן אָפּגעטאָן די זאַך מעהר קינסטלעריש ווי אַלעמאָל. ווען ס'זאָל נאָר ניט געווען אַזוי וועה טאָן, וואָלט איך אַליין געווען הנאה געהאַט צו זעהען אַזאַ פיין שטיקעלע ארבייט, וועלכע איז דורכגעפיהרט געוואָרען, קען מען זאָגען, מיט אמת'ער מוזיקאַלישער קונסט...

איך האָב דאַמאָלסט ערוואַכט פון מיינע נאַרישע חלומות. קיין משורר בין איך שוין מעהר קיינמאָל ניט געווען, און מיין מוזיקאַלישע קאַריערע איז דאַמאָלס געווען צו ענדע...

מיין שיר־השירים.

צוגעהענדיג צו דיזען קאפיטעל פון מיינע ערֿאינערונגען, פיהלט זיך א ציטער אין מיין פען... זי פיהלט, נעבאך, אָרימע, אינסטינקטיוו, אז דאָ נעהמט זי זיך אונטער צו טהאָן אַ שווערע, זעהר שווערע ארבייט אפשר גאָר אינגאנצען איבער איהרע כחות...

ס'איז גרינג זיך אַ זאָג צו טהאָן: דער שיר־השירים פון'ם לעבען! וואו נעהמט מען אָבער די ווערטער, די געדאַנקען און געפיהלען, וואָס פאָדערען זיך פאר אזא הויכער אויפגאבע, ווי איבערגעבען אויף פאַפיר דאָס שעהנסטע, דאָס גליקליכסטע פון'ם לעבען, וועלכעס קען באַצייכענט ווערען מיט אזא שעהן־קלינגענ־דען נאָמען „שיר השירים"?... ווי קען מען אזוי גרינג זיך אַ קעהר טהאָן אויף צוריק מיט פערציג יאָהר, צום סאַמע פריהלינג פון'ם לעבען, ווען דו שטעהסט שוין אַליין טיעף אין'ם ווינטער... ווי אזוי אַרונטערוואַרפען פון זיך די שווערע שיכטען צעהנדליגער יאָהרען פון'ם גרויען, וואָכעדיגען, פאַרהאַרטעוועטען לעבען און זיך אַריבערטראָגען צו יענע גאָלדענע יום־טוב'דיגע טעג פון דער יוגענד, צו יענע שיר השירים יאָהרען?

ווי באַשיידען, ווי אָרים ס'זאָל ניט אַרויס אזא בילד, דאָך מוז מען דאָך דערצו האָבען דאָס סאַמע נויטיגסטע, כאָטש אביסעלע פאַרבען, כאָטש אַ פּאָר טענער, קלאַנגען, וואָס זאָלען זיך קענען פאַרמעסטען וואָגען אויסצודריקען דאָס וואָס קען הייסען „שיר־השירים"...

און איך הער ווי מיין פען שעפטשעט שטילערהייט די תפילה „הנניהעני ממעש"... איך בין אָרים פאר אזא טהאַט...

אין מוינע שיר־השירים־יאָהרען.

איני כדאי והגון לכך... איך טויג ניט און בין ניט פּאַסיג צו אַזאַ זאַך... „ואני תפילתי" — אָבער איך וויל בעטען מיינע ליבע לעזער, „יהי רצון" — זאָל אייער גוטער ווילען מקבל זיין מיינע אָרים־אויסגעדריקטע געפיהלען און געדאַנקען, גלייך ווי פון איינעם, וואָס איז „אזקן ורגיל ופרקו נאה" — ווי די פּען פון אַן אַלטען געאיבטען שריפטשטעלער און קינסטלער...

אמן, כן יהי רצון — זאָל אַזוי זיין אייער ווילען!...

אָנגעפאַנגען האָט זיך מיין שיר־השירים, ווען איך בין געווען אַ בחור'ל פון ניינצעהן יאָהר. מיין הארץ האָט דאַן אָנגעהויבען פיהלען און פאַרשטעהן די הייליגע און זיסע קלאַנגען פון שיר־השירים פון'ם געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען — פון ליעבע. איך האָב אָנגעהויבען ליעב צו האָבען און געליעבט צו ווערען. ביז דאַן בין איך געווען וויים און פרעמד פון אַזעלכע געפיהלען. איך בין געווען אימער פאַרזונקען אָדער אין קלויז ביי דער גמרא, אָדער אין דערהיים איבער השכלה־ביכער. קיין מיידלאַך חבר'טעס האָב איך דאַמאָלס, אין יענע יאָהרען, פאַרשטעהט זיך ניט געהאַט און ניט געקענט האָבען. איך בין דאָך עפּעס אַ באַלעבאַטיש קינד, ניט קיין כלי־זמר'ל אָדער אַ שניידער־יונג, וואָס זאָל זיך באַגעגענען מיט מיידלאַך... שוין גענוג פריי בין איך געווען, וואָס איך פלעג ניט אַנטלויפען פון הויז, ווען עס פלעגען אַריינקומען מיידלאַך צו מיין שוועסטער. איך פלעג אויך אַמאָל לייען ביי זיי אַ בוך צום לייענען, און נאַכהער אַפילו זיך איבערבייטען מיט מיינונגען וועגען דאָס איבערגעלעזענע. קיינע אָבער פון יענע מיידלאַך האָט מיך ניט געקענט פאַנגען און די סטרונעס אין מיין הארץ זיינען, אַזוי צו זאָגען, געווען רוהיג, ניט גערירהרט, כאָטש זיי האָבען שוין געבענקט נאָך ליעבע־געזאַנג, כאָטש זיי האָבען שוין געוואַרט און געהאָפט אַז עמיצער זאָל קומען און שפּילען אויף זיי און אַרויסרופען די אָנגעזאַמעלטע טיעף־באַהאַלטענע ליעבע־קלאַנגען...

מיין שוועסטערל, די מיידעל, וואָס מיין צווייטע מוטער

האָט געבראַכט מיט זיך פון איהר ערשטען מאַן, איז געווען אין מיינע יאָהרען און, ווי דער שטייגער איז ביי אַזעלכע פעלע, האָבען ליט, שטענדיג נייגעריגע צו אַזעלכע זאַכען, אַליין אונז משדך געווען און אונז געהאַלטען נאָך פון קליינערהייט אַן פאַר חתן־כלה... די חתן־כלה אַליין אָבער פלעגען גאָר ניט האַלטען קיין שלום צווישען זיך... אָפטמאָל פלעגט די כלה אַריינכאַפּען גוטע קלעפּ און בוכצעס פון'ם חתן, און דער חתן פלעגט אַוועק דערפאַר פון איהר מיט אַ צודראַפּעט פּנים...

מיט קיין איינעם פון די פיער ברידערלאך איז דאָס שוועס־טערל, די כלה, ניט געווען אין אַזאַ שטענדיגען מחלוקות ווי מיט מיר, דעם חתן.. זעלטען האָבען מיר, דאָס יונגע פּאָר־פאָלק, געהאַלטען שלום צווישען זיך. פארוואָס דאָס איז געווען אַזוי? ווער ווייסט? אפשר איז דאָס געווען אַ פּראָטעסט־אויסדרוק פון אונזערע יונגע נשמה'לאך געגען דער וועלט, וואָס האָט אַזוי זעלבסטמעסיג אָפּגעמאַכט אַ באַשלוס וועגען אונזער אייגענעם לעבען, ניט רעכענענדיג זיך מיט אונזער ווילען, געפיהלען און פארלאַנגען... ביי קינדער איז דאָך פאָרט דאָ מעהר אמת און גערעכטיגקייט ווי ביי עלטערע...

אונזערע קינדער־יאָהרען זיינען אַוועק. און ווען מיר האָבען אָנגעהויבען עלטער ווערען, האָט אויך אונזער מחלוקת אָנגעהויבען קלענער ווערען. שפּעטער איז פון אונזערע אַמאָליגע מחלוקות שוין גאָר קיין שפּור ניט געווען. מיר האָבען אָנגעהויבען דוקא רעספּעקטירען איינער דעם צווייטען. זי האָט געזעהען אין מיר דעם געבילדעטען בחור'ל, פון וועמען זי האָט געהאַט וואָס צו לערנען, און פאַר מיר איז זי געווען אַ פריינד, אַ חבר, מיט וועלכען איך האָב זיך געקענט טיילען מיט מיינע געדאַנקען און געפיהלען. מיר האָבען דאַן זיך באמת אָנגעהויבען ליעב האָבען איינער דעם צווייטען. אונזער ליעבע איז אָבער געווען ניט מעהר ווי אַ שוועסטער און ברודער ליעבע. חתן־כלה סענטימענטען זיינען

ביי אונז ביידען ניט געווען. מיר זיינען ביידע געווען ווייט פון אַזעלכע געדאַנקען.

מיין פאָטער זכרונו לברכה, געדענק איך, האָט אַמאָל, פאַר־בייגעהענדיג, מיט מיר איבער אַ שטיקל אורח־חיים זיך צו־שמועסט ווי זיין שטייגער איז געווען, איבער וועלט־זאַכען, און פּלוצים אַזוי קלוג און דיפּלאָמאַטיש פאַרדרעהט דעם שמועס ביז ער איז אַרויפגעקומען אויף ר׳ יהודה החסיד, אַז ע״פּי צוואת ר׳ יהודה החסיד זאָל קיינמאָל אַ מאַן מיט זיין פרוי זיך ניט משדך זיין מיט זייערע קינדער, וואָס זיי האָבען פון אַ פריהעריגער הייראַט. עס איז אַ גרויסע סכנה... און דער פאָטער האָט מיר דערציילט ביישפּילע פון אַזעלכע, וואָס האָבען ניט געפאָלגט די צוואה פון יענעם צדיק און עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ זעהר שלעכטען סוף... אפשר איז אויך דאָס געווען אַן אורזאַכע, וואָס האָט געווירקט אויף מיר און אויף אונז ביידען... ווער ווייסט?...

דאַמאָלס איז אויך באַלד געקומען איהר באַשערטער. דאָס איז געווען איינער פון די שעהנסטע בחורים׳לאַך פון שטאָדט, אַ טאַטענ׳ס אַ קינד און אַ קענער — אַ מושלם, אַ גוטער העברעער, מיט אַ געשליפען פּיסקעל אין רוסיש... און געקומען איז ער ווי אַ העלד, פון דער גרויסער שטאָדט אָדעס, אין מיליטער קליידער. דאָס איז ער געקומען אַהיים אויף „אָטפּוסק“ (אורלויב). דער שעהנער יונג „סאַלאָמאָן אָסיפּאָוויטש פּאָוולאָצקי, האָט מיט זיין אָנקומען געשטורעמט דאָס גאַנצע שטעדטעל... מיט זיין שעהן געקרויזטען קאָפּ האָר און מיט זיינע צוויי טיפע דאָן־זשואַן אויגען, וואָס האָבען געברענט און געסמאַלעט, וואו זייער בליק איז געפאַלען, האָט דער אָנגעקומענער סאָלדאַטיק ממש געפאַנגען נפשות...

מיר ביידע איך מים׳ן שוועסטעריל, האָבען זיך דאַן באַלד פאַרליבט אין איהם... און אויך מיר, טאַקע ווידער ביידע, מיין

שעהן געראָטען שוועסטעריל און איך האָבען געכאַפּט און גע־פאַנגען דעם שעהנעם בחור אין אונזערע הענט...

ס'האָט לאַנג ניט גענומען און זיאָמע און ברײנה זײנען גע־וואָרען חתן־כלה... זײער גליק איז געווען גרויס, אָהן ענד, און מײן פרייד און צופרידענהייט מיט זײער גליק איז אויך געווען גרויס אָהן אַ שיעור. איך האָב זיי באמת מיט'ן גאַנצען הארצען ליעב געהאַט ביז אויף היינטיגען טאָג...

און ווען זיאָמע איז מיט זײן גליקליכען טריאומף צוריק אַוועק קײן אָדעס צו פאַרענדיגען דאָרט זײן מיליטער־דינסט, האָ־בען מיר, ווידער ביידע, אָנגעהאַלטען מיט איהם אַ אָפטע און שטאַרקע קאָרעספּאָנדענץ. פון יענער קאָרעספּאָנדענץ האָב איך דאַמאָלס זעהר, זעהר פיעל געלערנט. די צוויי שפּראַכען — העברעאיש און רוסיש (אידיש, דער אַמאָליגער זשאַרגאָן, איז געווען דאַמאָלס אונטער דער ווירדע פון אַ משכיל... עס האָט געשמעקט מיט עם הארצות), וועלכע איך האָב שוין דאַן באַזיצט אין אַ גאַנץ נישקשה'דיגער מאָס, אָבער נאָר טעאָרעטיש, האָבען זיך אָנגעהויבען ביי מיר צו אַנטוויקלען אויך פּראַקטיש. זיאָמע, עלטער און וועלטליכער פון מיר, האָט אין זײנע בריעף צו מיר, מיט זײן שעהנער גלאַטער און געאיבטער פען מיר געעפענט די אויגען... די בריעף פלעגען זײן אינהאַלטסרייך שפּראַכליך, לי־טעראַריש און פול מיט ראָמאַנטיזם און מיט יוגענדס־פּאָעזי... איך בין דאַן מיט אַמאָל אַרויס פון דער שטויביגער הינטער־גאַס, פון דער קלויזנער באַנק און זיך אַריבערגעטראָגען אין אַ גרעסערער וועלט, אין אַ שעהנערער וועלט, אין אַ וועלט פון פרייהייט, ליבע און לעבען...

און אָט יענע צייט איז דאָס געווען דער אָנפאַנג פון מײן שיר־השירים... דאָס מאָל האָבען זיך אויך אין מיר אָנגעהויבען וועקען ליעבע־געפיהלען... מיט אַ טיפער ביינקעניש נאָך לעבען און ליעבע האָבען די סטרונעס פון מײן האַרץ אָנגעהויבען ציטערען און אַרויסגעבען אומבאַקאַנטע קלאַנגען און טענער...

איך בין יענעם פריהלינג אוועקגעפאָהרען אין א דאָרף אַלס העברעאישער לעהרער ביי א רייכען אידען אַן ארענדאטאָר. נאָך די פּאָר שטונדען, וואָס איך פלעג יעדען טאָג פאַרברענגען מיט מיינע צוויי תלמידים איבער א קאַפּיטעל תנ״ך מיט אביסעלע דקדוק, בין איך דעם גאַנצען לאַנגען טאָג געווען אין דרויסען. אימער מיט א בוך אין האנט, פלעג איך ארומבראָדזשען איבער׳ן נעבענדערבייאיגען וועלדעל אָדער זיך צולייגען אונטער א בוים און געווען פּאַרטיפט אין די קלאַסישע ראָמאַנען פון אונזערע שרייבער און פּאָעטען, וועלכע האָבען אָנגעפילט מיין הארץ מיט ראָמאַנטיזם און פּאָעזי... דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען, וואָס איך בין געווען אזוי נאָהענט צו דער שוים פון דער נאַטור...) איך האָב זיך געטוליעט צו איהר, ווי א קינד צו דער מאַמע׳ס ברוסט... און געפיהלט האָב איך זיך ווי א נייגעבאָרענער...

דאָס וועלדעל איז געווען ביי מיר א הייליגטום, א קודש־קדשים. שטונדען לאַנג פלעג איך ליגען אונטער א גרינעם פּרוכת פון ברייטע, געדיכטע צווייגען. מיין נשמה האָט שטיל זיך איינגעהערט אין די סודות פון דער נאַטור און זיך דער־נעהנטערט צו איהר...

דאָס דאָרף, מיט דער גאַנצער אידיליע פון׳ם דאָרפישען לעבען... דאָס טייכעלע, וואָס האָט אין דער נידעריג געפלאָסען ביים פוס פון א הויכען פעלז; דער ברונען, וואָס אונטער׳ן בארג, די מיהל, דאָס מעקען פון די שעפעלאך, מיט׳ן פּאַסטוך׳ס האַר־מאָניקע, די געדיכטע גערטנער, מיט די רויטע וויינשעל, און בלויע פלאַמען — אויף אַלעם איז געלעגען אויסגעגאָסען א באַ־זונדער חן מיט א צויבער...

און מיין הארץ איז געוואָרען דורשטיג, און ס׳האָט אָנגע־הויבען עפּעס ווי צו מאָנען... מאָנען אָהן אַן אויפהער... פאַר־כישוף׳ט פון דער נאַטור׳ס חן, שעהנקייט און גראַציע, האָב איך אָנגעהויבען זעהען חלומות אויף דער וואך... אין די שטראַהלען

פון דער זון האָב איך געזעהען אויגען, וואָס האָבען געלויכטען און געוואַרימט, און אין יעדען בליק פון די אויגען איז געווען אַ טייך פייער, פול מיט ליעבע... פון׳ם גאַנצען וואַלד־געזאַנג, פון׳ם גאַנצען מלאכים־כאָר, וואָס דער וואַלד איז אימער אַזוי פול געווען, האָב איך געהערט נאָר איין שטימע, די שטימע פון ליעבע... און פון אַלע שירים, וואָס איך האָב געלייענט, סיי העברעאישע, ווי יל״ג מכייה יוסף הכהן, סיי רוסישע, ווי פושקין, נעקראַסאָוו וכדומה פלעג איך דאָס בעסטע ליעב האָבען דעם שיר־השירים... מיט דעם שעהנעם, האַרציגען שיר־השירים ניגון פון׳ם חדר פלעג איך אויף אויסווייניג דעקלאַמירען און אויס־זינגען פסוקים מיט גאַנצע קאַפּיטלאַך פון יענעם העכסטען און שעהנסטען ליעבעס־ליעד אין דער וועלט.

הנך יפה רעיתי, הנך יפה!
עיניך יונים מבעד לצמתך...
שערך כעדר העזים שגלשו מהר גלעד,
שניך כעדר הקצוות שעלו מן הרחצה,
כמגדל דוד צוארך בנוי לתלפיות!...

ביזט שעהן, מיין געליבטע, ביז שעהן!...
דיינע טויבען־אויגען פון דורך דיין וואָאַל...
דיינע האָר, ווי אַ טשערעדע ציגען, קייקלען זיך פון
באַרג גלעד...
דיינע ציין זיינען ווי אַ סטאַדע בעסטע שאָף,
וואָס קומען אָקאָרשט פון דער וואַש...
ווי דוד׳ס טורם איז דיין האַלדז,
געבויט אויף טעררּאַסען!....

די טענער און ליעבע־קלאַנגען פון שיר השירים האָבען זיך געשפּרייט איבער פעלד און וואַלד, באַרג און טאַל...

און דאָס האַרץ, פול מיט בענקעניש און פאַרלאַנגען, האָט געשלעפט, געצויגען ערגעץ וואו...

אקומה נא ואסובבה,
בעיר בשווקים וברחובות,
אבקשה את שאהבה נפשי!...

לאָמיך אויפשטעהן און זיך ארומדרעהען
אין שטאָדט, אין מאַרק און אין די גאַסען,
איך וויל זוכען וואָס מיין נשמה ליעבט!...

און איך בין געקומען דאַמאָלס צוריק אין שטאָדט און האָב געפונען וואָס מיין נשמה ליעבט...

עס איז געווען אַ זומערדיגער שבת פאַרנאַכט. די טאַטעס זיצען פאַרדבייקעט ביים שלש־סעודות... שווער איז זיי דער אָפשייד און דאָס געזעגענען זיך מיט דער מלכה־שבת... אין דער בין־השמשות'דיגער טונקעלקייט באַהאַלטען זיי זיך מיט'ן אל מסתתר און האָבען דאַמאָלס יחוד מיט דער שכינה... די מאַמעס זיינען שוין גרייט צום „גאָט־פון־אברהם". זיי וואַרטען נאָר ס'זאָל אַרויס אַ שטערען אויפ'ן הימעל...

דאַמאָלס לאָזט זיך די יוגענד אַרויס אויף אַ שפּאַציר אויף דער ברייטער גאַס, אויפ'ן שאָססעי, וואָס פיהרט אַזש ביז אין וואַלד אַריין.... יעדעס יונג האַרץ איז פול מיט בענקעניש... יעדע יונגע נשמה מורמעלט פאַר זיך אין דער שטיל: אבקשה את שאהבה נפשי — איך וועל זוכען וואָס איך האָב ליעב...

אין יענעם שבת פאַרנאַכט האָב איך זי געפונען.

זי האָט געשפּאַצירט מיט מיין שוועסטעריל. איך האָב זי געקענט פון לאַנג. אַ באַלעבאַטיש מיידעלע, אַ היימישע, טאַקע פון אונזער גאַס, נאָך גאָר אַ יונגינקע — אפילו נאָך קיין פופצעהן יאָהר ניט אַלט, אָבער פּלוצים אַ צעוואַקסענע בלום, אַ פּרי־הדר, אַ שעהנע פּרי, מיט'ן גרינעם חן פון אַן אתרוג וואָס ליגט האַלב־איינגעהילט אין דער קלאָטשע, וואָס אין דער זילבערנער פּושקע...

און פּלוצים האָב איך דערקענט יענע אויגען, וואָס איך האָב

געזעהען אין וואַלד אין די ליכטיגע און וואַרימע שטראַהלען פון יענער זוהן...

מיר האָבען זיך פריינדליך באַגריסט, געדריקט די הענט, און מיין האַרץ האָט אַ ציטער געטהאָן... איך האָב דערפיהלט אַ צערטליכע באַריהרונג אויף די אָנגעצויגענע סטרונעס פון מיין בענקענדער נשמה...

יענער שפּאַציר איז געווען די פּרעליודע צום שיר השירים פון מיין גאַנצען לעבען...

יענעם אָוועגט, האָט שפּעטער מיר דערצעהלט מיין ברײַנה'לע (מערקווירדיג, אויך ברײַנה — דער זעלבער נאָמען, ווי דאָס שוועסטעריל), ווען זי איז געקומען אהיים פון'ם שפּאַציר, האָט זי באַלד, נאָך ביי דער טיר באַגעגענט דער פּאָטער, און כלומרשט מיט אַ פּאָרוואורף געפרעגט אין שפּאַס: „ווער איז דאָס דער בחור וואָס זי האָט מיט איהם אַרומגעשפּאַצירט?... באַלד אָבער האָט ער מיט אַ זעהר צופרידענעם טאָן געזאָגט: „נישקשה, מיט אַזאַ בחור'ל מעג זי שפּאַצירען וויפיל זי וויל".

אין שטאָדט בין איך געווען יעדען באַוואוסט — אַ טאַטענ'ס אַ קינד און אַ פיין געלערענט אינגעל.

די פּרעליודיע האָט דאַמאָלס לאַנג ניט געדויערט. מיר האָבען געהאַט נאָך אייניגע אַזעלכע שאַפּצירען, און יענעם ווינ־טער, חמישה־עשר בשבט תרמ"ט, פּונקט פערציג יאָהר יעצט, ווען איך שרייב דיזע בלעטלאַך פון מיינע ערזינערונגען, אין דער וואָך פון שבת־שורה, האָב איך אָנגעהויבען זינגען מיין שיר־השירים: בקשתי את שאהבה נפשי ומצאתי! — איך האָב געזוכט וואָס מיין האַרץ האָט ליעב און האָב געפונען!...

מיין שיר־השירים האָב איך שוין דאַמאָלס געזונגען אין אַ דועט מיט מיין געליבטער...

אויף פאַרשידענע ביהנעס פלעגען מיר דאַמאָלס אויפטרעטען מיט אונזערע דועטען... אַמאָל איז דאָס געווען ביים גראַף אין וואַלד, וואו דאָס רויטע בריקעלע איז געווען דער אַמפיטעאַטער,

און די שלאַנקע בעריאָזעז און די הויכע, דיקע אייכען־בוימער זיינען געווען אונזער „גערהערטעס פובליקום“... און אַמאָל איז דאָס געווען ארויס אונטער דער שטאָדט אויף א לאַנגען, איינזאַמען וועג, וואָס גלאַנצט ווייט אין א טונקעלער זומער־נאַכט... די שטערען אויבען האָבען צווישען זיך דאָרטען גע׳סוד׳עט... און מיר דאָ האָבען זיי אַקאָמפּאַנירט מיט:

אונטער׳ן טויער
א סוד אין אויער....

שפּעטער האָבען מיר באַקומען אַן אייגענע ביהנע אין אונזער אייגענער היים... מיר האָבען געשאַפען אַן אייגענעם כאָר... אונזערע דועטען האָבען זיך פאַרוואַנדעלט אין א סימפאָניע, און אונזערע שיר־השירים רעזאָנאַנסען האָבען געקלונגען אין זיסע אַקאָרדען פון אַן אייגענעם קנאַבען־כאָר...

פערציג יאָהר שוין — עד מאה ועשרים — אז איך מיט מיין ברײנה׳לען זינגען אונזער לעבענס־שיר־השירים. מיר זיינען יעצט שוין לאַנג זיידע און באָבע... אין אונזער לעבענס־סאָנאַטאַ האָבען זיך דורכגעוואָרפען פאַרשידענע מאָטיווען און מעלאָדיען, מאַנכעס מאָל אויך טרויעריגע, אין א מינאָרנעם טאָן. דער לייט־מאָטיוו אָבער און די הויפּט מעלאָדיע איז דער שיר־השירים־טאָן, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען יענעם זומער, וואָס זינגט זיך און וועט זיך זינגען ביז דעם לעצטען טאָג פון אונזער לעבען, וואָס איז פול מיט גליק פון ליעבע, דער געזאַנג פון אַלע געזאַנגען, דער שיר־השירים!...

פון דער תפיסה צום טראָן.

געווען איז דאָס אין צייט פון מיין פריזיוו. דער פריזיוו איז געווען איינער פון די שלימסטע און קריטישסטע פונקטען אויפ'ן טראַגישען לעבענס-וועג פון'ם רוסישען איד אין'ם געוועזענעם צאַרען-לאַנד.

דערמאָנענדיג דאָס וואָרט „פריזיוו", רופט דאָס שוין ארויס א וועלט מיט עראינערונגען, סיי ביי דעם וואָס ער זעלבסט האָט דורכגעלעבט און דורכגעמאַכט דעם פריזיוו, ווי עס האָט געהייסען אין רוסיש אין איין אייגענאַרטיגער פאָרמולע „אָטביטיע וואָיענסקאָי פאָווינאָסטי", און סיי ביי די וואָס האָבען דאָס דוקא ניט דורכגעמאַכט ווי, למשל, פרויען, שוועסטער און מאַמעס, אָבער דערפאַר אפשר טאַקע איז דאָס ביי זיי נאָך מעהר ווי ביי די מענער גוט איינגעקריצט אין הארצען. דאָס וואָרט „פריזיוו", באַטש אליין א רוסיש וואָרט, האָט דאָך פארנומען אין אונזער שפראך אַן אָרט אויבענאָן. זעהר ווענִיג האָבען מיר אין אונזער אידישער שפראך אזעלכע ווערטער מיט אזא פארנעם, מיט אזא באַדייטענדען היסטאָרישען ווערט ווי דאָס וואָרט „פריזיוו".

הפנים, א שפראך איז ווי א פאָלק. זי באשטעהט אויך פון מאַסען און קלאַסען; צעהנדליגער טויזענטער ווערטער ארבייטען טאָג ווי נאַכט אין דער שפראך, זיי ארבייטען שווער און געטריי, אָהן זיי קען מען זיך דאַכט זיך א שטונדע ניט באַגעהן, אָבער קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום, קיינער שענקט זיי ניט קיין באזונדערע אויפמערקזאַמקייט, ווייל זיי זיינען, אזוי צו זאָגען, די פראָלעטאַריער, די רענק און פייל. די „קעפ" פון דער שפראך זיינען זעהר ווענִיג; די פני, די פאַטריציער, זיינען געצעהלטע.

און צווישען די חשוב'ע, צווישען די מיוחסים אין אונזער אידישער שפּראַך, וואָס פאַרנעמען אַן אָרט אין מזרח־וואַנט, געפינט זיך אויך דאָס וואָרט „פּריזיוו".

דאָס וואָרט „פּריזיוו", אַליין אַ „גדול", האָט שוין ארום זיך קלענערע, משרתים און באַדינער, אַ גאַנצע טערמינאָלאָגיע פון ווערטער, ווי למשל, „אַן איין און צוואַנציגדיגער", אַ רעקרוט אַן „אָפּגעשטאַנענער", דער „זשערעב", דער „פּריאָם", דער „נאַבאָר", די „סקלאַדקע", „אַ גרויסער נומער", „בראַקעווען", „שמירען נאַטשאַלסטוואָ", אַ „לגאָטע", „אַן איבערגעבליבענער, „אַ ווייסער בילעט", אַ „רויטער בילעט" און אַ „גרינער בילעט". דאָס זיינען אַלץ ווערטער מיט טערמינען וואָס דרעהען זיך ארום דעם איינציגען וואָרט „פּריזיוו" און באַדינען איהם.

ביים „גרינעם בילעט" וועל איך זיך דאָ אַ ביסעל אָפּשטעלען. איך בין דאָס געווען איינער פון די „גליקליכע", וואָס האָבען געהאַט די זכיה צו פאַרזוכען דעם זיסען טעם פון אַ „גרינעם בילעט".

אַ „גרינעם בילעט", ווי באַוואוסט, האָט מען געגעבען צו דעם יעניגען יונגענמאַן וואָס מען איז געווען וועגען איהם אין ספק, צי ער וועט זיך אויסטויגען פאַר מיליטער־פליכט צי ניט. ער איז געווען, הייסט עס, אַ „תלוי ועמד"; וועט ער זיך אין משך פון צייט פאַרבעסערען אין געזונט וועט מען איהם צונעמען, אויב ניט וועט מען איהם לאָזען פריי. דאָס פלעגט זיך ציהען גאַנצע צוויי יאָהר. עטליכע מאָל אין יאָהר, אָפּטמאָל אויף אַ פּלוצלונגדיגען רוף, פלעגט מען מוזען ערשיינען פאַר די באַאַמטע פאַר אַ קערפּערליכען עקזאַמען, אפשר איז מען שוין געזונט געוואָרען, אפשר איז דער פריהערדיגער געזונדהייטס־צושטאַנד געווען גאָר אַ געמאַכטער אום זיך אַרויסצודרעהען פון מיליטער־פליכט.

און די מיליטער־פליכט „פאַר'ן צאַר און פאַר'ן פאָטערלאַנד" איז פאַר'ן אידען, דעם ערנידעריגטען און באַרויבטען פון אַלע רעכט אין יענעם לאַנד, מיט אַ „קראָמע יעוורעיעוו" אויף יעדען טראָט, געווען אַזוי „ליב" און „צוציהענד" אַז ער האָט בעסער אָפּטמאָל

זיך בדאי געשעדיגט דאָס געזונט אבי ניט צו זיין קיין סאָלדאַט, אבי ניט „צו דינען פאָניע'ן"...

צווישען אלע „גוטע זאכען", וואָס דער פריזיוו האָט פאַר־מאָגט, איז דער „גרינער בילעט" געווען „דאָס בעסטע"; מיט א „גרינעם בילעט" איז מען געשטאַנען צום פריזיו ניט קיין איין טאָג נאָר גאַנצע צוויי יאָהר, און ניט קיין איין מאָל נאָר א סך מאָל. ווען נאָר נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך פאַרגלוסט, האָט זי ארויסגע־רופען זיך צו שטעלען פאַר דער מיליטער־קאָמיסיע, אפשר איז מען שוין געזונט געוואָרען... אפשר טויג מען שוין... דער אידישער יונגערמאַן, פאַר וועלכען עס האָט קיינמאָל ניט געקענט גלאַנצען די פערספעקטיווע פון מיליטער־דינסט, פון סאָלדאַטשינע, פון ווע־רען באליידיגט פונ'ם גראָבען פעלדפעבעל און אָפט געפּאַטשט ווערען פונ'ם דיאדקאַ־כאַמולאַ, — האָבענדיג א גרינעם בילעט, איז ער געווען זעהר אין א שלעכטער לאַגע. עס איז געווען פאַר איהם א דילעמאַ, צי זאָל ער אָפּהיטען דאָס געזונט וואָס איז אזוי טייער ביי יעדען, צי זאָל ער בעסער אָנווענדען אלע מיטלען אבי זיך ניט פאַרקנעכטען ביים צאַר און ביי זיינע נידעריגע סאַטראַפּען, ביי זיינע בעסטיאַלישע משרתים...

צוויי יאָהר כסדר האָט זיך דער „גרינער בילעטניק" אזוי גע־מוטשעט און איז שטענדיג געווען צווישען א זעהר טראַגישען ממה־נפשך, צווישען אַן אייגענער סצילאַ און חאַריבדאַ.

דעם ערשטען פסח נאָך מיין חתונה בין איך געווען שוין כמעט ביים סוף פון מיינע צוויי פיינליכע, גרינבילעטנע יאָהר. עטליכע מאָל האָב איך זיך שוין ביז דאַן געהאַט געשטעלט פאַר דער קאָ־מיסיע און, פאַרשטעהט זיך, יעדעס מאָל אונטערגעשמירט (אָהן דעם, ווי געשיקט זיך ?) און אלע מאָל ארויס בשלום...

יענער פסח איז געווען צוויי חדשים נאָך מיין חתונה און כאָטש יענע צייטען האָט מען נאָך ניט געוואוסט פון קיין „האָניג־חודש", פון כאַפּען דאָס ווייבעלע און אַוועק מיט איהר ערגעץ אין די הרי חשך, אַזש פון יענער זייט סמבטיון, מיט אַן אויטאָמאָביל,

אָדער גאָר מיט אַן עראָפּלאַן, ווי אין די היינטיגע מאָדערנע צייטען. דאָך בין איך זיכער, אַז אמאָל זיינען די ערשטע חדשים נאָך דער חתונה, דוקא אין הויז זיצענדיג, געווען אַ סך זיסער ווי היינט, מיט אַ סך מעהר האָניג ווי היינטיגע צייטען. מיין יונג, זיס ווייבעלע האָט געטאַנצט ארום מיר און מיר אונטערגעטראָגען פון פויגעל־מילך. מיין שוויגער, אַ גאָלדענע נשמה, האָט גאָרניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט איהר חשוב'ן איידימעל, דאָס ערשטע אייידמעל; זי האָט אָפּגעבלאָזען דאָס אָרט פאַר מיר און מיך געקיכעלט, ווי מע זאָגט, מיט „זעגערליך מיט יויך"...

צום ערשטען סדר בין איך געווען דער „פרינץ" און דער שווער, פאַרשטעהט זיך, איז געווען דער „מלך". צום צווייטען סדר, אָבער, איז שוין געווען אָפּגעמאַכט, אַז איך זאָל זיין דער „מלך". אזוי זיינע אַלע געווען בהסכם, איך זאָל פיהרען דעם סדר, די הגדה מיט אַלעם ווי עס דאַרף צו זיין. און דעם ערשטען טאָג פון פסח, נאָך פון אין דער פריה אָן, האָבען שוין אַלע אין שטוב זיך גענומען צוגרייטען צו מיין מלוכה, זעהן ווי דער יונגער מלך וועט זיצען אויפ'ן טראָן און פראווען די מלוכה...

מיין שווער און שוויגער, אַליין נאָך יונגע מענשען, פול מיט לעבען, זאַטע און צופרידענע מיט'ן רבונו של עולם פאַר זיין גוטען חסד וואָס ער טוט מיט זיי כסדר; מיין יונג ווייבעלע און איך, שכור פון אונזער ערשטער ברויזענדער ליבע און די גליקליכסטע אין דער וועלט; דאָס קלענערע שוועסטערל, שוין אַ באַרישניע, מיט צוויי גריבעלאך אין די באַקען, וואָס האָבען אימער מיט געוואַלד ביי אייך ארויסגערופען אַ שמייכעל; מאיר'ל, דאָס קלענערע ברו־דערעל, אַ קלוג, געבאַלעוועט בן־יחיד'ל, מיט אַ חנ'עוודיג רויטען קעפּעלע, — אַלע זיינען געווען פרעהליך, אָנגעטאָן אין די בעסטע יום־טוב'דיגע מלבושים און זיך געגרייט צו דער אינטערעסאַנטער סדר־נאַכט. אין הויז, טראָץ דער אינדרויסענדיגער טיפער גלאַנ־ציגער בלאָטע, ווי געוועהנליך פסח־צייט, איז געווען שעהן, ממש ווי אין אַ פּאַלאַץ. די גראַפינען מיט'ן ווייַן אויפ'ן שניי־ווייס

באַדעקטען טיש האָבען געוואונקען און גערייצט, פונקט ווי עס האָבען גערייצט די ווייכע, סאַמעט־גלאַטע אויגען פון מיין יונגער זיסער ווייבעלע, וואָס האָט זיך געגרייט אַט באַלד זיך אַוועקזעצען אויפ׳ן טראָן מיט איהר יונגען מלך...

פלוצים עפענט זיך ברייט די טיר און עס קומט אריין דער אוריאַדניק פון שטאָדט, אָנגעטאָן אין דער גאַנצער פאָרמע מיט׳ן צויגען אַ שמועס, אַז ער האָט ליב אידען... אידען זיינען אַ קלוג ביי וועלכען ס׳איז צוגעטשעפּעט ביי דער זייט אַ שווערער רעוואָל־ווער אריינגעלעגט אין אַ לעדערנעם פוטליאר, אויך אַ לאַנגע סאַבליע וואָס הענגט אויף אַ באַזונדערען פּאַסיק פאַרוואָרפען ארום האַלז.

דערזעהענדיג דעם ווייַן אויפ׳ן טיש האָט ער גלייך זיך באַ־גריסט זעהר פריינדליך און זיך אַוועקגעזעצט. באַלד האָט ער פאַר־צויגען אַ שמועס, אַז ער האָט ליב אידען... אידען זיינען אַ קלוג פאָלק, אַ פעהיג פאָלק און לאָזט שטענדיג פאַרדינען אַ קערבעל... און ריידענדיג אַזוי האָט ער יעדעס מאָל אַ וויש געטאָן די וואָנ־צעס און פאַסמאַקעוועט זיך פון דעם ווייַן מיט וועלכען דער שווער האָט איהם מכבד געווען, אַ גלעזעל נאָך אַ גלעזעל, און זיך אויך באַלעקט פונ׳ם פעטען קעזעל, וואָס די שוויגער האָט אריינגעבראַכט פון קיך...

ערשט פאַר׳ן אַוועקגעהן לאָזט ער אונז וויסען, אַז איך מוז גלייך זיך יאַווען צום פּריסטאַוו; ער דאַרף מיך נויטיג זעהן; ער פאָדערט מיך צו זיך...

אין קאַנצעליאַריע ביים פּריסטאַוו האָב איך געטראָפען נאָך אַ פּאָר יונגע לייט, וועלכע זיינען געזעסען און געוואַרט.

באַלד איז אריינגעקומען דער פּריסטאַוו און געגעבען אַ באַ־פעהל צום סאָטסקי אונז אריינצוזעצען אין „עטאַפּנעם דאָם", פון וואַנען מיר זאָלען אָפּגעפיהרט ווערען מיט׳ן עטאַפּ און צוגעשטעלט ווערען פאַר דער מיליטער־קאָמיסיע אין דער אויעזדנער שטאָדט אומאַן פאַר אַן אונטערזוכונג...

דער טאָג האָט שוין געהאַט ארונטערגענידערט ביז׳ן סוף.

דורך די גראַטקעס פונ׳ם קליינעם שמוציגען פענסטערל פונ׳ם „עטאַפּנעם דאָם“, וואָס האָט אויך געדינט אַלס די שטאָדטישע טיורמע, האָבען זיך קוים געזעהן גערוכטע גרויסע וואָלקענס, וועל־כע האָבען נאָך גערוכטער געמאַכט די פינסטערניש אַרום אונז. ערגעץ פון אַ ווינקעל פון דער שמוציגער נאַסער ערד האָבען זיך געהערט פון אַ שיכור „מי שברך׳ם“ מיט קללות און חרמות אויף די זשידעס, אַז מען דאַרף זיי אַלע אויסקוילען. די שטיקענדע, ליימיגע פייכטקייט פון די נאַסע ווענט און פון דער ערד האָט געוואָרגען דעם האַלז, די נאָז און די לונגען...

— ווארום זיצען מיר דאָ פאַרשפּאַרט? ווארום דאַרפען מיר עפּעס געהן מיט׳ן עטאַפּ קיין אומאַן? זיינען מיר דען גנבים, פאַרברעכער? — און עס רוקען זיך שווערע געדאַנקען אין קאָפּ אריין... דעם אידען׳ס ביטערער מזל פון אייביג אָן, אין אַלע צייטען... ווען טאָרקוועמאַדאַ מיט זיינע יעזואיטען האָבען פון דער היסב־בעט געשלעפּט אונזערע זיידעס אין די אונטערערדישע אינקוויזיציעס, זיי געמאַטערט און געברענט. און פאַר וואָס?!... און ביז וואַנען?!.. ביז וואַנען?!

מיט אַמאָל האָבען מיר דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און אַ פרעהליכען געשפּרעך. דאָס איז געווען מיין שוואָגער און נאָך איי־נער, דער פאָטער פון איינעם פון די אַנדערע יונגע לייט. זיי קומען דאָס נאָר וואָס פונ׳ם פּריסטאַוו; זיי האָבען איהם באַ־צאָהלט צו צהען רובעל אַ שטיק און ער האָט אונז געהייסען באַ־פרייען...

ווי נידערגעשלאָגען, ווי צובראָכען מיין גייסט איז ניט געווען אין יענעם טאָג, פיהלענדיג אין יענע עטליכע שטונדען די טיפסטע ערנידעריגונג פון מיין אידישער נשמה, דעם גאַנצען עקעל פון אונזערע קנעכטשאַפט און פון אונזער געטאָ־גלות־לעבען, — אָבער די פרעהליכע און שיינענדע פּנים׳ער, וואָס האָבען מיך באַגעגענט אין דער היים, און מיין ברײנה׳לעס צוויי ברוינע אויגען מיט די פריידיגע טרערען־שפּיגעלאַך אין זיי, עמפּפאַנגענדיג איהר יונגען

באַפרייטען מלך, האָבען מיך באַלד געבראַכט צו זיך און מיך צוריק אויפגעלעבט און באַגייסטערט. איך בין באַלד, אַ באַפרייטער פון דער תפיסה, אויפ'ן טראָן געזעסען...

דער „עבדים היינו" פון יענער נאַכט פון פּסח, די ערשטע סדר־נאַכט באַלד נאָך מיין חתונה, איז געוועזן און וועט בלייבען איינע פון מיינע וויכטיגסטע עראינערונגען אין מיין לעבען.

מיין ערשטער אייגענער אָנבייסען.

ווי אַלע איידימלאַך, יענע יאָהרען, „קעסטקינדער“, בין איך אויך געוועזען אַן איידים׳ל, און בין „געזעסען אויף קעסט“. און כּמעט איך בין געוועזען מיט גרויס כּבוד ביי מיין שווער און שוויגער אין הויז, ערשטענס זיינען זיי געוועזען זעהר גוטע און ליעבעסווירדיגע מענשען, און דאָס הויז איז בכלל געוועזען זעהר א גאַסטפריינדליכע. עס איז ניט געוועזען דער טאָג, וואָס ס׳זאָל ניט זיין עפּעס איינער פון די שוואָגערס, פּלימעניקער אָדער אַזוי א היימישער מענש, מיטצושפּייזען ביים אָנבייסען אָדער וועטשערע. שוין ניט רעכענענדיג אַן „אורח“, וואָס מען פּלעגט ארייננשיקען פון׳ם הכנסת־אורחים א פּאָר מאָל אין וואָך... איז שוין געוועזען ממילא אימער פרעהלאַך און אנגענעהם אין שטוב. צווייטענס, בין איך גלאַט געוועזען זעהר באַליעבט אין הויז... דאָס ערשטע איידימ׳ל און א חשוב־איידימל דערצו, פון א שעהנעם יחוס און א יונגער מאַן א „משכיל“... און אין שטוב איז געוועזען אימער מכל טוב, זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז איך האָב דאַרטען זיך געבאָדען איינפאַך אין מילך און אין האָניג... דאָך בין איך קיין איין טאָג פון מיינע קעסט־יאָהרען ניט געוועזען א צופרידענער... דער געדאַנק, אַז איך בין א „איידעמ׳ל אויף קעסט“ האָט מיך זעהר געערגערט. די ווערטער אַליין „זיצען אויף קעסט“ זיינען געוועזען פאַר מיר א טיפע באַליידיגונג... זיצען דאָך געגנז און היהנער אויך אויף קעסט... מילא, זייער „זיצען“ האָט כּמעט א צוועק.

וואָס־זשע טוט מען אָבער אום צו ווערען זעלבסטשטענדיג,

אום צו ווערען אַליין אַ בעל־הבית פאַר זיך און פאַר'ן ווייבעלע? צו וואָס פאַר אַ פּרנסה נעהמט מען זיך? און צו וואָס קען זיך נעהמען אַזאַ חברה־מאַן ווי איך, וואָס האָב אַלע יאָהרען זיך געווייקט נאָר אין דקדוק און גראַמאַטיקע און אין השכלה־ביכער? און עס האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען פאַר מיר דאָס אַלטע לידעל: „זאָל איך זיין אַ קרעמער?“ — האָב איך קרעמעריי געהאַסט ווי דעם טויט! זאָל איך זיין אַ סוחר?... — האָט זיך אויך ניט געגלוסט זיך שיידען מיט יענע שעהנע אידעען, פון וועלכע איך האָב אימער פאַנטאַזירט, פון ערליכער אַרבייט, פון אייגען־פאַרהאַרטעוועטער פּראַצע און פון אַ ריינעם, אמת'ען יגיע כפּיך... ס'האָט זיך זעהר ניט געוואָלט אַריינצוואַרפען זיך גלייך מיט אַלע אין'ם ווירבעל פון לופט־געשעפטען, פון שטעקעלע־פּרנסות, פון שאַכער־מאַכער און אויך ווערען אַ דאַן־קיכאָטישער מנחם־מענדעל, וועלכער איז שוין דאַמאָלס געווען אַזוי קינסטלעריש כאַראַקטעריזירט פון אונזער גרויסען פאָלקס־דיכטער...

שוין גענוג געווען פאַר מיר, אַז איך האָב געמוזט אויפגעבען אַלע מיינע חלומות און שטרעבונגען פון פאַר מיין חתונה, צו באַקומען אַ בילדינג־צענז, און נאָכהער אַריינצוטרעטען אין אַ אוניווערסיטעט. קאַרג צייט, מיה און כח האָב איך אַוועקגעלייגט דורכצולערנען אַלע נויטיגע אַרטיקלען, וואָס האָבען זיך געפאָדערט פאַר דעם צוועק, כאָטש ניט וויסענדיג פון אַ סיסטעם, ווי אַזוי צו לערנען און ניט האָבענדיג אפילו די נויטיגע ביכער דערצו, — אָבער דאָך עפּעס געלערנט, און דאָך עפּעס אויסגעלערנט...

— זאָל איך יעצט ווערען אַ קרעמערעל, אַ סוחר'ל?...

אַ ריכטיגער סוחר, אַן ערפאַהרענער סוחר, ווי די גרויסע ברוים־הענדלער — אפשר יאָ... ווי זשע איז דאָס מעגליך? ווי אַזוי קען אַזעלכעס געשעהן? וואָס זשע דען, אַ קליינער מוכר־תבואה'ניק... אַ „שעפּעטינעק“, זיך שלאָגען אויפ'ן יאַריד מיט נאָך אַזעלכע „סוחרים'לאַך“ פאַר אַ מעססטעל רעטשקע ביים פויער, וואָס איינער כאַפּט אויס פון'ם אַנדערענס גאַרגעל?... — ווי קען

איך דאָס? און ווי אַזוי קען איך גאָר ריידען מיט'ן גוי אויף זיין שפּראַך? אפשר אַ ליטעראַרישען רוסיש, ע"פּי גראַמאַטיקע דער גאַנצער מאַרק וועט דאָך לאַכען פון מיר!... אַט, ווען איך וואוין, אַ שטייגער, אין אַ גרויסער שטאָדט, וואו עס איז דאָ געשעפטען, מיט קאָנטאָרען, וואָלט איך אפשר באַקומען אַ שטעלע פון אַ בוכהאַלטער. האָב איך דאָך אויסגעלערנט יעקוב מאַרק'ס בוכהאַלטעריע... אָבער דאָ אין אונזער שטעדטעל ווער דאַרף דאָס איטאַליענישע דאָפּעלטע בוכהאַלטעריע?...

געהט מען אַרום און מען טראַכט!... טראַכט מען... טראַכט מען בייטאָג, טראַכט מען ביינאַכט... און מען פאַלט אויף אַן המצאה... אַ בריליאַנטענע המצאה... קיינער האָט ניט געטאָרט דערוויל דערפון זיך דערוויסען... אַזאַ זאַך דאַרף געטהאָן ווערען בסוד... דאָס איז געווען אויסצוכלאַפּאָטשען זיך אַן ערלויבניש ביים גובערנאַטאָר צו עפענען אין שטאָט אַ טיפּאָגראַפיע... אַט דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ פרנסה! אַ שעהנע פרנסה און אַן אינטעליגענטע פרנסה! דאָס איז ניט קיין האַנדעל־וואַנדעל, דאָס איז אַ מלאכה. איך וועל אַליין ארבייטער, איך וועל זיך פאַרדינען עהרליך מיין שטיקעל ברויט... איך וועל קיינמאָל ניט דאַרפען שווינדלען און ניט נאָכלויפען נאָכ'ן שאָטען און נאָכ'ן ווינט... אַט דאָ וועט מיר אויך צוניץ קומען מיין רוסישע שפּראַך מיט מיין גראַמאַטיקע.

און איך האָב באַלד זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבען אַ פּראָשעניע צום גובערנאַטאָר: כפי אַזוי און אַזוי א. א. וו., בכן, בעט איך דיין הויכגעבוירענקייט מיר געבען אַן ערלויבניש א. א. וו., גע'חתמ'עט און אָוועקגעשיקט גלייך קיין קיעוו.

אין עטליכע וואָכען אַרום קומט אַ סאָטסקי מיך רופען צום „פּריסטאַוו". מען דאַרף מיך האָבען אין קאַנצעלאַריע. עס איז דאָ פאַר מיר אַ פּאַקעט פון'ם גובערנאַטאָר...

אין הויז, פאַרשטעהט זיך, איז באַלד געוואָרען אַ גדולה מיט אַ שמחה... איך אַליין האָב שיער ניט געוואָלט טאַנצען

פאַר פרייד, אָבער איך האָב זיך איינגעהאַלטען... אַ שטאָלצער און מיט זעלבסטווירדע פון אַ מענש, וואָס האָט אויסגעקעמפט פאַר זיך אַ גרויסע זאַך, בין איך אַוועק צום פּריסטאַוו, פאַר וועל־כען, פאַרשטעהט זיך, איך האָב, וואַרטענדיג אין קאַנצעלאַריע, געהאַלטען גרייט עטליכע רובעל איהם צו באַדאַנקען... איך זיץ ווי אויף נאָדלען. עפּעס אַ קליינינקייט אַ פּרנסה!... און אַזאַ שעהנע פּרנסה!... די ליכטיגע זון וועט אָנהויבען שיינען אויף מיין הימעל... באַלד קלייב איך זיך אַרויס פון שווער׳ס הויז... נענוג שוין צו זיין אַ קעסט־קינד, אַן אומזיסטער עסער... און נעהם זיך מיר אַוועק מיין ווייבעלע, מיר דינגען פאַר זיך אַ דירה... איך אַרבייט אַ גאַנצען טאָג אין דער טיפּאָגראַפיע און מיר עסען אַן אייגענעם שעהן־פאַרדינטען אָנבייסען, אַן אייגענע עהרליך־פאַרהאָרעוועטע וועטשערע. איך לעב זיך מיר נאָך מיין גייסט נאָך און נאָך מיין אידעאַל...

אָבער אָט קומט ענדליך אַריין דער פּריסטאַוו, נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר און לייענט פאַר מיר הויך: „אין דער ביטע פון׳ם א י ד פּנחס פּוטשקאָוו צו עפענען אַ טיפּאָגראַפיע — אָפּזאָגען“... מיט אַ שטאַרקען קוועטש אויפ׳ן וואָרט „איד“.

נאָך יענעם טאָג איז מיין שטימונג אין׳ם הויז פון מיינע שווער און שוויגער געוואָרען נאָך ערגער, כמעט אומערטרעגליך... איך בין אַ טויגעניכטס, אַ בטלן, איך קען מיין ווייב קיין ברויט ניט געבען, און אַליין בין איך אַ פּאַראַזיט...

וויפיל מיין ליעבע ווייבעלע האָט מיך ניט געטרייסט, און נאָך מעהר פון איהר, מיין גוטע און קלוגע שוויגער — וואָס איז דאָ אַזוינס? וועלכעס האָט מיך אַזוי צוגעקוועטשט? איך דאַרף זיך ניט נעהמען צום האַרצען. מיר קענען זיצען געזונטערהייט אין הויז וויפיל מיר ווילען אַליין... מיט׳ן שעהנסטען און בעס־טען... איך בין דאָך פון מיינע דריי יאָהר קעסט נאָך אפילו קיין האַלב ניט אָפּגעזעסען... צו וואָס־זשע אַזוי די באַפּעניש?...

ניש־קשה, איך װעל נאָך זײַן אַמאָל אַ גרױסער סוחר, מיט אַ שעהנעם און גוטען נאָמען, װי „איהר בעני"...

אָבער עס האָט מיר ניט געהאָלפען. איך האָב זיך געפּיהלט קלײן און דערשלאָגען. איך האָב געפּרובירט אַ צװײטעס מאָל שיקען אַ פּראָשעניע צום גובערנאַטאָר, שױן אױף דער פרױ'ס נאָמען און אױפ'ן אָרט פון איהר אידישען נאָמען „בראנא", גע־חתמתעט „בראָניא" — אפשר װעט דאָס העלפען... אַ דאַמע מיט אַ רוסישען נאָמען... דערצו געזוכט אַ שליסעלע דורכ'ן איספּראַװ־ניק, ס'פּארשטעהט זיך ניט אומזיסט, נאָר מיט אַ הונדערטער אונטערגעשמירט, אָבער דער גובערנאַטאָר האָט זיך ניט געלאָזט פּאַרנאַרען פון אַ איד... אין אַ צײַט אַרום איז געקומען פון איהם דערזעלבער ענטפער װי פריהער...

איך האָב דאַן פאַרלאָרען יעדע האָפנונג און בין געװעזן זעהר פאַרביטערט. װאָס מעהר ליעבע װאָס מעהר צערטליכקײט מען האָט צו מיר געװיזען אין הױז, אַלץ מעהרער האָט מיך געקרענקט און געערגערט דער געדאַנק, אַז איך זיץ אױף עמיצען'ס קאַרק, אַז איך זױג עמיצען'ס בלוט... — האָט דאָך דער תּלמוד אַפילו בהמות, קלאַסיפיצירענדיג, אָװעקגעשטעלט די בהמה „שאוכל ואינו עושה" — װאָס עסט און טוט גאָרניט, נידעריגער פון אַלע אַנדערע... — קען איך ניט קײן מלאכה, װי מײַן חבר גרינ־בערג, דער גאָלדשמידט, װאָס זיצט זיך רוהיג בײַ זײַן װאַרשטאַט און בײַ דער אַרבײַט זינגט ער אױס אַלע שעהנסטע אָפּעראַ־אַריעס... און די נשמה זײַנע איז אימער רײן, ניט באַריהרט און ניט באַפלעקט... מוז איך דען, ניט אַנדערש, נאָר מײַן נשמה פאַרקרעמערען... און מײַן גײַסט פאַר מנחם־מענדלעװען...

איז דען ניט שעהנער פון דעם אַפילו אַ האָלצהעקער צו זײַן, צי אַ משא־טרעגער, אָדער גאָר געהן אין פעלד זיך פאַר־דינגען פאַר אַ טאָג־אַרבײַטער... האָט מען דאָך שױן לאַנג גע־

זאָגט, אַז אפילו אַ נבלה אָפּצושינדען אין מאַרק, אבי ניט יענעם'ס אָנריהרען... ,

אַן אומרוהיגער בין איך אַרומגעגאַנגען אין הויז. ס'זיינען מיר ניט באַקומען די גוטע מאכלים מיט'ן קיכלען מיך און דאָס האָט אויך געווירקט אויף מיין ליעבער פרוי און שוויגער — זעהר ניט גוט...

איינמאָל האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די פישער פון דער שטאָדט זיינען געוואָרען אַלע שותפים. זיי האָבען געמאַכט אַלע איין קאָמפּאַני צו ברענגען געזאַלצענע פיש, גאַנצע וואַגאָנען, פון אַסטראַחאַן און צאַריצין, און אַז זיי ווילען מיך האָבען פאַר אַ בוכהאַלטער מיט אַ געהאַלט פון 30 רובעל אַ מאָנאַט...

איך האָב באַלד, פאַרשטעהט זיך, מיט גרויס פרייד און צופרידענהייט באַטראָטען די שטעלע... איז דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטהאָן איז געווען, וואָס איך בין באַלד אוועק מיט מיין ווייבעלע, מיר האָבען געפונען אַ פּאָר פיינע צימערען, און זיך אַרויסגעקליבען, געוואָרען באַלעבאַטים'לעך אַליין פאַר זיך...

דאָס איז געווען אין די דריי וואָכען... מיין גוטע שוויגער האָט זיך באַליידיגט... ס'הייסט דאָך עפּעס, ווי חלילה, אַרויס־געשטופּט... איך אָבער האָב שוין קיין איין טאָג ניט געוואָלט וואַרטען מעהר צו דער גרויסער פרייד, וואָס האָט מיך ער־וואַרטעט...

איך האָב מיין גרויס גליק דאַמאָלס דערגרייכט! און שוין דעם ערשטען טאָג האָט מיין ווייבעלע, מיין אשת־חיל, אָפּגעקאָכט פאַר מיר דעם ערשטען אָנבייסען פאַר מיין אייגען געלט, וואָס איך האָב אַליין פאַרדינט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען...

ווילט איהר דאָך, מיינע טייערע, מסתמא וויסען וואָס פאַר אַ טעם יענער אָנבייסען האָט געהאַט, ווי עס האָט מיר דאַמאָלס געשמעקט מיין ערשטער אָנבייסען, — איז דאָס אָבער פאַר מיר אוממעגליך צו באַשרייבען. געוויס געדענקט איהר

נאָך אַליין אויך אייער ערשטען אָנבייסען... „יגיע כפּיך כי תאכל — אשריך וטוב לך“ — די האָרעוואַניע פון אייערע הענט, אַז איהר עסט, איז וואויל צו אייך און גוט צו אייך!

יענער אָנבייסען וועט מיר ליגען אייביג אין טעם... מיר האָבען דאַמאָלס פון אונזער גאַנצען הארצען געגעבען אַ ברכת־המזון צו גאָט... וגם הגובערנאַטאָר זכור לטוב.. פאַר פיעל שמחה האָבען מיר אויך דאַמאָלס דעם קיעווער גובערנאַטאָר ניט גע־זשאַלעוועט אַ פּאָר ברכות, אַזעלכע ווי ער האָט פאַרדינט...

אַ באַשערטער קוש.

דאָס איז געווען אין אָקטאָבער פון יאָהר 1905, אין יענע אָלעמען באַוואוסטע אָקטאָבער טעג אין רוסלאַנד, ווען דער צאַר האָט געגעבען אַ קאָנסטיטוציע און האָט זי באַלד דערטרונקען אין אידישע בלוט.

ביי אונז אין שטעדטעל, ווי אין אַלע שטעדט און שטעדטלאך פון דער „טשערטאַ", האָט זיך דאַמאָלס גערודערט מיט דער קאָנ־סטיטוציע. אין די קלויזען, אין די בתי־מדרשים, אין מארק און צווישען די קלייטען — אומעטום זיינען געשטאַנען רעדלאך; מען האָט גערעדט און געשמועסט און אַלעמאָל האָט מען דער־צעהלט פרישע נייעסען. מעהר ווי אומעטום פלעגט דאָס זיין לעבען משה שערמאַן'ס טאַבאַטשנע קלייטעל. דאָרטען איז געווען דער צענטער פון שטעדטעל. אַלע ציוניסטען פלעגען אהין אָפט זיך צוזאַמענקומען, און כאָטש זיי פלעגען האָבען ערגעץ אַנדערש וואו זייערע „זאַסעדאַניעס", אָבער די ריכטיגע „ציוניסטישע" ארבייט פלעגט דאָ אָפגעטהאָן ווערען.

משה שערמאַן, אליין דער סעקרעטער פון די ציוניסטען, פלעגט מיט ניט ווייניג שטאָלץ אָנרופען זיין קלייט „מרכז רוחני" — דער גייסטיגער צענטער. אַנדערע האָבען דאָס גערופען „סטאַנציע שערמאַנאָווקע", ווייל יעדערער וואָס פלעגט דורכגעהן פאַרביי האָט זיך דאָ געמוזט אָפשטעלען, דאָ זיך געמאַכט אַ סטאַנציע, ווייל דאָ, איז מען געווען זיכער, הערט מען שוין אַלע נייעסען, סיי וואָס עס טוט זיך אין שטאָדט און סיי וואָס די בלעטער שרייבען. וועלוועל וואָלינעץ'ס בחורל, מאָטעל דיפּלאָ־

מאַט, פלעגט שטענדיג, געהענדיג פון דער פּאַטשט, זיך דאַ אָפּשטעלען מיט'ן „הצפירה" מיט'ן „קיעווסקאַיאַ סלאָוואָ", און אַמאָל אויך מיט נאָך אַנדערע גאַזעטען, וואָס ער פלעגט אָפּנעמען אויף דער פּאַטשט פאַר זיינע פריינד. דאָ, אויף „סט. שערמאַ־נאָווקאַ", האָט מען שוין צוליינט אַלע בלעטער, און סיי אין קלייטעל, סיי אין דרויסען פאַר דער טיר, זיינען אידען געשטאַנען מיט איינגענראָבענע קעפּ און געהערט די לעצטע נייעסען, וואָס מאָטעל פלעגט דערצעהלען פון די בלעטער, צוגעבענדיג ביי יעדער זאַך זיין אייגענעם פּירוש. און דערפאַר טאַקע האָט מען איהם גערופען „מאָטעל־דיפּלאָמאַט"...

צווישען די אָפּטע אריינגעהער אין דיזען קלייטעל איז אויך געווען „מאָטעל־טאָלסטאָי". מען האָט איהם גערופען מיט דעם נאָמען, ווייל ער פלעגט שטענדיג ריידען נאָר פון טאָלסטאָי'ען. ער און טאָלסטאָי האָבען ביידע דיזעלבע געדאַנקען. אדרבה, פילע געדאַנקען האָט טאָלסטאָי אָנגעשריבען ערשט נאָכדעם ווי ער, מאָטעל, האָט זיי שוין פריהער אַרויסגעבראַכט פון זיין מח...

ווען מאָטעל דיפּלאָמאַט און מאָטעל טאָלסטאָי פלעגען זיך צוזאַמענקומען אין טאַבאַטשנע קלייטעל, איז שוין געווען פרעה־ליך. וואָס איינער האָט געזאָגט, האָט דער צווייטער געזאָגט קאַפּויר. האָט איין מאָטעל עפּעס אויסגעדרונגען ע"פּי דיפּלאָ־מאַטיע, האָט דער צווייטער מאָטעל דאָס צושלאָגען מיט ראיות און חקירות ע"פּי טאָלסטאָי, און אַזוי פאַרקערט.

אין אַזאַ צייט פלעגט אָפּטמאָל תמר, מאָטעל טאָלסטאָי'ס ווייב, די פּרנסה־געבערין אין שטוב פון אַן אייגענער בהמה, אַלענדערקע, וואָס האָט געגעבען אַן עמער מילך אַ טאָג, אריינ־לויפען אין קלייטעל מיט אַ געוואַלד, און זיך צושרייען אויף מאָטלען ער זאָל געהן איהר העלפען אַרויסטראָגען דעם צעבער. די בהמה וועט שוין באַלד קומען פון דער טשערעדע. אָדער ער זאָל איהר העלפען כאַפּען דאָס קעלבעל, וואָס איז אַרויס פון'ם חליעוו. אָבער מאָטעל כאַפּט זיך ניט, ער האָט צייט. זי אַליין,

תמר, איז דאָך אויך ניט מעהר ווי א בהמה און פארשטעהט ניט אז טאָלסטאָי איז ביי איהם ביל׳כער פון אַלע בהמות אין דער וועלט. מאָטעל נעמט ערשט נאכדעם לאנגזאם ארונטער פון אונטער די אויערען די ברילען, הוכקעט אָן עטלאכע מאָל אויף די גראָבע גלעזלאך, ווישט זיי אוים מיט׳ן עק פון זיין העמד־ארבעל, אָדער מיט דער פּאָלע פון דער קאַפּאָטע, און בשעת מעשה באוועגט זיך דער גרויסער קיילאכדיגער גאָרגעל־קנאָפּ, וואָס שטעקט ארוים ביי איהם פון אונטער דעם האלבען טוץ האָר, וואָס ער פארמאָגט אלס א באָרד, לאנגזאם אראָפּ און ארויף, אין א פערפּענדיקולערער ליניע, און באלד הויבט ער ווידער אָן מיט זיין האלב־הייזעריגער שטימע נאָך מיט מעהר חקירות און מיט מעהר ראיות וועגען צאר און די אידען מיט די פּאָגראָמען, און אַלץ נאָר ע״פּי טאָלסטאָי. און מאָטעל דיפּלאָמאַט, פארשטעהט זיך, קומט ווידער ארוים מיט זיין דיפּלאָמאַטיע און באווייזט פונקט דעם היפּך.

שערמאַנ׳ס טאבאטשנע קלייטעל איז אין יענע אָקטאָבער טעג געווען אָן אמת׳ער קעסעל־גרוב. פון אינדערפריה ביז שפּעט אין דער נאכט האָט געקאָכט און געזאָטען דאָרטען מיט מענשען פון דער שטאָדט. טאָמער איז אמאָל אריינגעקומען א קונה פאר אָן אכטעל טיטון, איז ער דאָ געווען ווי אָן איבעריגער. אפילו משה אַליין, דער קרעמער, איז אויך דאָן ניט געווען צופרידען פון אזא קונה...

אין יענע טעג בין איך ארומגעגאנגען ווי א צומישטער. קיין געשעפטען זיינען אין קאָפּ אריין ניט געגאנגען. א גאנצען טאָג איז מען געזעסען אויף סט. שערמאנאָווקע און זיך אָנגע־הערט מיט די וויכוחים וואָס מאָטעל דיפּלאָמאט פלעגט האָבען מיט מאָטעל טאָלסטאָי, און אויך מיט די וויסטע נייעסען פון די ארומיגע שטעדט און שטעדטלאך, וואו אומעטום האָט עס זיך אָנגעפאנגען מיט א פייערונג פון דער קאָנסטיטוציע און זיך געענדיגט מיט הריגות און פּאָגראָמען.

דאַן האָבען מיר, ציוניסטען, דאָ אין קליײטעל באַשלאָסען צו גרינדען אַ זעלבסט־שוץ, צו זיין גרייט פאַר׳ן אומגליק, צו פאַרטיידיגען אונזער לעבען און אונזער עהרע. מיר האָבען באַלד אָרגאַניזירט אַלע סטאָליארעס, קאָוואַלעס און אַנדערע בעלי־מלאכות. מיר זיינען געווען גרייט צו ענטפערען מיט מאַכט געגען מאַכט, ניט ווידערהאָלען די אַלטע שאַנדע פון מייז־לעבעריי אין די קעלערס און אויף די בוידעמס.

די באַלעבאַטים פון שטאָדט אָבער, ווי מאיר פון דער פּאָטשט, יעקב־זעליג פון׳ם אַפּטייק־מאַגאַזין, בעריל באַדיאַן, דער אַפּטאָוניק און אַנדערע, האָבען ניט געוואָלט קיין זעלבסטשוץ. מע דאַרף עס ניט און ס׳טויג ניט! מע טאָר ניט דער׳רגז׳ען נאַטשאַלסטוואָ...

און זיי האָבען צוזאַמענגענומען אַ סומע געלט און באַשמירט דעם גלח, דעם פּריסטאַוו און דעם אוריאַדניק, און אַפילו מאַקאַר דעם סאָטסקי מיט אַלע סטראַזשניקעס. און דער גלח מיט נאַטשאַלסטוואָ האָט דאַמאָלס פאַרהיט דאָס שטעדטעל פון אַ פּאָגראָם.

אין שטאָדט האָט אָנגעהויבען ווערען רוהיגער. די מורא און שרעק זיינען צוביסלאַך אַרונטער. פילע, וואָס האָבען זיך געהאַט צופאָהרען, זיינען געקומען צוריק.

מיינע צוויי קלענערע אייניקלאַך, אברהם׳לע און ליאָוו׳עלע, וואָס די צושראָקענע מוטער האָט ניט גערוהט ביז זי האָט זיי ניט אַוועקגעשיקט צום פעטער נחום אין דאָרף אריין, אום זיי דאָרטען „אויסבאַהאַלטען", האָט מען שוין אויך געבראַכט צוריק...

די באַלעבאַטים פון שטאָדט, צוזאַמען מיט׳ן גלח און נאַטשאַלסטוואָ און מיט די גויאישע מעשטשאַנעס, האָבען געמאַכט אַ פּאַטריאָטישע פּראָצעסיע, מאַרשירענדיג פון איין עק שטאָדט ביז׳ן צווייטען מיט דער באָזשע־מאַטערי, מיט די צלמים און מיט׳ן צאַר׳ס פּאָרטרעט אין דערהויך, און קומענדיג צום קלויסטער, האָט דער גלח, אונטער די מאָנאָטאָנע און אומעטיגע

קלאַנגען פון׳ם גלאָקען־טורם, געזאָגט אַ מאָליטווע פאר׳ן צאַר, געזונגען מיט׳ן קלויסטער־כאָר „באָזשע צאַריאַ חראַני" און אויך דערביי געמוסרט די אידען, אַז זיי זיינען אַלע ווערט דאָס וואָס מען טוט מיט זיי... זיי פאַרדינען קיין רחמנות ניט... נאָר דאָ האָט מען מיט זיי געטהאָן אַ גרויסען חסד א. אַ. וו., א. אַ. וו. נאָכהער האָבען אַלע געקושט דעם צאַר׳ס פּאָרטרעט און די אידישע באַלעבאַטים האָבען זיך געקושט מיט די גויים...

אויף סט. שערמאַנאָווקאַ האָט מען נאָכדעם אַ צייט לאַנג דיסקוטירט דאָס קושען זיך פון די אידען מיט די גויים ביים קלויסטער. מעהר פון אַלע האָבען זיך וועגען דעם ארומגע־קריגטביידע מאָטעלס, מאָטעל דיפּלאָמאַט און מאָטעל טאָלסטאָי, און וואָס איינער האָט געזאָגט, האָט דער צווייטער, פארשטעהט זיך, געדרונגען קאַפּויר...

אויף מיר האָט דאַמאָלס דאָס קושען זיך ביים קלויסטער געמאַכט אַ שווערען און שמערצליכען איינדרוק. איך האָב געזעהן אין אָט דעם געוואַלד־קוש מיט איוואַנען די ערגסטע ערנידעריגונג פון דער אידישער נשמה...

„— איהר זענט ווערט אַלץ וואָס מען טוט אייך... איהר זענט ווערטה מען זאָל אייך אויסשניידען די צינגער, קלאַפּען צוועקעס אין די אויגען א. אַז. וו.... נאָר מיר זיינען גוטע מענשען, מיר טוען מיט אייך חסד... און דערפאַר זייט אונז דאַנקבאַר, זייט אונז אונטערטעניג און קושט אונז!..."

זינט יענעם טאָג, דעם טאָג פון קושען זיך ביים קלויסטער, בין איך געוואָרען זעהר אומרוהיג. גאַנצע נעכט בין איך ניט געשלאָפען, און דער געדאַנק פון איינגאַנצען פאַרלאָזען דאָס צארען־לאַנד האָט אָנגעהויבען שטאַרקער און שטאַרקער צו עגבערען מיין מח.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, נאָך אַ גרינדליכער בעראַטונג מיט מיין ליעבער פרוי, האָבען מיר באַשלאָסען צו עמיגרירען קיין אַמעריקאַ.

אויף די פראַגעס פון אַלע מיינע אייגענע, פריינד און חברים פאַר דער אורזאַכע פון מיין „אַנטלויפען“, האָב איך אַלעמען געענטפערט, אַז איך אַנטלויף ניט פון די פּאָגראָמען. זיי שרעקען מיך ניט. אָבער איך אַנטלויף יאָ פון... אַ קוש טאָן איוואַנען... איך האָב מורא טאָמער וועל איך אויך אַמאָל מוזען מיט געוואַלד קושען איוואַנען... צוטוליען זיך צו זיין טריפה'נער מאָרדע, אַריינקוקען איהם אין זיינע רוצח'דיגע עשו־אויגען און איהם קושען...

אין איינציגע וואָכען שפּעטער האָב איך זיך געזעגענט מיט'ן שטעדטעל, מיט'ן וויגעלע פון מיין געבורט, מיט אַלע אייגענע, פריינד און חברים־ציוניסטען, מיט אַ טיפען שמערץ אין הארצען, אָבער דאָך אַ צופרידענער און אַ גליקליכער, וואָס וועל שוין קיינמאָל ניט אָנקוקען איוואַן דעם רוצח'ס מאָרדע און וועל איהם ניט מוזען מיט געוואַלד אַ קוש טהאָן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף אַ קליינער באַהן־סטאַנציע, שוין לעבען ליבאַווע, דער פּאָרט וואו מיר האָבען זיך שוין באַדאַרפט זעצען אויף דער שיף, זיינען אַרויף צו אונז אין וואַגאָן עטליכע סאָלדאַטען, שכור ווי לוט, און געזוכט פּלעצער וואו זיך צו באַזעצען. מיט איין פּאַסאַזשיר האָבען זיי זיך גלייך פאַרטשעפּעט און האָבען איהם אַזוי צו'ממית'ט, צו'הרג'עט — ווער ווייסט צי ער איז לעבען געבליבען. צו אונז, אין אַ ווינקעל פון וואַגאָן, וואו ס'איז קוים געווען פּלאַץ פאַר מיין געזינד, מיין פרוי, איך און אונזערע פיער קינדער, חוץ אונזערע זאַכען און קלימאַקעס, איז אַריין איינער פון זיי און גלייך אויף אונז אַראָפּגעוואָרפען דעם שינעל. זיין פּנים איז געווען פאַרשוויצט און געברענט ווי פייער... פון'ם פאַרסליעטען פּיסק האָט, ווי פון אַ רויכערנדען וואולקאַן, געזעצט אַ ריח פון וואָדקאַ. זיינע פאַרגאָסענע פּאָגראָם־אויגען האָבען אונז אַלעמען אַרומגעקוקט און ווי געזוכט פון וועמען אָנצופאַנגען, ווערענד דאָס פאַרפּיעניעטע מויל האָט

ניט אויפגעהערט צו שעלטען און צו מאַכען סאָלדאַטסקע מי שברך׳ס. מיין פרוי איז געוואָרען טויט־בלאַס פאַר שרעק. די קינדער האָבען אָנגעהויבען ציטערען און וויינען. איך אַליין ווייס ביז יעצט ניט וואָס פאַר אַ געפיהל ס׳האָט מיך דעמאָלט באַהערשט. איך האָב באַלד, עפּעס ווי אינסטינקטיוו, זעהר פריינדליך אויסגעשטרעקט צו איהם מיין האַנט... איך האָב איהם אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגען אריין, און מיט אַ שמייכעל איהם אָנגעהויבען לאַסטשען און גלעטען... דער סאָלדאַט האָט דאַן צוגעטוליעט צו מיין מויל זיין פאַרזויפענע שווייסיגע מאָרדע, און איך האָב איהם אַ קוש געטהאָן... דאָס האָט איהם גלייך באַרוהיגט און ער איז אַ באַפרידיגטער באַלד אַוועק פון אונז.

אין אַ ווייל׳ע אַרום איז אונזער צוג אריין אין ליבאַווע, פון וואַנען מיר זיינען מיט דער שיף אָפּגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ.

שוין פיעלע יאָהרען זיינען פון דאַן איבערגעלאָפען, אָבער עד היום ליגט מיר נאָך אין טעם יענער קוש, פון וועלכען איך בין אַנטלאָפען, און דאָך איז דאָס מיר געווען באַשערט צו טהאָן איוואַן דעם סאָלדאַט אַלס זיי־געזונט, ביים סאַמע גרענעץ פון צאַרען־לאַנד...

ארץ־ישראל

און אויך א פּאָר זכרונות פון ארץ־ישראל, וועלכע זיינען אויסגע־
לאָזען געוואָרען פון מיין בוך: „מיינע איינדריקע פון ארץ־ישראל".

לבי במזרח.

אין דיזער טייל „ארץ ישראל” וועלכע וועט זיין די לעצטע פון מיינע מעמוארען, וואס איך גיב אין דיזען בוך, וועל איך פרואווען באשרייבען איינינע מאמענטען, וואס האבען געהאט א שייכות און געווען א גורם צו מיין רייזע קיין ארץ־ישראל. מיין רייזע קיין ארץ ישראל האב איך דורכגעמאכט אין דער באגלייטונג פון מיין ליבער פרוי אינ'ם ווינטער פון 1925־1926, נאכדעם ווי מיר האבען אפגעוואוינט פונקט 20 יאהר אין אמע־ריקא. פריהער, אין די ערשטע יאהרען, אלס עמיגראנטען, גרינע נאר וואס אנגעקומענע, און שפעטער שוין אלס בירגער מער־וויינינ „פארפונדעוועטע”, מיט דער שפראך, מיט „ביזנעס און אפילו מיט'ן אזוי צו זאגען, יענקי גייסט...

דער לעזער וועלכער איז געווען גנעדיג צו מיר און האט געשענקט זיין אויפריכטיגע אויפמערקזאמקייט צו מיינע בילדער און מעמוארען ביז יעצט, וועט זיך דא געוויס אפשטעלען און עס וועט איהם ווערען קשה א זאך. ער וועט מיט רעכט פרעגען: וואו זיינען די צוואנציג אמעריקאנער יאהרען? פארוואס זעהט מען ניט צווישען אלע בילדער און מעמוארען, דורכבלעטערענדיג דיזען בוך פון טאוועל צו טאוועל, קיין איין בילד פונ'ם אמערי־קאנער לעבען, קיין איין ערראינערונג פון די צוואנציג יאהר, וואס איך האב געלעבט אין אמעריקא? פאדוואס איבערשפרינגען אזא וויכטיג שטיק לעבען, צוואנציג יאהר אמעריקאנער לעבען, און ניט געבען פון זיי אויך א פאר בילדער און מעמוארען? האב איך נאר געענדיגט שרייבען בילדער און מעמוארען פון דער אלטער היים, פון מיינע יוגענד־יאהרען, בין איך גלייך

אַריבער צום לעצטען קאַפּיטעל, אין וועלכען איך באַשרייב שוין וועגען מיין רייזע קיין ארץ ישראל, איגנאָרירענדיג כמעט איינגאַנצען מיינע צוואַנציג יאָהר אַמעריקאַנער לעבען...

אַ האַרבע קשיה! און איך בין זיך מודה פאַר אייך, ליעבער לעזער, אַז מיר זעלבסט איז אויך געווען קשה די זאַך... איך האָב זיך אַליין אויך געפרעגט דיזעלבע קשיה... איך האָב זיך אָנגעהויבען גריבלען אין זיך זעלבסט... איך האָב זיך אַרונטערגעלאָזט אין די טיפעניש פון מיין האַרץ, און ווי אַן אמת'ער טויכער געזוכט דאָרט אויף'ן סאַמע אָפּגרונט אַן ענטפער צו דיזער פראַגע, און די זאַך איז מיר קלאָר געוואָרען... ווייל... איך האָב דאָרט, אין דער טיעפקייט פון מיין האַרץ, ניט געפונען „אַמעריקא"... מיינע קינדער־יאָהרען זיינען דאָרטען דאָ, זיי פאַרנעמען דעם אויבענאָן... די בחור'שע יאָהרען זיינען פאַראַן... די יונגע יאָהרען מיט חלומות וועגען ציוניזם און ארץ־ישראל איבערפילען דאָרטען אַלע פלעצער, און מיין באַזוך קיין ארץ־ישראל, די זעקס חדשים, די גליקליכסטע צייט פון מיין לעבען — דאָס איז די סאַמע קרוין פון מיין האַרץ... „אַמעריקא" אָבער פעהלט, ניטאָ איהר דאָרט. זי גלענצט, ווי מען זאָגט, מיט איהר אָפּוועזענהייט...

און דער געזוכטער ענטפער איז באַלד אַרויס שאַרף און בולט. און דער ענטפער איז:

„אני במערב ולבי במזרח"... — יהודה הלוי'ס ווערטער, וועלכע, איך בין זיכער, זיינען געווען און וועלען אימער בלייבען אַן אמת אין אַ גרעסערער אָדער אין אַ קלענערער מאָס ביי יעדען אידען אין יעדען דור און אין יעדער עפּאָכע... דער איד וויל דאָס אָפטמאָל פאַרלייקענען, אָבער עס העלפט איהם ניט. פריהער אָדער שפּעטער ווייזט זיך דער אמת, דיזער אייביגער אמת אַרויס... דער איד אין גלות איז קיינמאָל ניט געווען און וועט קיינמאָל ניט זיין קיין אדם־השלם, קיין גאַנצער מענש... אַ גע־זונטע נשמה אין אַ געזונטען קערפּער... דער איד אין גלות איז

אימער אַ חצי עבד און אַ חצי בן־חורין — האַלב קנעכט און האַלב פריי... איז דער גוף ביי איהם פריי, איז זיין נשמה פאַרקנעכט; איז די נשמה פריי, דאַן איז זיין גוף פאַרשקלאַפּט... מיר זיינען געווען האַלבע קנעכט אין גלות־רוסלאַנד, אין אונ־זער אַלטער היים, און מיר זיינען האַלבע קנעכט אין גלות אַמע־ריקא, אין אונזער נייער היים... דער אונטערשיד אָבער איז אַט דער דאָזיגער: אין דער אַלטער היים האָבען מיר געליטען קערפּערליך. אויף יעדען טריט האָבען מיר באַגעגענט באַגרענ־צונגען; וואו מיר האָבען זיך נאָר געוואָלט אַ ריהר טהאָן, האָבען מיר באַגעגענט דעם צאַר׳ס „קראָמע יעוורעיעוו“ (אויסער אידען); די „טשערטאַ אָסיאַדלאָסטי“, מיט באַזונדער פאַר אונז געזעצען, — און דער קערפּער האָט געליטען, דער גוף האָט געקריינקט... די נשמה אָבער איז געווען ביי אונז געזונט, דאָס האַרץ, דאָס אידישע האַרץ, גאַנץ... אין דער גהעטאָ, אין די כותלי בית־המדרש האָט, זיך די נשמה אָפּגעהיט און געהאַלטען גאַנץ... דאָס אידישע הויז, די אידישע טראַדיציעס, די היי־ליגקייט פון שבת, די שענקייט פון די אידישע ימים־טובים — זיי זיינען געווען אַ מויער, אַ פעסטונג אַרום דער אידישער נשמה; די אידישע ערציהונג על ברכי התלמוד, די ספרים, וואָס זיינען געווען געשריבען אין אונזער הייליגער שפּראַך, אין דער שפּראַך פון תנ״ך, אין דער שפּראַך פון אונזערע נביאים, — זיי האָבען אויפגעהאַלטען אונזער נשמה, זיי זיינען געווען אַ פאַנצער פאַר׳ן אידישען האַרץ...

אין דער נייער היים אין אַמעריקא זיינען מיר באַפרייט גע־וואָרען קערפּערליך. מיר האָבען געפונען דאָ אַ פרייע וועלט, וואו מיר קענען אויסגלייכען אונזערע איינגעבויגענע פּלייצעס, אויפהויבען אונזערע אַראָפּגעבויגענע קעפּ, אויסשטרעקען אונ־זערע איינגעקאָרטשעטע גלידער... אָבער דאָ האָט זיך די גלות־פּצענע געביטען... דער קערפּער באַפרייט — די נשמה פאַר־שקלאַפּט... דער זעלבער חציו עבד וחציו בן־חורין, מיט פאַר־

ביטענע ראָלען... דער איד אין אמעריקא לעבט פריי, באוועגט זיך פריי, ער איז זאט, ער איז רייך, איבערגעשטאָפּט צו דער שטופּע פון „וישמן ישורון". איז אָבער די נשמה זיינע פאַר־קנעכטעט... דאָס לעבען פון'ם אריבערגעקומענעם אידען קיין אמעריקא איז ניט קיין נאַטירליך לעבען... עס איז א נאָכגע־מאַכט לעבען, א אימיטאַציע... דאָס הארץ ארבייט ניט... אַלעס ווערט דאָ געטאָן ווי מיט א מאָטאָר דורך עלעקטרי... טוט דאָך היינט א גולם אויך אַלערליי ארבייט דורך ראַדיאָ — אָהן א לעבעדיג הארץ...

די אידישע נשמה קען זיך ניט ארייַנפּאסען אין דער אטמאָספערע פון „בייב רוטה" און פון „טוני און דעמפסי". זי בענקט נאָך איהרע הייליגטימער, נאָך איהר שבת, נאָך איהרע ימים־טובים, נאָך איהר ספר, געשריבען אין איהר הייליגער שפראַך... אין דער גאַנצער פרייהייט, וואָס מיר געניסען דאָ, אין אונזער נייער היים, ליגט א טיפע קנעכטשאַפט... „עבדות בתוך חירות", ווי אחד־העם זאָגט...

סמנים הויבען זיך אָן צו ציינען ביים אמעריקאנעם אידענ־טום פון אויפלעבונג, אויסלייטערונג און קריסטאַליזירונג. דאָס אידישע הארץ הויבט אויך דאָ אָן צו צייגען סימפּטאָמען פון לעבען און עס איז צו האָפען, אז די נשמה פון אידישען פאָלק וועט מיט דער צייט אויך דאָ זיכער ערוואכען...

זעהען מיר אָבער גלייכצייטיג סמנים פון אידען־פאַרפאַל־גונגען, פון אנטיסעמיטיזם, באגרענצונגען א. אז. וו. הייסט דאָס, דערזעלבער שפּיל, דיזעלבע סצענע, נאָר געביטענע ראָלען...

אין אונזער אַלטער היים, ווי אין אונזער נייער היים איז דער איד געווען און וועט אימער זיין א חציו עבד וחציו בן־חורין... א אדם השלם, א גאַנצער מענש, איז ער נאָר אין אונזער אַלט־נייער היים, אין אונזער ארץ־ישראל... ווער עס האָט געהאַט דאָס גליק צו זיין די לעצטע צייט אין אונזער לאַנד, דער האָט געזעהען דאָרט דעם אידען א גאַנצען... א גאַנצער

איד און א גאנצער מענש, א פרייער קערפער און א פרייע נשמה...

מיין לעבען אין די איבער צוואנציג יאהר, וואס איך האב געלעבט ביז יעצט אין אמעריקא, איז געווען ווי דאס לעבען פון׳ם דורכשניטליכען אידען אין אמעריקא. א טרוקען לעבען, א געקינסטעלט לעבען, ניט קיין נאטירליכער... א לעבען אהן א הארץ...

דאס שעהנסטע, וואס דער איד פארמאגט — שבת, רייסט מען ביי דיר ארויס פון׳ם הארצען, און ווי א גולם, אהן אן איינענעם ווילען, היטסטו אפ, צוזאמען מיט אלע, דעם הייליגען זונטאג... די בענשט ליכט פרייטאג צו נאכטס — אויב אפילו מען פארגעסט ניט אין זיי — שטעהען עפעס ווי נעבאכ׳דיגע, עלענדע און פאר׳יתום׳טע... אונזערע יום־טובים — ניט דו זעהסט זיי אויף דער גאס, ניט אין שטוב... דיינע קינדער, אויס רעספעקט, הערען זיך צו אמאל צו וואס דו דערצעהלסט זיי פון אחד־העם און פון ביאליק, אבער דער פרעשור פון דרויסען, פון בייז־באל און פון פייטס, איז פיל גרעסער און שטארקער פון דיר... דיין אידישער ניגון מיט׳ן חסידישען קרעכץ, וואס רייסט זיך ביי דיר נאך אמאל ארויס פון הארצען, ווערט פאר־שטיקט פון די דזשעז־קולות, וואס זיינען פיעל העכער און שטארקער...

וועגען אזא לעבען, וועט איהר מודה זיין, ליעבער לעזער, איז זעהר שווער צו שרייבען מעמוארען. פאר מיר, פיהל איך, איז דאס איינגאנצען אוממעגליך. איידער מיין פען שרייבט עפעס, מוז זי פריהער זיך איינטונקען אין דער זאפט פון מיין הארצען, און די צייט פון מיין לעבען אין אמעריקא, די אמעריקאנער יאהרען, זיינען, ליידער געווען זעהר, זעהר טרוקענע אהן אביסעל לחלוחית, אהן זאפט...

און אט דאס איז דער ענטפער פארוואס איך שטעל זיך גלייך אפ ביי „ארץ־ישראל“, איבערהיפענדיג מיינע צוואנציג יאהר „אמעריקא ... לבי במזרח !...

אַ רובעל מיט ניינצען.

— ווען איך האָב אָנגעהויבען וועלען זעהן ארץ־ישראל? — פאַרשפּאָרט איהר, ליעבער לעזער, פרעגען. איהר ווייסט, גלויב איך, אַליין ווען... ווען אַ אידיש קינד הויבט אָן צו דאַווענען און בייטען דריי מאָל אַ טאָג „ותחזינה עינינו", נאָך פונ׳ם ערשטען מאָל „לשנה הבאה בירושלים" — דעם אייביגען וואונש ביי יעדען יום־טוב, ביי יעדער שמחה און ביי יעדער געלעגענהייט, וואָס איז איינגעזאַפּט אין׳ם אידען פון קינדהייט אָן... נאָך אין וויגעלע חלום׳ט דאָך שוין דאָס אידישע קינד פון׳ם לאַנד, וואו עס וואַקסען ראָזשינקעס מיט מאַנדלען... חלום׳ט דאָך דאָס גאַנצע אידישע פאָלק שוין צוויי טויזענט יאָהר אָט דעם זיסען חלום...

אַ ממשות׳דיגע, אַ קאָנקרעטע פאָרמע, אָבער, האָט ביי מיר אָט דער חלום אָנגעהויבען אויף זיך אָרויפציהען מיט׳ן ערשטען רובעל מיט ניינצעהן קאָפּיקעס, וואָס איך האָב געמאַכט פאַר „ישוב־ארץ־ישראל"...

צו זיין טריי דער כראָנאָלאָגיע, איז דאָס געווען ערב יום כפור תרמ"ד. איך בין שוין געווען אריבער פופצעהן יאָהר אַלט, אַ בחור׳ל אַ משכיל. האָב שוין געלייענט דעם „המליץ". די „חבת־ציון" באַוועגונג איז שוין געווען פאַרשפּרייט, באַזונדערס צווישען דער יוגענד. און יענעם ערב יום־כפור בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָב, אַזוי צו זאָגען, פּראָקלאַמירט ישוב־ארץ־ישראל ביי אונז אין שטעדטעל...

באַלד נאָכמיטאָג האָב איך שוין פאַרכאַפּט אַ זיץ אין דער סקווערער קלויז, ביים לאַנגען טיש, וואָס איז אָוועקגעשטעלט

געוואָרען לעבען דער טיר ביים סאמע אריינגאנג. צווישען אלע „קערות“ פאר פארשידענע צדקה־זאכען איז געשטאנען מיין טעלער, באדעקט מיט א גרויסען און שעהנעם אויפשריפט אויף פאפיר „למען ישוב־ארץ־ישראל“, מיט אותיות מרובעות (אויס־געשניטען פון׳ם „המליץ“). יעדער ווער עס איז אריינגעקומען, האט באלד פארוואונדערט געוואָרפען זיין בליק אויף מיר... ווי קום איך עפעס אהער? ביי דער „שיסעל“, זיצען געוויינליך עלטערע אידען... וואס פאר א שייכות אבער האב איך, א אינגעל, א שנעק, צו אזא זאך?...

דוד דער יתום, וועמען איך בין שוין פון לאנג עפעס ניט געפעלען געוואָרען... עפעס רעד איך איהם צופיל וועגען תנ״ך און וועגען דקדוק, און עפעס בכלל געוואָרען א „קל“... איז גאר צומישט געוואָרען, דערזעהענדיג מיך מיט׳ן אויסשניט פון׳ם „המליץ“ — „למען ישוב ארץ ישראל“... וואס איז דאס עפעס פאר א נייעס? וואס, הייסט עס, קערסטו זיך אן מיט ארץ־ישראל? און ווי קומט אהער, דא אין קלויז, א שטיקעל „המליץ“?...

איך בין אבער געשטאנען פעסט אויף מיין פאסטען און האב מיט שטאלץ יעדען איינעם אפגעשטעלט און אנגעצייגט אויף מיין טעלער און אויף די שעהנע פיער־עקיגע אותיות „למען ישוב ארץ ישראל“...

כמעט יעדער איד פון דער קלויז, צעוואַרימט פון דער לאנגער ערב־יום־כפור׳דיגער מנחה, און צובראכען פון׳ם שמש׳ם מלקות, וואס האט איהם דערמאנט אין זיינע שווערע זינד, האט, טיילענדיג צדקה פאר אלע טעלער, מיך אויך ניט פארפעלט. און אין מיין טעלער אויך אריינגעוואָרפען ווער א קאפיקע, ווער צוויי און מעהר. איך בין יענעם ערב יום־כפור אוועק מיט א רובעל מיט נײַנצעהן קאפיקעס.

איך האב באלד נאך יום־כפור אוועקגעשיקט דאס געלט צום „המליץ“, וואו עס איז שפעטער געווען געדרוקט מיין נאמען און

דער נאָמען פון'ם שטעדטעל, מיט דער סומע געלט, וואָס איך האָב געמאַכט פאַר ישוב ארץ־ישראל...

אַט יענער רובעל מיט ניינצעהן קאָפּיקעס איז געווען דאָס קערענדעל, פון וועלכען עס איז שפּעטער ארויסגעוואַקסען דער בוים פון ציוניזם אין מיין האַרצען... דאָס איז געווען דער קרן־היסוד, אויף וועלכען עס איז געבויט געוואָרען דורך אַ רייהע יאָהרען מיין אייגענער ישוב ארץ ישראל, מיין שטרעבונג צו זיין אליין אין אונזער לאַנד, אין ארץ ישראל, ביז אויף היינטי־גען טאָג...

אברהם־לייב דער גלעזער.

איינמאָל, געדענק איך, אין אַ תשעה־באב, בין איך געזעסען מיט אַ פּאָר פון מיינע חברים אויפ'ן „פעלד" (אויפ'ן בית־עולם). מיר זיינען שוין אַלע דאָן געווען אינגלאך משכילים. אויפ'ן תשעה־באָב בכלל האָבען מיר שוין געקוקט מיט אַנדערע אויגען... מיר האָבען שוין טיפער און ברייטער באַאָבאַכטעט דעם „עבר" און איהם געבונדען און געקניפּט מיט אַ עתיד, וועלכער האָט זיך שוין דאָן אָנגעהויבען וויקלען פאַר אונזערע אויגען. די טאַטעס אין די זאָקען־אָהן־שיך זיינען געזעסען מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ און זיך דערצעהלט מעשיות פון טיטוס'ן מיט די רוימער און פון קמצא־בר־קמצא. אַנדערע האָבען מקיים געווען און געוואָרפען איינער דעם צווייטען בערלאך... אַ מנהג איז דאָך ווי אַ דין, אפשר נאָך שטאַרקער... האָט חברה דעריבער שוין טאַקע באַזאָרגט דעם עולם מיט בערלאך נאָך פון ערב תשעה־באָב... נאָך גאַנץ פריה איז מען אַוועק אויסער דער שטאָדט, מיט דער האדקע אַזש ביז צום בראַווער און דאָרטען אָנגעריסען בערלאך וויפיל דו האָסט אַליין געוואָלט.

אין אונזער ווינקעל, וואו מיר זיינען געזעסען, ערגעץ טיעף פאַררוקט לעבען אַן אַלטער מצבה, אונטער אַ געדיכטען בוים, מיט שווארצע גולאשען, איז געווען שטיל. מיר זיינען געווען דאָן אַלע פילאָסאָפיש־פּאָעטיש געשטימט... בעני נתי'ס האָט „דער־קלאַמירט" שטיקער פון יהודה־הלוי'ס קינות „ציון הל"א תשאלי", „אלי־ציון ועריה", און מיר אַלע האָבען באַוואונדערט און פאַר־געטערט די טיעפע פּאָעזי פון'ם אומשטערבליכען משורר און זיין

הייסע ליעבע צו ציון... דאַן איז פאַרבייגעגאַנגען לעבען אונז, און זיך באַלד אויך אָפּגעשטעלט, „אברהם־לייב דער גלעזער“...

מיר האָבען איהם באַלד געמאַכט אַ בכבוד'יג אָרט לעבען אונז, ווייל, ערשטענס, האָבען מיר איהם אַלע גוט געקענט. כאָטש שוין אַן עלטערער מאַן און אַ איד אַ גלעזער, אַ בעל־מלאכה, דאָך אַנדערש ווי אַנדערע אידען. אַ איד וואָס איז קלאָר אין גאַנץ תנ"ך ווי אין אשרי, און אַ בעל דקדוק אַ זעלטענער. ער האָט שיעור ניט אַליין אַרויסגעגעבען אַן אייגענעם חיבור אויף דקדוק, עפּעס אַ מין קיצור פון'ם „מסלול“ און פון'ם „תלמיד לשון עברי“ מיט'ן „מורה הלשון“ צזאַמענגענומען... ס'זאָל נאָר געווען זיין געלט אויף אַריינצוגעבען דאָס אין דרוק... אברהם־לייב דער גלעזער איז געווען באַוואוסט אין שטאָדט אַלס איינער פון די אַלטע משכילים. אָבער אויסער דעם, און דאָס איז דער עיקר, אברהם לייב איז אַליין געווען אין ארץ־ישראל...

מיר, איינגלאַך, האָבען געקוקט אויף איהם דער־פאַר מיט גרויס דרך־ארץ. אַ קליינינקייט, ער אַליין איז געווען אין ארץ־ישראל און האָט דאָס אַליין געזעהען מיט זיינע אויגען!...

אברהם־לייב האָט אונז דאַן אַלעם דערצעהלט פון ארץ־ישראל. ער האָט זיך געמיטליך האַלב־צולייגט אויף דער ערד, מיט איין האַנט אונטערגעשפּאַרט זיין שעהן גרויליך פּנים, און מיט דער צווייטער געהאַלטען און געדרויבערט אַ פּאַפּיראָס, אריינ־געשטעקט אין אַ לאַנגען ציגאַר־פּיסק. מיר אַלע אַרום איהם זיינען געזעסען אויפ'ן גליטשיגען האַלב־פאַרגעלטען גראָז, טיעף פאַר־זונקען אין'ם ארץ־ישראל־שמועס, וועלכער האָט אונז ווי אויף פליגעל אַריבערגעטראָגען אין יענעם לאַנד, מיט זיינע הייליגע ערטער. מיר האָבען דאַן אויך געשלונגען מיט גרויס דורשט די ידיעות, וואָס ער האָט אונז איבערגעגעבען וועגען נייעם ישוב און וועגען נייעם גייסט, וואָס האָט אָנגעהויבען אַריינדרינגען אין אונזער אַלטער היים דורך יונגע קאָלאָניסטען, וואָס באַאַרבייטען

און באַנעצען מיט זייער שווייס און בלוט די הייליגע ערד פון אונזער לאַנד...

אברהם־לייב דער גלעזער האָט אין יענעם תשעה־באָב אַריינ־געפלאַנצט טיעף אין מיין הארצען אַ וואונש, וועלכער איז געלעגען יאָהרען לאַנג באַהאַלטען אין מיר און געוואַרט, אַ וואונש צו זעהן אַליין מיט מיינע אייגענע אויגען אונזער לאַנד ארץ־ישראל.

דער וואונש איז שפּעטער מיט יאָהרען ערפילט געוואָרען — אַ לויב צו גאָט! און אויך אַ שטיק דאַנק יענעם לאַנדסמאַן, אברהם־לייב, יעצט שוין געווים מסתמא אַ שוכן עפר, אַ איד אַ בעל־מלאכה, ניט פון די יחסנים, אָבער הלואי אַ סך אַזעלכע אידען מיט אַזוי פיל ליעבע צו אונזער לאַנד — און ארץ־ישראל וואָלט שוין לאַנג געווען אין אונזערע הענט.

ציוניזם און דער ערשטער קאָנגרעס.

יאָהרען זיינען געלאָפען — יאָהרען האָבען אַ טבע, ניט נאָר זיי געהען, נאָר זיי לויפען... — און עס איז אָנגעלאָפען דאָס יאָהר 1897. דר. הערצל מיט זיין יודענשטאַט און דער ערשטער קאָנגרעס,, ווי מיר געדענקען אלע גוט, האָט דאמאָלס אָנגעמאַכט אַ גרויסע רעוואָלוציע אין אונזער נאַציאָנאַלען לעבען. דער מיניאַטור חבת־ציון איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קאָלאָסאַלער פאָלקס־באַוועגונג, מיט'ן נאָמען „ציוניזם". צו די פריהערדיגע „חובבי־ציון", וואָס האָבען געהייסען לויט'ן נאָמען „ליוביטעלעם פון ציון", ווייניג אין צאָהל, אחד בעיר ושנים במשפחה, האָבען אָנגעהויבען קומען גאַנצע מחנות קעמפער און זיך אריינגעשטעלט אין די רייהען פון אַ ברייטער אָרגאַניזאַציע. אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל האָט זיך דאַן געגרינדעט אַן אגודה ציונית (קרו־זשאָק), וועלכער האָט באַלאַנגט צום ראַיאָן. דער ראַיאָן האָט באַ־לאַנגט צו דער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע און אַלע לאַנדעס־אָרגאַני־זאַציעס צו דער אַלוועלטליכער אָרגאַניזאַציע. דער ציוניסט האָט זיך מיט אַמאָל דערפיהלט אַלס אַ חלק פון אַ פאָלק, אַ מיטגליד פון אַ נאַציאָן, ניט קיין אָפגעריסענער שטיק, ניט קיין אבר מדולדל...

אויפ'ן אָרט פון פריהערדיגען גראָשענדיגען ישוב ארץ־ישראל, וואָס האָט געשלעפט יאָהרען לאַנג זיין נעבאַכדיגען עקזיסטענץ, איז אויסגעוואַקסען דער קאָלאָניאַל באַנק, דער נאַציאָנאַל־פאָנד מיט אַ שקל קאָפּ־שטייער פאַר יעדען אידען. עס איז מיט אַמאָל געוואָרען לעבעדיג אין מחנה־ישראל.

מיט מיין ברוינה'לע, חנוכה נאָכ'ן ערשטען קאָנגרעס.

דער ערשטער באַזעלער קאָנגרעס איז דאַן געווען אַ נייער באַרג סיני, אויף וועלכען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען פריי־הייט פאַר'ן גאַנצען אידישען פאָלק. מיט אָטעם־פאַרכאַפּענדען אינטערעס האָט מען נאָכגעפאָלגט יעדען שפּאַן, יעדען טריט פון אונזער פיהרער, פון אונזער גואל.

אָט איז דר. הערצל אין לאָנדאָן און זעהט זיך מיט די ענגלישע לאָרדען... אָט האָט ער אַ אָודיענץ מיט'ן גרעסטען מאָנאַרך פון דער וועלט, מיט קאַיזער ווילהעלם. טאַקע אין ארץ־ישראל טרעפען זיך די צוויי גרויסע לייט. און אָט איז ער אין אילדיז־קיאָסק. ער קריגט פון'ם סולטאַן דעם גרעסטען אָרדען מיט אַ כבוד־מלכים.. און פּלוצים דערהערט זיך אַז דר. הערצל איז אין רוסלאַנד... פאַן־פלעווע אַליין, דער צורר, האָט איהם איינגעלאַדען צו זיך... ווענען וואָס, פאַרשטעהט זיך, איז געווען בסוד. דאָס הארץ איז געוואַקסען, איז געווען פול מיט פרייד, בטחון און האָפענונג.

מיט אַ רעליגיעזען עקסטאַז, מיט אַ חסידישער התלהבות האָט מען זיך אריינגעוואָרפען אין'ם ציוניזם... פונקט ווי חסידים מיט זייער שטה „עבדו את ד' בשמחה", מיט זייער „דער רבי האָט געהייסען פרעהלאַך זיין" — אַזוי די ציוניסטען האָבען ארונטערגעוואָרפען פון זיך די עצבות, אוועקגעשליידערט דעם פּעסימיזם און האָבען אָנגעהויבען פראַווען יום־טובים'לאַך מיט פּייערליכע אָוונטען. עס האָבען זיך געיאַוועט פרישע פאָלקס־לידלאַך מיט שירי־ציון, וועלכע האָבען געהויבען דעם גייסט און אָנגעפילט דאָס הארץ, ווי ביי אונזערע פאָטערס חסידים, מיט אמת'ער אמונה... אמונה אין אונזער אידעאַל.

צווישען אַלע ציוניסטען אין אונזער שטעדטעל בין איך, קען מען זאָגען, געווען דער פאַרברענטסטער. מיט גרויס ענטוזיאַזם און מיט אַ חסידישען ברען אין הארצען פלעג איך ארומלויפען איבער'ן שטעדטעל, פאַרקויפענדיג שקלים און אַקציעס און וואו

ערגעץ אַ חתונה, אַ ברית אָדער אַזוי אַ קורמישעל, בין איך שוין אויסגעוואַקסען מיט׳ן נאַציאָנאַל־פּאַנד.

אין שטעדטעל ביי אונז, וואו כמעט יעדערער האָט געהאַט אַ צונאָמעניש, האָב איך אויך דאַן באַקומען אַ צונעמעניש — „ציוניסט״!... טאָמער עפּעס, פלעגט מען מיר אויסוואַרפען: „ציוניסט״... פלעגט זיך אַמאָל מאַכען מיט מיר ביים וואָקזאַל, וואו איך פלעג זיך געפינען באַשעפטיגט אַ גאַנצען טאָג, צווישען ברויט־סוחרים, קאָמיסיאָנערען און מעקלערס, עפּעס אַ פּאַר־טשעפּענים מיט עמיצען איבער אַ „וועגעלע״ גערשטען אָדער פּראָסא (אַ וואַגאָן פלעגט מען רופען „וועגעלע״), פלעגט מען מיר באַלד אויסוואַרפען „ציוניסט״... דו, ציוניסט, דו !...

איינמאָל האָט דיזעלבע חברה קאָמיסיאָנערען און מעקלערס ביים וואָקזאַל מיר אָפּגעטאָן גאָר אַזאַ שפּיצעל: אויף די יאַרוסען זעק מיט תבואה, וואָס ליגען אויף דער ראַמפּע, און וואַרטען צו פאַרלאָדען ווערען אין די וואַגאָנען, שטעהט, געוויינליך אויף יעדען יאַרום אָנגעשריבען מיט שוואַרצער מאַרקע דער נאָמען פון׳ם עקספּעדיטאָר, צו וועמען די סחורה באַלאַנגט. סוחרים און מעקלערס דרעהען זיך אַרום אַ גאַנצען טאָג אויף דער ראַמפּע צו זעהן וועלכע יאַרוסען זיינען שוין פאַרלאַדעט געוואָרען און וועלכע נאָך ניט. אַלע געהען אַרום מיט שטעכערס אין די בוזימער, מיט וועלכע מען שטעכט אַרויס פון די פאַרמאַכטע זעק פּראָבען פון די תבואות, און איבער דער גאַנצער ראַמפּע אַרודעוועט זיך... מען מקח־וממכרט איינער מיט׳ן צווייטען און מען מנחם־מענדעלעוועט אַז עס פאַרטויבט אַזש די אויערען...

איינמאָל אַ אינדערפריה, דער גאַנצער עולם קלייבט זיך צוזאַמען, עס הויבט אָן ווערען לעבעדיג אויף דער ראַמפּע. מען טוט אַ קוק — זעהט מען אויף אַלע מיינע יאַרוסען אָנגעשריבען מיט גרויסע שוואַרצע בוכשטאַבען אין רוסיש „צ י ו נ י ס ט״... דער עולם, פאַרשטעהט זיך, האָט שוין אַ גאַנצען טאָג געהאַט

פון וואָס צו לאָבען, און די גאַנצע ראַמפּע פון איין עק ביז'ן צווייטען איז דאַמאָלס געגאַנגען חאָדאָראָם מיט'ן „ציוניסט“...

האָבען מיך אַמאָל אַרומגעזוכט פּויערים מיט פּורלאַך תבואה, צוגעשיקט אויף מיין נאָמען צום וואָקזאַל, און זיי האָבען מיך אַזוי גיך ניט-געקענט געפינען, האָט חברה זיי געהייסען זיך נאָכפרעגען אויפ'ן „ציוניסט“... געהט אַרום דער גוי איבער'ן גאַנצען וואָקזאַל פון איינעם צום צווייטען, און פרעגט זיך: „גדיע טאַט פּינקוס ציוניסט?“... (וואו איז דאָ פנחס ציוניסט?) דער גאַנצער עולם האַלט זיך ביי די זייטען און קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער...

מערקווירדיג, דער זעלבער עולם סוחרים, קאָמיסיאָנערען און מעקלער, אפילו די פּריקאַזטשיקעס מיט די ארבייטער, ווען נאָר עס איז געווען ליידיגע צייט, פלעגען ליעב האָבען זיך אַרומזעצען אַרום מיר, צי אויפ'ן וואָקזאַל, צי אויף די זעק מיט תבואה אויף דער ראַמפּע, און הערען ווי איך לייען פאַר זיי פון די גאַזעטען פאַרשידענע נייעסען מיט אַרטיקלען וועגען דר. הערצל, וועגען ציוניזם און וועגען ארץ-ישראל. זיי פלעגען ממש שלינגען מיינע ווערטער מיט'ן גרעסטען אינטערעס און פלעגען זיך בעטען איך זאָל פאַר זיי לעזען נאָך און נאָך פון רוסישע צייטונגען אָדער פון'ם „הצפירה“ איבערזעצענדיג אין אידיש.. און טאַקע אָט דער ציוניזם אליין האָט שטענדיג געוועקט ביי אַזעלכע אידען זעלבסט-רעספּעקט, און זיי געמאַכט באַוואוסטזיניג ניט צו שפּעטען איבער זיך זעלבסט, ניט חוזק צו מאַכען פון זיך אליין...

די ערשטע פייערונג, וואָס אונזער „אגודת ציונית“ האָט געמאַכט ביי אונז אין שטעדטעל, איז געווען חנוכה. די גאַנצע צוגרייטונגס-ארבייט, ווי מיטינגעס, דאָס איינזינגען מיט'ן כאָר, דעקאָראַציעס פאַר'ן אָוועגט וכדומה, איז מעהרסטענס פאָרגעקומען אין מיין הויז. וואָכען לאַנג האָט זיך געראודעלט ביי מיר אין שטוב. אַלע אָוועגט איז דאָס געווען ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. מיין ליעבע פרוי האָט שוין תחילת נאַכט פאַרזאָרגט די

קינדערלאך און אַליין גענומען אַ גרויסען אַנטייל אין אונזער ארבייט, באַזונדערס אין דער פאָרשטעלונגס־טייל.

אָרימע! זי האָט נעבאך אויך ניט איינמאָל געליטען פון לייטענס נאַרישען געלעכטער איבער'ן ציוניזם.

טאַקע איהר פעטער נחום אַליין, דוקא אַ תלמיד חכם און אַ קלוגער איד, אָבער דאָך פון'ם אַלטען חדר, פלעגט אָפט ליעב האָבען זיך צו ווערטלען איבער איהר...

— וואָס הערט זיך, ברײנה'לע? איך האָב געהערט דו קאָנסט שוין גוט מאכען „פּערוועסלעס" (שטרויענע גאַרטלעך) צו בינדען סנאָפּעס אין ארץ ישראל? — פלעגט ער ליבען זיך אביסעל דורכשפּעטעווען.

אָבער ווען עס איז געקומען דער אָווענט איז געקומען די גאַנצע שטאָדט. לייזער־אבא'ס חתונה־זאַל איז געווען פול, אי־בערגעפּאַקט. אויף די קעפּ איז מען געשטאַנען. דער גאַנצער אָווענט איז דורכגעפיהרט געוואָרען גלענצענד. דער גאַנצער עולם איז געווען העכסט באַגייסטערט פון דער שעהן־דעקאָרירטער עסטראַדע, מיט אַ גרויסער ווייס־בלויער פאָהן און אַ גרויסען מגן־דוד, געמאַכט פון פאַרשידענע קינסטליכע ראָזען, סיי פון דער רייכער פּראָגראַם פון אָווענט, וואָס איז באַשטאַנען פון געזאַנג, דעקלאַמאַציעס און פאָרשטעלונגען. אויך פון די זעהר שעהנע רעדעס וועגען ציוניזם און וועגען דער נייער חנוכה, די נייע באַנייאונג, די ווידעראויפלעבונג פון'ם אידישען פאָלק...

די גרויסע מאַסען, וואָס האָט דאַמאָלס אָנגעפילט דעם זאַל, האָט זיך דערהויבען צום העכסטען עקסטאַז פאַר'ן ציוניסטישען אידעאַל. דער גאַנצער זאַל האָט אין אַ מאַסען־כאָר מיטגעהאָלפען אין'ם צוזינג פון אליוקם צונזער'ס אַ ציון־ליד: לאָמיר געהן דאָרט, אין אונזער אָרט, אין אונזער פאָטערלאַנד! און דער בראַוואָ געשריי אן די אַפּלאָדיסמענטען האָבען פארהילכט די אויערען...

אַלע זיינען שפּעטער אויך געוואָרען שקל־צאָהלער און זיך איבערגעגעבען מיט׳ן גאַנצען הארצען צו דער באַוועגונג.

יענער אָוועגט איז פאר אונז, א הייפּעלע ציוניסטען אין אונזער שטעדטעל, געוועזן און געבליבען א היסטאָרישער, און ער וועט אויך בלייבען איינגעקריצט אין אונזער זכרון אויף אייביג.

און דאמאָלס, שוין נאָך אַלעמען, עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, זיינען מיר, די פיהרער פון דער אגודה ציונית, טאַקע ווי אמת׳ע הייסע חסידים אריינגעכאַפּט זיך אביסעל צום רבי׳ן אין שטיבעל, צום יושב־ראש פון אונזער אגודה.

ראָזע, אונזער ליעבע יושב־ראש׳יכע (אזוי האָבען מיר ליעב געהאַט זי צו רופען), האָט מיט דער הילף פון אונזערע פרויען, זיך אַ נעם געטאָ:ן צו דער ארבייט און באַלד איז אויסגעוואקסען דער סאַמאָוואר מיט איינגעמאַכטס און מיט אַלערליי פּאַרביי־סענס. חברה האָט זיך ערשט דאַן צעוואַרימט. מען האָט אויס־געזונגען וואו א ניגונ׳דעל, וואו א זמר׳ל, ביז מען איז ארויס אין א קאַראָהאָד ארום טיש און מען האָט געזונגען און געטאַנצט „ביז׳ן ווייסען טאָג אריין“...

די נאַכט איז שוין געווען באַלד פאַריבער, און מיר האָבען נאָך אַלץ געזונגען נאָך אמאָל און נאָך אמאָל —

לשנה הבאה בירושלים הא הא הא הא!...

לשנה הבאה בירושלים הא הא הא הא!...

און אין יענער נאַכט האָט זיך ווידער דער וואונש „לשנה הבאה בירושלים“ איינגעגראָבען נאָך טיפער, טיפער אין מיין הארצען, און שטילערהייט דאָרטען געוואַקסען און געוואַקסען, ביז עס איז געקומען די צייט, די גליקליכע צייט און דער וואונש איז מקוים געוואָרען...

צוואנציג יאָהר מדבר.

און דאמאָלס זיינען ווידער יאָהרען אוועקגעלאָפען, ווי זייער שטייגער איז אַלעמאָל... עס איז אָנגעלאָפען דאָס היסטאָרישע יאָהר 1905 — „בצאת ישראל מארץ רוסיה" — ווען אידען האָבען אין גרויסע מאסען אויסגעוואנדערט פון רוסלאנד. דאָס איז געווען דאָס יאָהר פון דער גרעסטער אידישער עמיגראציע... דאָס פאָלק, די וואָס האָבען נאָר געהאט אויגען אין קאָפּ, האָבען זיך דאמאָלס אַרומגעקוקט און איבערצייגט, אַז אין רוסלאנד איז קיין האָפנונג ניטאָ פאר'ן איד, אמווייניגסטען פאר אַ לאנגער, לאנגער צייט... און מען איז אַנטלאָפען פון דאָרטען ווי פון אַ פייער...

אין יענעם יאָהר בין איך מיט מיין פרוי און קינדער אויך געווען פון די אַנטלאָפענע. מיר האָבען זיך באזעצט אין אמע־ריקא.

צוואנציג יאָהר האָט ביי מיר געדויערט פון יציאת רוסלאנד, ביז מיין רייזע קיין ארץ־ישראל... און, צו וואָס פארלייקענען, דאָס זיינען געווען פאר מיר, פאר מיין הארץ, פאר מיין נשמה, מיין איך, צוואנציג יאָהר מדבר!...

אמת, אין דיזען „ניו יאָרקער מדבר", טאָקע ווידער ניט צו פארלייקענען, האָב איך אימער „געמאַכט אַ לעבען"... חלילה זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט, ווי יענע מדבר־זיידעס, מיט אַ זכרנו את הדגה!... דער „סיר־הבשר"? ווער ווייסט דאָס ניט? דער געהט דאָך דאָ אַזש ביז צו אַ זולל וסובא שטופּע...

און וואָס האָבען מיר דאָ ניט, אין דעם „ניו יאָרקער מדבר"?

אפילו מן פון׳ם הימעל האָבען מיר, דאכט זיך, דאָ אויך, און אפשר נאָך מיט אַ בעסערען כצפיחת־בדבש־טעם, ווי אין יענעם מדבר...

און, ס׳פארשטעהט זיך, אויב חלילה עס איז אונז נאָך באַשערט אַמאָל צו וואַנדערען דורך מדבריות, מעגען מיר זיך ווינשען ניט צו האָבען קיין ערגערע מדברס ווי „מדבר ניו יאָרק“. דאָך, ווידערהאָל איך נאָך אַמאָל, זיינען די צוואַנציג יאָהר ניו יאָרק געווען פאר מיר — פאר מיין גייסט — צוואַנציג יאָהר מדבר...

וועט איהר דאָך, ליעבער לעזער, מיך געוויס אָפּשטעלען און וועט פרעגען: פאַרוואָס? וואָס האָב איך צו אַמעריקא בכלל און צו ניו יאָרק בפרט, אַ שטאָדט וואָס איז באמת אַ עיר ואם בישראל?... אַ שטאָדט מיט אָהן עין־הרע אַ צוויי־מיליאָנעדיגע אידישע באַפעלקערונג (כן ירבו!)... אַ שטאָדט פול מיט חכמים, שריפטשטעלער און קינסטלער; אַ שטאָדט מיט די רייכסטע אידישע אנשטאַלטען, מיט מיליאָנעדיגע אידישע סענטערס, ישיבות, שוהלען און תלמוד־תורה׳ס!... האָבען מיר דען נאָך ווען אַמאָל אַזעלכעס פאַרמאָגט זינט מיר זיינען אַ פאָלק געוואָרען? האָט נהרדעי און פומבדותא, אין אונזער קולטורעל־סטער, גלאָררייכסטער צייט, פאַרמאָגט אַזאַ ישיבה־קאָלעדזש ווי אין דער הונדערט זעקס און אַכציגסטער סטריט? אין די שפּע־טערע קולטורעל־אָרימערע עפּאָכען קענט איהר דאָך אודאי ניט געפינען אַזעלכע פאָלקס־רייכטימער, ווי מיר האָבען דאָס דאָ! פאַרוואָס־זשע מוציא־לעז זיין אויף אַמעריקא? פאַרוואָס אַזאַ בלבול אויף ניו יאָרק? פאַרוואָס וואָג איך דאָס אָנרופען מיט׳ן נאָמען „מדבר“, אַ מדבר פאר׳ן גייסט?...

זענט איהר, מיין פריינד, טאַקע אודאי גערעכט מיט אייערע פראַגען, איהר זענט געוויס אַ שואל כענין... און איך בין שטאַרק מסופק צי איך וועל קענען אייך געבען אַ ריכטיגען ענטפער, צי איך וועל זיין אַ משיב כהלכה... ווייל דער שכל הישר, די

לאָגיק איז געווים אויף אייער זייט, און איך האָב ניט קיין געגנ־ אַרגומענטען, וועלכע זאָלען זיין שטאַרקער פון אייערע...

מיין בעסטער אַרגומענט, מיין שטאַרקסטע פאַרטיידיגונג, איז מיין געפיהל, מיין רגש... אַזוי האָב איך געפיהלט און דאָס אַלעס!... און קוים איז דאָס אַ געפיהל־ענין, קוים איז דאָס אַ הארץ־זאַך, אַ דבר שבלב, העלפען דאָך נישט קיין לאָגישע אַר־ גומענטען...

יאָ, מיין פריינד, מיט'ן געפיהל דאַרף מען זיך רעכענען... דאָס הארץ איז אַלעמאָל אַזוי חשוב ווי דער קאָפּ... און טוט אַ פרעג זיך אַליין... לייגט צו אייער האַנד צום הארצען און פרעגט זיך, וואָס פאַר אַ לעבען האָט איהר געלעבט די פּאָר צעהנדליג יאָהר, וואָס איהר זענט דאָ אין אַמעריקאַ, וועט איהר אַליין געבען דעם זעלבען ענטפער: אַ טרוקען לעבען, אַ וואָכעדיג לעבען, אַ לעבען אָהן גייסט... און פאַר דער נשמה אַ מדבר!...

צייטענווייז, ווען איך גריבעל זיך אַמאָל מעהרער און טיעפער אריין אין דיזער פראַגע, און פּרוביר, אַזוי צו זאָגען, דיאַגנאָזירען די זאַך און געפינען די אורזאַכע אָדער אַן אורזאַכע, וועלכע מאַכט אונז אַזוי צו פיהלען אין באַצוג צום גייסטיגען צושטאַנד פון'ם אידישען לעבען אין אַמעריקאַ, שטעל איך זיך אָפּ ביי דער העברעאישער שפּראַך און ביי דער העברעאישער קולטור. איך גלויב, אַז די געזוכטע אורזאַכע איז דאָס, וואָס דאָ אין אַמעריקאַ האָבען מיר ניט אונזער נאַציאָנאַלע העברעאישע שפּראַך, מיט דער העברעאישער קולטור... אַ שפּראַך איז די נשמה פון אַ פאָלק. אַ פאָלק אָהן אַ שפּראַך איז ווי אָהן אַ נשמה, און די איינציגע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון'ם אידישען פאָלק, איז די העב־ רעאישע שפּראַך!!!...

איך וויים, אידישיסטען וועלען מיך פאַר אַזאַ „סטייטמענט" „קורע כהג" זיין, מאַכען פון מיר אַ „גל של עצמות". אָבער דער אמת איז שטאַרקער פון זיי!...

די העברעאישע שפּראַך, די שפּראַך פון אונזער תורה, די

שפּראַך פון אונזערע נביאים, פון אונזערע תנאים און אמוראים, גאונים און אחרונים ביז צו די רבנים און משכילים, איז אימער געווען און וועט בלייבען די לעבענס־קראַפט, דער לעבענס־זאַפט פון דער אידישער אמונה.

ניט אמת, וואָס אַנדערע ווילען איינריידען, אַז די שפּראַך איז נאָר אַ כלי, און דער עיקר איז נאָר דאָס אינוויינינגסטע, דער „מה שיש בו". זיי ווייזען אָן אויפ'ן „שמע בכל לשון שאתה שומע", מען מוז דאַווענען אויף וועלכער נאָר שפּראַך מען קען. עס פאַרשטעהט זיך, באין ברירה, אַז מען קען ניט די אייגענע שפּראַך, וואָס קען מען זיך העלפען? זאָל מען דעריבער שוין פּטור זיין פון דאַווענען? דאָס אודאי ניט! הייסט מען דיר דאַווענען ווי אַזוי דו קענסט... אָבער ווען איז צו דעם פאָלק, אַז עס פאַרגעסט זיין אייגענע שפּראַך, אַז עס בלייבט אָהן לשון, אָהן זיין אייגענעם לשון — דאַן פאַרגעסט דאָס פאָלק זיך אַליין, פאַרלירט עס זיך אַליין...

ווען תלמי המלך האָט געצוואונגען די סנהדרין איבערצוזעצען די תורה יעדערער אין אַן אַנדער שפּראַך, און ווען עס איז פאַרטיג געוואָרען דער תרגום־השבעים (סעפּטואַגינט), האָט דאָס אידישע פאָלק דאָס זעהר באַדויערט. דער תלמוד האָט זיך אויסגעדריקט אויף יענעם טאָג, אַז ער איז געגליכען „ליום שנעשה בו עגל" — צו דעם טאָג וואָס ס'איז געמאַכט געוואָרען אין איהם דער עגל... צי דאָס איז לאָגיש גענוג צי ניין, דאָס כאַראַקטעריזירט אָבער דעם פאָלק'ס גרויסע ליעבע צו זיין שפּראַך, צו דער העברעאישער שפּראַך...

אין אַמעריקא געוועלטיגט דער אידישיזם. דאָס אידישער פאָלק איז באַרויבט פון דער העברעאישער קולטור און פון זיין אמת־נאַציאָנאַלער שפּראַך, די העברעאישע שפּראַך — לשון־הקודש! די נשמה פון פאָלק!... און איבער דעם די בענקעניש... איבער דעם די ליידיגקייט, די טרוקענקייט, דער מדבר־גייסט!

און אפשר איז דאָס אַ השגחה־זאַך, אפשר דאַרף אַזוי זיין. ווער ווייסט? אפשר פאַר „כניסת־הארץ“, פאַר'ן אריינקומען אין אונזער לאַנד, מוז מען דורכגעהן אַ מדבר?... איז ניט קיין פערציג יאָהר, איז צוואַנציג?!...

מיין חלום ווערט פאַרווירקליכט.

אין אַ באַזונדער ווינקעלע אין מיין האַרצען איז דאָך אימער טיעף געלעגען איינגעוויקעלט דער חשק, דער שטאַרקער ווילען צו זעהן „דאָס לאַנד“... אין די ערשטע יאָהרען האָב איך, נאַטירליך, אַזאַ וואונש ניט געוואַגט אַפילו צו ברענגען אויף די ליפּען... דאַמאָלס וואָלט דאָס געהייסען אַן אמת׳ע אוטאָפּיע פון מיין זייט. ניט די מיטלען זיינען געווען מיט וואָס צו מאַכען אַזאַ רייזע און ניט די אומשטענדען האָבען געקענט ערלויבען אַזאַ מעגליכקייט צו פאַרלאָזען אַ הויז, אַ געשעפט, און נאָך ניט־דערוואַקסענע קינדער, צונעמען זייער מאַמע און אוועק מיט איהר קיין ארץ־ישראל... האָבען אָבער נאָר די אומשטענדען זיך אָנגעהויבען אויסוויקלען און אויסבעסערען, האָט אויך באַלד אָנגעהויבען יענער טיפער ווילען אין מיר, יענער באַהאַלטענער פאַרלאַנג זיך ארויסווייזען פון זיין באַהעלטעניש... דער געדאַנק צו פאַרווירקליכען מיין אייביגען וואונש האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט בחלום ובהקיץ... דער רעיון אַז איך מוז פאָהרען און זעהען מיט מיינע אויגען ארץ־ישראל איז געוואָרען ביי מיר אַ אידעע־פיקס... די קראַפט פון מיין שטאַרקען, הייליגען ווילען האָט באַלד גע־ווירקט אויף מיין גאַנצען הויז־געזינט... דאָס גאַנצע הויז איז געוואָרען פול מיט ארץ־ישראל־לופט... מיין ליבע פרוי איז גלייך צוגעשטאַנען צו מיר און מיר צוגעגעבען פיעל מוט און ענערגיע... מיין ליעבער זוהן, אייב, מיין שותף אין געשעפט, און אימער טריי און איבערגעבען, אַז עס איז נאָר אומזיסט צו זוכען ווערטער דאָס אויסצודריקען, איז געוואָרען אַזוי ענטוזיאַסטיש, אַז ער האָט אונז

באשוואוירען, אז מיר מוזען מאַכען אונזער געווינשטען טור קיין ארץ־ישראל און פאַרווירקליכען אונזער חלום...

מיינע גוטע זיהן, מאָרים, לואי און טעדי, און באזונדערס, מיין טאָכטער ראָזע, מיין ליעבע בת־יחידה — אַלע זיינען גע־וואָרען ארומגעכאפּט מיט'ן ארץ־ישראל געפיהל, און אין הויז איז די טאָג־פראַגע געוואָרען נאָר ארץ־ישראל...

דאַן האָבען זיך אָנגעפאנגען די הכנות קיין ארץ־ישראל. און וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיין ליעבער לעזער — געדענקט איהר די הכנות צו אייער חתונה? געדענקט איהר יענע ערב־יום־טוב'דיגע געפיהלען, וואָס האָבען אָנגעפילט אייער הארץ אין יענע זיסע טעג פון ערוואַרטונג, פון אָטעם־פארהאַלטענדער ער־וואַרטונג... ווען פאַר אייערע אויגען האָט געשוועבט נאָר איין געשטאַלט, א געשטאַלט מיט צוויי סאַמעטענע אויגען, וואָס קוקען ארויס פון אונטער א זיידענעם צודעק, די שעהנע כלה אונטער'ן פרוכת פון דער חופּה?...

אויב איהר געדענקט נאָך יענע צייט, יענע שעהנע טעג פון אייער לעבען, קען איך מיט אייך ריידען, קען איך אייך בעטען מאַכען א פאַרגלייך, אום איהר זאָלט האָבען א באַגריף פון מיינע ארץ־ישראל'הכנות, פון מיינע ערב ארץ־ישראל'דיגע געפיהלען... אויב אָבער איהר געדענקט שוין ניט יענע צייט, די שעהנסטע צייט פון'ם לעבען, דאַן איז צום באַדויערען... דאַן וועלען נאָר אומ־זיסט זיין מיינע ווערטער, איהר וועט מיך ניט פאַרשטעהן...

דער ארץ־ישראל סענטימענט, די אומגעהויערע קראַפט פון ארץ־ישראל, האָט דאַמאָלס ניט נאָר ארומגענומען מיין אייגען הויז, נאָר אויך באַצויבערט מיין גאַנצע משפחה מיט איהר, אָהן עין הרע, צאָהלרייכער מיטגלידערשאפט, אָנקעלס און טאַנ־טעס, מיט זייערע זיהן און טעכטער...

די משפחה, מיט דער אָנפיהרונג פון מיין ברודער בעריש און קאָזין אליעזר, האָט דאַן אונז, „חתן־כלה", אָפּגעטאָן א שפּיצעל. אין געהיים האָבען זיי צוגעגרייט פאַר אונז א „צאתכם לשלום",

מיט אַ שעהנעם באַנקעט, מיט טאָוסט־רעדעס, מיט מוזיק און מיט אַלע קליפּערלאַך... אונזער גאַנצע משפּחה, וואָס איז אָרגאַניזירט און געטשאַרטערט אַלס אַ „פאַמיליען סוירקעל", האָט דאַמאָלס געפייערט איינע פון איהרע שעהנסטע פייערונגען, אַן אמת'ען „זבח־משפּחה". באַזונדערס האָט אויף יענעם אָוונט געשיינט די „לבנה מיט איהרע עלף שטערען" — דאָס איז דער איינציגער נאָמען וואָס איך קען געבען פאַר מיין ליעבסטער שוועסטער דינה מיט איהרע עלף זיהן און טעכטער, ווייל ווי אַ ליכטיגע פולע לבנה אין אַ שעהנער זומער־נאַכט באַלייכט אונז אונזער גוטע ליעבע שוועסטער „אחותנו דינה", מיט איהר זילבער־ווייסען קאָפּ, יעדען יום־טוב, יעדע פייערונג פון אונזער משפּחה...

ערשיטערט פון'ם אומערוואַרטעטען סורפּרייז און געריהרט פון'ם היסטאָרישען מאָמענט און פון דעם כבוד, וואָס מיין משפּחה האָט אונז יענעם אָוונט צוגעטיילט צוליב אונזער אָפּרייזע קיין ארץ־ישראל, האָב איך, מיט טרעהרען אין מיינע אויגען, אויס־געדריקט מיינע געפיהלען וואָס איך האָב געפיהלט יענעם אָוונט, מיט מיין דאַנק צו אַלע געסט. אַלס שוין אַן „ארץ־ישראלי" האָב איך דאַמאָלס דעמאָנסטרירט דעם „דבור־העברי". איך האָב מיין קורצע רעדע געהאַלטען אין העברעאיש.

צווישען אַלע מיינע ערינערונגען, צווישען מיינע שעהנסטע זכרונות וועט יענער אָוונט זיין און בלייבען אויסגעקריצט אין מיין האַרצען אויף אייביג...

דעם 14טען אָקטאָבער, 1925, האָבען מיר, איך מיט מיין ליעבער פרוי, פאַרלאָזט ניו יאָרק און אָפּגעפאָהרען קיין ארץ־ישראל.

אין אַ באַזונדער בוך, „מיינע איינדריקע פון ארץ־ישראל", האָב איך באַשריבען מיין ארץ־ישראל־אַדיסעי. איך האָב באַשרי־בען אַלץ וואָס איך האָב געזעהן און איבערגעלעבט אויף מיין רייזע אין און איבער ארץ־ישראל.

מיין בעסטען, מיין שענסטען וואונש אין לעבען, דעם איי־ביגען ותחזינה־עינונו־וואונש האָב איך דערגרייכט...

א לויב צו גאָט!...

יעצט איז מיין איינציגע האָפנונג מאַכען מיין שטענדיגע היים פאַר מיר און מיין ליעבע פרוי דאָרט, אין אונזער אייגענער היים, אין אונזער נאַציאָנאַלער היימלאַנד, ווייל אונזער נשמה, אונזער הארץ איז דאָרטען!

אנו במערב ולבנו במזרח!...

אהל־תם.

„אהל־תם״! ווער ווייסט ניט פון דעם נאָמען „תמ׳ס גע־צעלט״ אָדער „תם׳ס קעבין״, די ערצעהלונג פון דער באוואוסטער אמעריקאנער שרייבערין, וועלכע איז איבערגעזעצט אין אלערליי שפראכען אויף דער וועלט? איך האָב דעם בוך געלעזען מיט צעהנדליגע יאָהרען צוריק אין העברעאיש מיט׳ן נאָמען „אהל־תם״, א וואונדערבארע באשרייבונג פונ׳ם ניגערשען לעבען אין דער סאוטה.

אין ארץ־ישראל, לעבען תל־אביב, אינ׳ם דערפעלע „רמת־גן״ האָב איך געזעהן אונזערען א אהל־תם, אַן אמתאידישען „אהל־תם״.

איך וועל פרובירען דאָ איבערגעבען א פּאָר פון מיינע זכרונות פון יענער אנגענעמסטער צייט אין מיין לעבען, פון יענע גליקליכע טעג אין מיין לעבענסגעשיכטע, פון דער צייט פון מיין זיין אין ארץ־ישראל, צווישע וועלכע איך דאַרף אויך פאררעכענען יענע שטונדען וואָס איך האָב פארבראכט אין יענעם אנגענעמען דער־פעלע אין א קליין הילצערנעם שטיבעלע אין א „צריף״ (באלאגאַן) וועלכען קיין אנדער נאָמען האָב איך ניט געקענט געבען ווי נאָר „אהל־תם״...

דער „תם״ פון יענעם „אהל״ איז געווען אמאָל מיינער א קלויז־חבר פון מיין געבורטסשטאָדט. ווי איך געדענק איהם פון יענע יאָהרען, איז ער שוין דוקא קיינמאָל קיין „תם״ ניט געווען. צווישען אלע קלויזנער איידימלאך איז ער געווען דער דורכגע־טריבענסטער, דער געשיקטעסטער. א יונגערמאנטשיק פון א שעהנעם בלאט גמרא מיט א געשליפענעם פיסקעל און מיט צוויי

פוקס־כיטרע אויגען און דערצו טויזענט רובעל נדן, וואָס דער שווער טוביה ישעיה הערשעלעס, דער גרעסטער בעל־שפע אין שטאָדט, האָט איהם אָפּגעצעהלט במזומנים, האָט אברהם ליב טוביה'ס געשפּילט אין סקווערער קלויז די ערשטע פידעל. מיט פרומע היפּאָקריטישע חנ'דעלאַך פּלעגט ער כמעט די גאנצע קלויז האַלטען ביים גאָרגעל... ער איז געווען אַ כיטיאָר און אַ דרעהר־קאָפּ און דו ביזט קיינמאָל מיט איהם קיין עק ניט דערגאַנגען וואָס ער איז.

זיינען געווען אין קלויז „צדדים" פאר אַ רב. די האָבען גע־וואָלט „מאָטלען" פאר רב און אנדערע האָבען געוואָלט „עהרצי'ן", האָסטו קיינמאָל ניט געוואוסט צו וואָס פאר אַ צד אברהם־לייב באַלאַנגט. אימער מיט אַ זאָט געלעכטערעל פּלעגט ער זיך דרעה־ען צווישען אַלע צדדים און פּלעגט אַלעמען פיהרען ביי דער נאָז. שפּעטער האָט ער זיך אָנגעהויבען מישען אויך אין שטאָדט־זאַכען. פאַרלייהענדיג געלט אויף פּראָצענט, איז ער געווען אומעטום אַ קנעפּעל... און טאָמער ערגעץ אַ פּלאָנטער אין שטאָדט צווישען באַלעבאַטים מיט דער חברה־קדישא אָדער צווישען רבינ'ס הויף מיט די פּאָטשטאָווע, איז ער געווען אין מיטען און אַלע מאָל אַ קאָך־לעפּעל...

איך האָב אַלע מאָל ווייניג געהאַלטען פון אברהם־לייב'ן. זיין צוויי־פּנימ'דיגקייט, זיינע אומקלאָרע, קאַלעמוטנע אויגען האָבען אימער אויסגעדריקט די אומזיכערקייט, די ניט גאַנצקייט, דאָס וואַקעלדיגע לעבען פונ'ם גלות. אין זיין יעדער באַוועגונג האָסטו געזעהן אַ מה־יפית טאַנץ. אין זיין יעדען געלעכטערעל האָט זיך געהערט עפּעס טייוועלשעס, עפּעס ווי מעפיסטאָ איז דאָרט באַ־האַלטען...

איך האָב קיינמאָל ניט ליב געהאַט יענעם „אברהם־לייב'עניו טוביה'ס", יענעם קליינשטעדטעלדיגען ווילדען געוואוקס פונ'ם תחום, יענעם גלות־פּראָדוקט, און בין אימער געווען מיט איהם, ווי מען זאָגט, פון דערווייטענס...

פון יענער צייט איז פאַראיבער מעהר פון א פערטעל יאָהר־הונדערט. די אַלע יאָהרען מיט די גרויסע איבערקערענישען האָבען אונז צוואָרפען אין פארשיידענע וועלטען. איך האָב שוין לאַנג, לאַנג געהאַט פאַרגעסען יענעם יונגענמאַנטשיק, וואָס האָט אמאָל געשפּילט א ראָלע אין אונזער שטעדטעל, אָבער וואָס איז אימער געשטאַנען וויט פון מיין ברייטערער וועלט־אָנשויאונג און באזונדערס פון מיין פרייערען בליק אויף דער גאַנצקייט פון א אידישען לעבען אַלס א פאָלק מיט א נאַציאָנאַלען שטאַלץ, מיט א נאַציאָנאַלען זעלבסט־רעספּעקט... א תהום פון פאַרגעסענהייט האָט אונז ביידען צוטיילט אויף צעהנדליגע יאָהרען...

מיט אמאָל, זייענדיג אין ארץ־ישראל, דערוויס איך זיך אז אברהם־לייב איז אַן ארץ־ישראל'ער! ער וואוינט דאָ מיט זיין פרוי שוין עטליכע יאָהר. ער איז א שוחט אינ'ם קליינעם דערפעלע רמת־גן וואָס לעבען תל־אביב.

און מערקווירדיג! איך האָב דערזעהן אברהם־לייב'ן אין ארץ־ישראל און בין געבליבען ערשטוינט!... איך האָב זיך אליין ניט געגלויבט... פאר מיינע אויגען שטעהט, דאכט זיך, דער זעלבער אברהם־לייב. נאָר עטוואָס, א פּאָר שיכטען פון די דריי צעהנדליג יאָהרען, וואס זיינען פאַראיבער, זעהען זיך אויף זיינע געזיכטסציגע... די זעלבע צוויי פּאה'קעלאך וואָס אמאָל, דאָס זעלבע בערדעלע... אָבער דער בליק פון די אויגען איז עפּעס א לויטערער, א ריינערער. זיין געלעכטערעל איז א געזונדס, א גאַנצס, א הארציגס און אן אמת'דיגס!... נישטאָ יענער אומ־רוהיגער גלות'דיגער בליק אין זיינע אויגען; פארשוואונדען דאָס טייוועלשע אין זיין געלעכטערעל... אין זיין שפּראך — א גאַנץ פיינער העברעאיש מיט דער ארץ־ישראל־הברה, — אין זיין ארט ריידען און אין זיין גאנצער באנעמונג פיהלט זיך א שטאָלץ פון א גאנצען אידען, וואָס האָט ארונטערגעטרייסעלט פון זיך דעם גלות־שטויב און לעבט צוזאמען מיט זיין פאָלק א באפרייט לעבען ביי זיך אין דער היים...

און באַלד קומט מיר אַרויף אויפ'ן געדאַנק: „אווירא דארץ־ישראל״!...

די קראַפט פון דער ארץ־ישראל־לופט!... די גאָלדענע זון, דער תכלת־הימעל, די אדמת־קודש און די סביבה וואָס איז אין ארץ־ישראל מאַכט געזונט דעם אידען'ס נשמה, היילט דעם אידען'ס גייסט... ארץ־ישראל איז אַ סאַניטאַריום, דער בעסטער קור־אָרט פאַר דער אידישער נשמה!...

איך האָב זיך נאָכהער פיל מאָל געזעהן מיט מיין לאַנדס־פריינד. איך האָב זיך מעהר דערנעהנט צו איהם און איהם מעהר קענען־געלערענט און איך האָב דערפיהלט אַ סימפּאַטיע צו איהם. איך האָב איהם שפּעטער איינפאַך ליב באַקומען.

דאָס ערשטע מאָל ווען איך מיט מיין פרוי האָבען געמאַכט דעם ערשטען באַזוך ביי זיי אין „הויז״ — ער און זיין פרוי טויבע; קיין קינדער זיינען ניטאָ — האָט עס שוין געמאַכט אויף אונז דעם בעסטען איינדרוק. איך האָב באַצייכענט די „הויז״ מיט געזונטען־פיסלאַך, ווייל קיין הויז קען מען דאָס אויף קיין אופן ניט אָנרופען. דאָס אודאי ניט. אַ באָנגאַלאָו, ווי אונזערע ניו יאָרקער, אָדער ווי מען רופט זיי „קאַליפאָרניער באָנגאַלאָוס״ — געוויס אויך ניט... וואָס־זשע דען? עפּעס אַ באַלאַגאַן צונויפגעשלאָגען פון ברעט־לאַך. אין העברעאיש הייסט דאָס „צריף״.

אינוועניג איז דיזער צריף צוטיילט אויף צוויי צימערען — אַ שלאָף־צימער און אַן עס־צימער. קיין דיל און קיין סטעליע זיינען ניטאָ. די „קיך״ געפינט זיך אין דרויסען אונטער'ן ווידקאַס אין אַ ווינקעל, אויך אַרומגעשלאָגען מיט ברעטלאַך, און אינוועניג גע־פינט זיך אַן אויל־אויוועלע.

דאָס מעבעל אין די צוויי צימערען באַשטעהט פון צוויי בעט־לאַך מיט צוויי ביינקלאַך אין שלאָף־צימער און פון אַ טיש, אַ לאַנגע באַנק, אַ פּאָר בענקלאַך און אַ שאַפע אין עס־צימער... אין אַ ווינקעל שטעהט אַ געל־גלאַנציג מעשענער סאַמאָוואַר, אויף די

ווענט הענגען אַ פּאָר בילדלאך פון גרויסע רבנים ווי ר' יצחק אלחנן וכדומה, און די פּאַנאָראַמע איז ערגענצט...

דורך די גלעזערנע טירלעך פון דער שאַפע האָב איך באַלד באַמערקט אויף די צוויי אויבערשטע פּאָלעצעס שיינינדע רו־קענס פון גרויסע ש"ס גמרא'ס... אברהם־לייב האָט באַמערקט מיין אויפמערקזאַמען בליק אויף די ש"ס גמרא'ס און ווענדעט זיך גלייך צו מיר:

— כי הם חיינו ואורך ימינו!...

— איך האָב שוין געהאַט אין מיין לעבען שעהנע צימערען, טייערע מעבעל, קאָסטבאַרע קאַבריצען מיט ווערטהפולע זאַכען, אָבער איך בין קיינמאָל ניט געווען אַזוי גליקליך ווי היינט אָט דאָ ביי אונז אין לאַנד און אין דעם צריף, — קיינמאָל ניט! האָט אברהם־לייב אָנגעכאַפּט מיין האַנד און צוגעדריקט שטאַרק מיט זיינע ביידע הענד...

— דאָס לעבען איז קליין, דאָס לעבען איז קורץ און מענשען מאַכען דאָס נאָך קלענער, מענשען מאַכען דאָס נאָך קירצער...

— דאָס זעלבע לעבען קען זיין אַ לאַנג לעבען, אַן אייביג לעבען, אַ חיי־עולם — אויב מען פאַרשטעהט ווי צו לעבען...

— אָט דאָ אין ארץ־ישראל, אין דעם צריף און מיט אָט די כרכים־ש"ס לעב איך דאָס רייכסטע און גליקליכסטע לעבען...

— יאַ, מיינע טייערע, סע איז אמת, מיר זיינען גליק־ליך! — האָט טויבע זיך אויפגעהויבען פונ'ם סאַמאָוואַר אַי־בער וועלכען זי איז געשטאַנען אָנגעבויגען, צוגרייטענדיק פאַר די „טייערע געסט" טעה...

— מיר זיינען דאָ רייך, מיר האָבען דאָ אַלעס, און מיר זיינען דאָ גליקליך! — האָט זי אויסגעשריגען.

— אוי, אוי, אוי מיינע ליבענקע! אוי, אוי, מיינע טייערע! — האָבען ביי טויבען די באַקען אָנגעהויבען פלאַמען און

פון די אויגען האָט געשפּריצט מיט בלויען פייער... איך האָב נאָר ניט פאַר וועמען צו דערצעהלען מיין גרויס גליק!...

— אונזערע שכירות זיינען געווען אַ פונט אַ וואָך (פינף דאָלער) גיט מען שוין אונז צוויי פונט אַ וואָך... מיר דאַרפען גאָר ניט אַזוי פיל! האָבען מיר געשענקט אַ ספר־תורה... האָבען מיר געקויפט אַ מגרש — אַ נחלה אין אונזער לאַנד — און שוין באַלד אויסגעצאָלט... און אַ נייעם גוטען טלית געקויפט פאַר מיין אברהם־לייבען... און איהר ווילט זעהן אַ וואָסערע זשילעט איך האָב איהם געקויפט, אַ זיידענעם זשילעט, אַן אמת'ע סטוטשקע — האָט זי באַלד אַרויסגעטראָגען פון'ם שלאָף־צימער דעם זשילעט... — סע איז ניטאָ דער טאָג וואס מיר זאָלען זיך ניט אָננעמען ביי די הענד און טאַנצען פאַר פרייד און פאַר נחת...

אברהם־לייב האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפע אַ גמרא און אָוועקלייגענדיג זי אויפ'ן טיש, וואו סע איז געשטאַנען אויסגעשטעלט טעה מיט איינגעמאַכטס האָט ער אויפגעמישט אַ דף און מיר געוויזען ווי וויט, „ברוך־השם", ער האַלט שוין אין ש"ס....

נאָך אַ רייהע מיט יאָהרען, צענדליגער יאָהרען, האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערזעהן די גרויסע, לאַנגע פאָליאָ'ס פון'ם תלמוד, דעם מיסטיש־צויבערנדען שריפט פון'ם „פנים" מיט'ן ר"שי שריפט פון די מפרשים פוןביידע זייטען און מיין האַרץ האָט אַ ציטער געטון...

פאַר אַ ווייַלע האָב איך זיך אַריינגעטאָן אין סוגית־הש"ם און בין באַלד געווען אַריבערגעטראָגען אין אַן אַנדער וועלט...

„תנו־רבנן", „תא שמע", „ורמינהו", „שמע־מניה"!—אַזעלכע אַלטע, ליבליכע פריינד!... בין איך דאָך מיט זיי אין דער יוגענד געווען אַזוי צוזאַמענגעוואַקסען... בין איך דאָך ערצויגען געוואָרען אויף זייערע קניה, „על ברכי התלמוד"!... פלעג איך דאָך אויפשטעהן, גבור כארי, פאַרטאָג און אַוועק אין קלויז אַריין און דאָרטען שטונדען לאַנג געשוואומען אינ'ם ים התלמוד...

מיר האָבען זיך דאָ פאַרטיפט אַ ווייַלע און די פרויען זייי־

נען ארויס אין דרויסען. שפּעטער זיינען מיר אויך ארויסגע־קומען. דער געשמאַקער ריח פון די נאָהענטע פּרדסים האָט אַ זעץ געטאָן אין נאָז אריין... אַ פרישן חמשין ווינטעלע האָט ארומגעכאַפּט דאָס לייב („חמשין" זאָל עס הייסען דערפאַר וואס אין ארץ־ישראל זיינען איבער'ן יאהר פאַראַן פופציג ווינטע־לעך...). איבער די ברייטע, גרינע לאָנקעס פון רמת־גן איז געווען אויסגעשפּרייט אַ גרויסער בלויער הימעל. די זון האָט שוין אָנגעהויבען מאַכען הכנות מיט רעווערענסען פאַר „שקיעה" (זון־זעצונג)...

— סע'ז שוין סמוך למנחה... — האָט אברהם־לייב ארויס־געמורמעלט.

— איהר זענט אַ פרומער איד — האָב איך איהם געגעבען אַ פּעטשעל איבער דער פּלייצע...

— פרום צי ניט — אַ איד בין איך!... אפילו מיין נאָמען זאָגט עדות, אז איך בין אַ איד... די ראשי־תבות פון אַ'ברהם י'הודה ד'וכאָוונע זיינע „איד ... — האָט זיך אברהם־לייב צו־לאַכט.

— און אָנגעהויבען דאָס צו פּיהלען, אנגעהויבען זיך האלטען פאַר אַ גאַנצען איד און לעבען ווי אַ גאַנצער איד האָב איך זינט איך האָב זיך באַזעצט אין ארץ ישראל...

נאָך יענעם ערשטען אנגענומענעם באַזוך ביי אונזערע אַלט־נייע ארץ־ישראל־פריינד זיינען מיר שוין אָפטער געפאָהרען אין יענעם דערפעלע און זיך גע'נחת'ט מיט'ן סימפּאַטישען פאָר פאָלק וואס לעבט אַ צופרידען, גליקליך לעבען אין אַ קליין הילצערנעם שטיבעלע אין שם'ס געצעלט, דאָס געצעלט פון תורה...

אין ארץ־ישראל, לעבען תל־אָביב, אינ'ם דערפעלע רמת־גן האָב איך געזעהן אונזערען אַן אהל־תם, אַן אמת־אידישען אהל־תם...

תורה־לשמה.

„לשמה" און „שלא לשמה", א תלמודישער אטריבוט, א כאראקטעריסטישע באצייכנונג פון א באגריף, וועלכער, איך וויל גלויבען, קיין אנדער שפראך פארמאגט דאס ניט, און נאר דער תלמוד האט געהאט די ריכטיגע ווערטער דערצו.

„אביעקטיוו", סוביעקטיוו"... לינגוויסטען, פילאלאגען קע־נען פאר דעם געפינען נאך פארשידענע אנדערע טערמינען, אבער צו „לשמה" און „שלא לשמה" קומט דאס ניט. „תורה לשמה"... לערנען תורה לשמה... עפעס ווייזט זיך מיר אויס, אז איך האב קיינמאל ניט פארשטאנען די באדייטונג פון די ווערטער ביז איך בין ניט געווען אין ארץ־ישראל... דארטען האב איך דאס גע־זעהן. דארטען האב איך געזעהן ווי אידען לערנען תורה לשמה. סיי די יונגע קינדער אין די בתי־ספר, סיי די שטודירענדע יו־גענד אין די מיטעלע און העכערע שוהלען און סיי אידען אין די בתי־מדרשים, אלע לערנען זיי תורה לשמה...

אומעטום לערנט מען שלא לשמה און נאר אין ארץ־ישראל לערנט מען לשמה...

אומעטום לערנט מען פאר זיך זעלבסט פאר א קאריערע, פאר א צוועק אין לעבען אדער אפילו צו ערווערבען פאר זיך מעהר וויסענשאפט, מעהר קענטניש, מעהר חכמה אבער אלץ ניט פאר זיך און פאר דער תורה וועגען... אין ארץ ישראל לערענט מען תורה פאר דער תורה וועגען אליין. מען זארגט פאר דער תורה זעלבסט זי זאל ווערען גרעסער און שטארקער — „למען יגדיל תורה ויאדיר"!...

פונקט ווי אין עקאָנאָמישען לעבען האָט דער ארץ ישראל איד פאַר אַלעם אין זינען דעם אינטערעס פון בנין־הארץ? דער חלוץ אין דער „קבוצה", דער ארבייטער אין דער מושבה", דער סוחר אין קאָמערץ און דער בעל־מלאכה און פאַבריקאַנט אין אינדוסטריע, איז די בויאונג פון'ם לאַנד שטעהט ביי זיי פאַר־אַלעס, פאַר זיין אייגענעם אינטערעס... אזוי אין'ם קולטורעלען זינען זארגט דער איד פאַר אַלעמען פאַר דער תורה אליין, פאַר'ן חינוך, פאַר דער העברעאישער שפּראַך, פאַר חכמת ישראל און פאַר דער גאַנצער העברעאישער קולטור. „להרבות תורה" — צו פאַרגרעסערען די תורה, פאַרשטאַרקערען און באַרייכערען די תורה. דאָס איז דער שטרעבען. אין ארץ ישראל לערנט מען תורה־לשמה! און אין דעם האָב איך זיך איבערצייגט זייענדיג אין ארץ־ישראל. אין ארץ ישראל האָב איך געזעהן ווי אידען לער־נען תורה לשמה...

אין מיין בוך „מיינע איינדריקע פון ארץ ישראל, האָב איך אַביסעל גערעדט וועגען דעם העברעאישען אוניווערזיטעט אויפ'ן הר הצופים אין ירושלים, וועגען מיינע באַזוכע דאָרטען, ווי איך בין געווען אויף אַ לעקציע אין אוניווערסיטעט, אויך אויף אַ לעקציע אין „איוב" אין לעצטען קלאַס גמנזיה. און ווי יענע לעקציעס מיט זייער שעהנער הויכער שפּראַך אין דער ארץ־ישראל הברה און מיט זייער טיפען, פילאָסאָפיש־וויסענשאַפטלי־כען תוכן האָבען אויף מיר כישוף'דיג געווירקט און געהויבען מיין גייסט ווייל דאָס לערנען דארטען איז שעהן, איז ער־האבען, ווייל דאָס לערנען דארטען איז געלערענט לשם לערנען, — דאָס הייסט תורה לשמה... דאָ אין דיזע בלעטלעך וועל איך פּרובירען איבערגעבען וועגען נאָך אַ לעקציע, אויף וועלכער איך בין געווען אין תל־אָביב, אויף אַ לעקציע אין „פּסחים", און מסכתא „פּסחים"...

דאָס איז געווען אין אַ אָדר־נאַכט. תל־אָביב איז נאָך גע־ווען צהלה־ושמחה'דיג פון איהר יעהרליכען פורים־קאַרניוואַל, וואָס

איז ערשט דורכגעפיהרט געוואָרען מיט אַזוי פיל פּראַכט און גלאַנץ ווי אַלע יאָהר...

אין שטאָדט האָט זיך געפיהלט דער „משנכנס אדר — מרבין בשמחה", ווען עס קומט חודש אדר — פאַרגרעסערט מען די שמחה, „מע פאַרגרעסערט", ווייל שמחה איז אין ארץ־ישראל אַלע מאָל... פון שבת — רעדט מען דאָך ניט — איז דאָך אימער מנוחה ושמחה! יום טוב איז אודאי — מועדים לשמחה!... ווער שמועסט אַ חתונה צי אַ ברית איז דאָך אָפּגערעדט — קול ששון וקול שמחה!... וואָרים אין ארץ־ישראל איז אַלע מאָל שמחה!... אימער פייערונגען מיט יובילעאום'ס, אונטערהאַל־טונגען און קירמישלאַך, שלש־סעודות'לאַך מיט מלוה־מלכה'ס... דאָס יודענטום פיהלט זיך דאָרט שטאַרק, געזונד מיט באַנייטע יונגע כוחות... לאַכט עס, זינגט עס, איז עס פרעהליך! אין אַ מיטען מיטוואָך, גאָר אָהן אַ פאַר וואָס, גלאַט אַזוי זיך, הער־סט אָפּט ווי יוגענד זינגט און טאַנצט און ס'איז ליהודים... מען דאַרף ניט זיין רייך, מען מוז ניט זיין אָנגעפּרעסען און באַזוי־פען... אַ שטיקעל ברויט, אפילו ניט איבעריג גרויס נאָר אַבי שטילען דעם הונגער, אָבער מיט אַ געזונדער נשמה, מיט אַ זאַטען גייסט — זינגט מען אימער, טאַנצט מען אימער און עס איז שטענדיג שמחה!...

אָבער משנכנס אדר, ווען עס קומט אַריין דער חודש אָדר, מרבין בשמחה, מאַכט מען די שמחה גרעסער... ווערט די שטענ־דיגע שמחה נאָך גרעסער, נאָך שטאַרקער.

די ימות־הגשמים — די רעגען טעג זיינען שוין אַריבער, דער „יורה" איז געווען אין אַ געניגענדער מאָס, ער האָט אָנגע־טרונקען די ערד גענוג אויף אַ גאַנץ יאָהר... אפשר וועט נאָר זיין אַביסעלע קאַרגלעך, קומט נאָכהער דער „מלקוש", דער שפּעטער־ער רעגען און פילט אָן די ערד צו זאַט... די זון באַטש אין ארץ־ישראל, וואו עס איז קיין ווינטער ניטאָ, דאָך צייטענווייז געשטערט פון די וואָלקענס אין די רעגען־טעג, איז יעצט, אין

חודש אָדר, ווידער זעלבסטהערשערין איבער'ן גאַנצען הימעל, און אָנפּאַנגען פּאַנגט זי אָן איהר הערשאַפט מילד און ליבליך, ווי א יונגע מוטער באַלד נאָך דער ערשטער געבורט. דער הימעל אויסגעוואַשען, גוט אנגעבלויעט און קיין שפּרינגעלע זעהט זיך אויף איהם ניט מעהר. די פעלדער זיינען שוין אַלע גרין, די פּרדסים שוין כמעט אַלע אָפּגעשניטענע הויבען שוין ווידער אָן בליהען און פילען אָן די לופט מיט אָראַנדזשען אַראָמאַט, א ריח ניחוח פונ'ם טייערסטען פּערפיום... נו, און איצט די צוויי גרויסע ימים־טובים — פּורים און פּסח... פּורים וואָס ווערט אזוי ענטוזיאַסטיש געפייערט אין ארץ ישראל, מיט זיינע באַריהמטע נאַציאָנאַלע קאַרניוואַלען, קאָנצערטען און שמחות אָהן אַן ענד... און באַלד די גרויסע הכנות צו פּסח, צום יום טוב פון באַפרייאונג, איז קיין וואונדער ניט וואס משנכנס אָדר — ווען עס קומט אריין דער חודש אדר אין ארץ ישראל — מרבין בשמחה — פאַרגרעסערט מען די שמחה...

„שלשים יום קודם החג מתחילים לדרוש בהלכת הפּסח" — דרייסיג טעג פאַר יום טוב, דאָס הייסט, באַלד נאָך פּורים הויבט מען שוין אָן דרש'נען אין הלכה פון פּסח... דאָס באַפרייט אידיש פאָלק גרייט זיך צו פייערען זיין יום־טוב פון פרייהייט, דעם חג־הפּסח. לערענט מען, שטודירט מען, דרשנ'ט מען וועגען אַלעם וואָס איז נוגע צו פּסח...

אָט אין איינעם פון יענע פרעהליכע אדר־אָוונטען האָב איך באַזוכט די גרויסע שוהל אין תל־אביב און האָב צוגעהערט א שיעור אין מסכתא „פּסחים" וואָס הרב אהרונסאָן האָט געגעבען צו עטליכע צעהנדליג שטענדיגע תלמידים וואָס לערנען פון איהם תורה.

די שוהל, די גרעסטע אין תל אביב, שטעהט אויף אַלענביגאס, נעבען רחוב־אחד־העם. אין יענער צייט, אדר, תרפ"ו, איז די שוהל געווען נאָך ניט קיין פאַרענדיגטע — דער דאַך האָט געפעהלט...

א לאַנגע צייט איז די גרויסע, שעהנע שוהל געשטאַנען אָהן

אַ דאַך — ניט געווען מיט וואָס צו פאַרענדיגען... (תל אביב איז דאמאָלסט געווען אָהן אַ מעיאָר. מעיאָר דיזענהאָף האָט רעזיגנירט און אַ נייער מעיאָר איז נאָך ניט געווען ערוועהלט — האָט זיך דער עולם געוויצעלט אַז די שטאָדט און די שוהל שטעהען ביידע אָהן קעפּ...)

אינוויינינג אָבער, אין שוהל איז שוין אַלץ געווען פאַרטיג. נאָך מעריב־דאַווענען האָט מיר דער שמש אָנגעוויזען אַ גרויסען צימער, וואו דער בית־המדרש געפינט זיך. אויף לאַנגע בענק זיינען געווען אויסגעזעצט בעלי־בתים, אינגערע און עלטערע; איך האָב דאָרטען געזען אידען פון אמעריקא — פון ניו יאָרק און פון שיקאגא, קלוגע און פראַקטישע אידען... זיי האָבען שכל געהאַט און געמאַכט דעם „דזשאב" פון גלגול־מחילות ביים לעבען. און, גלויבט מיר, זייערע נשמות באַקומען דאָ גלייך אַ תיקון... צווישען די לומדי־תורה האָב איך אויך באַמערקט אַ פּאָר יונגע חלוצים מיט ווייסע רוסישע בלוזעס אַרומגעבונדען מיט גאַרטלעך און מיט גרויסע פאַטלעס האָר. אויף סטענדערס זיינען פאַר יעדען געלעגען אויפגעעפענט גמרות. מען האָט געהאַלטען ביי מסכתא „פסחים"... אויבענאָן איז געשטאַנען הרב אהרונסאָן און „געזאָגט" אַ שיעור... אין אַ שעהנער, קלאָרער העברעאישער שפּראַך האָט דער געלעהרענטער תלמודיסט „מסביר" געווען אַ „ברייתא" וועגען חמץ־נוקשה"...

איך בין געזעסען אַ פאַרזונקענער אין דער גמרא... איך האָב געשלונגען זיין יעדע מימרא, זיין יעדעס וואָרט... און איך האָב זיך דערמאָנט אינ'ם שעהנעם מעשה'לע פון הלל'ן, ווי ער איז געלעגען אַ גאַנצע נאַכט אויפ'ן דאַך פונ'ם בית המדרש פון שמעיה ואבטליון פאַרשאָטען מיט שנעע און געווען פאַרזונקען אין זייערען אַ שיעור. וואָרים די גאַנצע קראַפט פונ'ם אידישען פאָלק, פונ'ם עם־הנצחי איז אין דער תורה... דאָס פאָלק און די תורה זיינען איין גאַנצעס — אורייתא וישראל חד הוא... און איך האָב שוין מעהר ניט געהערט דעם טיפען פלפול פון הרב

אהרונסן איבער „חמץ־נוקשה"... ווי אויף פליגעל האָבען מיך מיינע געדאנקען געטראָגען איבער דורות און עפּאָכען פון אונזער פאָלק, דעם „עם הספר"... אונזער גרויסע לאַנגע יוחס־קייט: תורה, נביאים, כתובים, משנה, גמרא, הלכה, הגדה, ספרי, ספרא, מדרש, תוספתא, גאונים, אחרונים, מפרשים, בעלי־קבלה ופיטנים וכ"ו, וכ"ו... אזא רייכער גלענצענדער עבר! ווייל דאָס אידישע פאָלק בשום אופן זיך ניט שיידען מיט זיינע אוצרות... ווייל דאָס אידישע פאָלק אָבער האָבען פאר זיינע רייכטימער, פאר זיינע טייערע אוצרות זיין אייגענע היים, זיין אמאָליגע היים, א שטענ־דיגען „מרכז רוחני"... זענען פאַראיבער דורות און דורות, האָט דאָס פאָלק געהיט דעם אוצר ווי דעם שווארצאפּעל פון אויג און געווארט, געווארט און זיך דערווארט...

דער „שיעור" איז געוואָרען וואָס אמאָל ווארימער, טיפער און שארפער. פון צייט צו צייט זיינען אויפגעשטאַנען תלמידים און מיט ניט־ווייניג למדנות געשטעלט דעם רב פראגען, וועלכע האָבען נאָך מעהר פארשארפט און לעבעדיגער געמאכט דעם ענין, אין וועלכען תלמידי־חכמים האָבען זיך „מתנגח געווען בהלכה"...

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט ווען מיר האָבען פארלאָזט דעם בית־המדרש. אויבען, איבער דער ברייטער אלענבי־גאַס, וועלכע האָט שוין אָנגעהויבען איינצודרימלען, איז געהאנגען א פולע זילבערנע לבנה. איהר שטענדיגער שמייכעלע איז איצט קארג געווען... זי האָט הילכיג געלאכט פאר צופרידענ־הייט און פרייד... משנכנס אדר מרבין בשמחה... ערשט געווען פורים און אָט קומט שוין פּסח... ס'איז פרעהליך אין פעלד, פרעהליך אין שטדט... דאָס אידישע פאָלק באפרייט זיך פונ'ם גלות. עס בויט ווידער אויף זיין אלטע היים און עס בויט ווידער אויף זיין אלטע קולטור, זיין תורה!... יאָ, אין ארץ־ישראל לערענט מען תורה פאר דער תורה וועגען אליין, צו פארגרעסערען די תורה און צו פארשטאַרקערען זי! אין ארץ ישראל לערענט מען תורה לשמה!...

פערזלאך.

פערזען, אויפגעשריבען אויף מיין בוך „מיינע איינדריקע פון ארץ־ישראל", געגעבען צו יעדען פון מיינע ליבע קינדער:

צו מיין זוהן משה, דר. פושקאָף:

דיר, מיין זוהן, מיין בכור,
מיין בוך איז — ירושה.
און געדענק! — זכור!
דאָס איז — קדושה!...

הייליג האַלט און טייער
יעדע שורה, יעדעס וואָרט,
וואַרים זיך ביים פייער
וואָס סט'געפינען דאָרט...

און שוין אַבי דערוואַרימט
וועסטו אויך אַמאָל
מיט פאַמיליע געאַרימט
פאָהרען אין ארץ ישראל!...

צו מיין זוהן אברהם:

דו, מיין ליבער זוהן,
מיך אימער האָסט פארשטאַנען.
פון דיין יוגענד אָן
מיך געלערענט קאָנען.

אויך א שותף ביזט דו מיר
אין האנדעל און אין סחורה.
און שטענדיג איז ביי דיר
מיין יעדעס וואָרט א תורה...

זאָל מיין בעסטער געדאַנק,
מיין שענסטע כוונה,
זיין אָט דער געשאַנק,
מיין בוך דיר א מתנה!...

צו מיין זוהן לואי:

און דו, מיין זוהן
מיט דיין בראווען נאָמען „לוי"...
ביזט א סאָלדאט געווען
אין אָנקעל סעם'ס נייווי...

אונזער פאָלק — זאָלסט וויסען,
זיין קראפט איז ניט אין פויסט...
ניט אין נייווי, ניט אין ארמיע,
נאָר אין פרידען, נאָר אין גייסט...

ווען דאס אין מיין בוך געפינען.
לייענען דו וועסט יעדעס מאָל.
טייער זאָל דיר זיין און הייליג
„מיינע איינדריקע פון ארץ־ישראל"!...

לבני תאידור:

ואתה בני צעיר, חביב,
סלח ספרי אֲני כתבתי,
לֹא בשפת תל־אָביב
שפה זו כה אהבתי.

„תאדור הרצל״ שמך.
על שם המנהיג הגואל,
לך פי כמה גדלה שמחה
במנחת „רשמי ארץ־ישראל״...

זכור תזכור כי גם לנו
עם, ארץ ושפה
בהם חיינו אורך ימינו
גם נשמתך בם יפה!...

צו מיין טאָכטער ראָזע:

צו מיין גוטער טאָכטער,
מיין ליבע בת־יחידה,
א כשרה נשמה,
א פרומע, א חסידה.

און אָנדענק זאָלסטו האָבען
מיין בוך פון ארץ־ישראל.
לייען מיין בוך כסדר,
לייען איהם אלע מאָל!...

געדענק דיינע אבות,
געדענק דיין באָבע'ן, זיידע'ן,
געדענק זיי אלע,
געדענק זיי יעדען!

געדענק דיין ליבעם פאָלק
מיט זיין ארץ־ישראל.
לייען מיין בוך כסדר,
לייען איהם אלע מאָל!...